STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02278

DI MILKHOME GEFAR AFN VAYTN MIZREKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מילכאָמע־געפאַר
אפּן ווײַטן מיזרעך

זאמלבוך

פארלאג „עמעס"
מאָסקווע 1934

ייִדיש — ר. וויג.

רעדאקטער פונ דער
איבערזעצונג — ה. מײַזל.

קווסינענ

דער יאפאָנישער אימפעריאַליזמ אונ דער כאראקטער פונ דער יאפאָנישער רעוואָליוציע

(פונעמ פאָרטראָג אפ דער זיצונג פונעמ פרעזידיומ פונ אויס־פיר־קאָמיטעט פונ קאָמינטערנ דעמ 8-טנ מארט 1932 יאָר)

די געשעענישנ פונ די לעצטע כאדאָשימ פאָדערנ אנ אופמערקזאמענ אנאליז פונ דער לאגע אינ יאפאָניע. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ יאפאָניע איז א טעמע, אינ דער העכסטער מאָס אנ אקטועלע. אויב אונדז וועט זיכ איינגעבנ קלאָר צו אנטפלעקנ די קאָנקרעטע אייגנארטיקייט פונ די יאפאָנישע באדינגונגענ אונ פונ דער יאפאָנישער רעוואָליוציע, וואָלט דאָס געווענ א גרויסע דערגרייכונג. ביז איצט האָבנ אונדזערע רעזאָליוציעס איבער דער דאָזיקער פראגע געטראָגנ זייער אנ אלגעמיינעמ כאראקטער. אָבער פארשטיינ די אייגנארטיקייט פונ דער לאגע אינ יאפאָניע איז ניט אזוי פאָשעט. אונ דעריבער וואָלט געווענ ניט ריכטיק באמ באהאנדלענ די דאָזיקע פראגע צו אורטיילנ בוכשטעבלעכ אזוי, ווי מיר טוענ עס באמ אָפשאצנ די לאגע אינ אנדערע אימפעריאליסטישע מעלוכעס. די הערשנדיקע שיכטנ אינ יאפאָניע — דאָס זיינענ די אימפעריאליסטנ, אָבער באזונדערע אימפעריאליסטנ: זיי שטעלנ מיט זיכ פאָר א מינ אָריגינעלנ געמיש פונ קאפיטאליסטישע ספעקוליאנטנ, וועלכע האָבנ זיכ דערשלאָגנ קאָפּשווינדלדיקע רייכטימער, אונ פונ אזיאטישע פעאָדאלע ווילדע רויבער. לעניג האָט געזאָגט, אז אינ יאפאָניע וועט די נייסטע מאָנאָפּאָליע פונעמ מאָדערנעמ פינאנצ־קאפיטאל טיילווייז דערפילט, טיילווייז פארביטנ מיט פאר־

שיידענע אנדערע פאקטאָרנ. אזויארום איז לויט לענינס מיינונג (און ער האָט דאָס געזאָגט טייקעפ נאָכנ סאָפ פונ דער מילכאָמע), דער יאפּאָנישער פינאנצ-קאפיטאל ניט אינ דער פולער מאָס א מאָדערנער, דאָס הייסט, ער אנטשפּרעכט ניט אינגאנצנ דעמ נייַסטנ טיפּ פינאנצ־קאפיטאל. אָט דאָס נעמט מענ ניט אלעמאָל אינ אכט, באמ אנאליזירנ דעמ פינאנצ־קאפּיטאליזמ. מע קאָנ קאָנסטאטירנ די אָנוועזנקייַט פונ א באשטימטער טענדענצ צו מאכנ זייער אייַנזייַטיקע אויספירנ פונעמ פאקט פונ דער קאָנצענטראציע אינ יאפּאָניע. פאקטיש קאָנטראָלירנ פינפ גרעסטע טרעסטנ קימאט א העלפט פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פונ יאפּאָניע. 12 גרעסטע אקציאָנערע געזעלשאפטנ קאָנטראָלירנ 65 פּראָצ. פונ דער גאנצער נאציאָנאלער האכנאָסע, וואָס עס ווערט באקומענ פונ דער אינדוסטריע, טראנספּאָרט, שיפגאנג אאוו. מיר האָבנ דאָ אנ אויסערגעוויינלעכ הויכע מאָס פונ קאָנצענטראציע פונ דער אינדוסטריע און פונ קאפּיטאל. דער פאקט פונ דער מאָנאָפּאָליע איז דאָ גאנצ באשייַמפּערלעכ.

אָבער וואָס פאר א סטרוקטור האָט דער יאפּאָנישער קאפּיטאליזמ? פריער פאר אלצ דאָמינירט נאָכ דאָ די לייַכטע אינדוסטריע. דאָס איז אזא שטריכ, וואָס איז אבסאָליוט ניט כאראקטעריסטיש פאר דעמ מאָדערנעמ נייַסטנ פינאנצ-קאפּיטאל. הייסט עס, האָבנ מיר דאָ הויפּטזאכלעכ די לייַכטע אינדוסטריע, דאָס הייסט: א אינדוסטריע, וואָס האגאמ זי איז אויסגעשטאט לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער טעכניק, האָט זי אָבער פארהעלטניסמעסיק א מער נידעריקנ אָרגאנישנ באשטאנד פונעמ קאפּיטאל.

דאָס איז דער אמערסטנ כאראקטעריסטישער שטריכ פונ דער סטרוקטור פונעמ יאפּאָנישנ קאפּיטאל. די פּראָדוקציע פונ די פּראָדוציר־מיטלענ, די שווערע אינדוסטריע, וואָס בילדנ דעמ רוקנבייג פונעמ מאָדערנעמ נייַסטנ פינאנצ־קאפּיטאל, איז אינ יאפּאָניע אנטוויקלט זייער שוואכ. בא 50—60 פּראָצ. פּראָדוציר-מיטלענ פירט יאפּאָניע ארייַנ פונ אנדערע לענדער.

אזויארומ האָבנ מיר דאָ אינגאנצנ אנ אנדער בילד, איידער אינ דייַטשלאנד, פאראייניקטע שטאטנ, ענגלאנד אאוו.

העכער א העלפט ארבעטער זייַנענ הויפּטזאכלעכ פארנומענ אינ צוויי צווייַגנ: אינ דער טעקסטיל-אינדוסטריע און אינ דער זייַד־אינדוסטריע. די צאָל ארבעטער איז פארהעלטניסמעסיק גרויס: מע דארפ רעכענענ, אז א גרויסער טייל פונ דער באפעלקערונג באשטייט פונ פּראָלעטאריער, אָבער די מערהייַט ארבעטער איז ווידעראמאָל פארנומענ אינ דער טעקסטיל־און זייַד־אינדוסטריע.

די פּראָדוקציע פונ קוילנ, אייַזנ און שטאָל איז אנטוויקלט זייער שוואכ. אייַזנארצ איז אינגאנצנ אָדער קימאט אינגאנצנ ניטאָ. עס זייַנענ אויכ ניט פאראנ קיינ אנדערע מעטאלנ, ווי קאָלירטע מעטאלנ אאוו. עס באגעגנט זיכ בלויז

קופער. די דאָזיקע אָרעמקײט אינ מעטאלנ רופט זיכ, פארשטייט זיכ, אָפּ אפּ דער אנטוויקלונג פונ דער עלעקטרישער אינדוסטריע און אפּ אנדערע צווייגנ נאָענטע צו דער עלעקטרע־אינדוסטריע. קוילנ איז אינ יאפּאָניע פאראנ, אָבער בלויז פונעמ ערגסטנ סאָרט, אונ דערצו זײַנענ די געפינערטער פונ קוילנ זייער ווײַט פונ די אינדוסטריעלע צענטערס. אויסער דעמ, איז די פּראָדוקטיווקײַט אפּ די קוילנ־שאכטעס זייער נידעריק, אונ דעריבער קאָסטנ די קוילנ אינעמ אינדוסטריעלנ געברויכ זייער טײַער.

עס עקזיסטירט א מעטאלישע אינ מאשינבויערישע אינדוסטריע. אָבער זיי זײַנענ ניט קיינ כאראקטעריסטישער דאָמינירנדיקער מאָמענט אינ דער סטרוקטור פונ דער יאפּאָנישער אינדוסטריע. ווי געזאָגט, זײַנענ דאָמינירנדיק בלויז די טעקסטיל־אונ זײַד־אינדוסטריע.

יאפּאָניע האָט ניט קיינ אייגענעמ בוימוואָל, דאָס פילט זיכ באזונדערס שטארק אינ לאנד, ווו דער באדײַטנדיקסטער צווײַג פונ דער אינדוסטריע איז די טעקסיל־אינדוסטריע.

עס פילט זיכ זייער שטארק די אָפּוועזנקײַט פונ רוישטאָפּ פאר דער כימישער אינדוסטריע.

א שוואכ אָרט פונעמ יאפּאָנישנ קאפּיטאליזמ דאָס איז די זייער ניט גענוגנדיקע רוישטאָפּ־באזע. דאָס איז איינער פונ די מאָטיוונ פאר דער שטרעבונג פונעמ יאפּאָנישנ קאפּיטאליזמ צו עקספּאנסיע. אָבער דאָס איז בלויז איינער פונ די מאָטיוונ. א סאכ א מער וויכטיקע באדײַטונג האָט די שמאָלקײַט פונעמ אינערלעכנ מארק. די אומבאדײַטנדיקע אופנעמ־פייקײַט פונעמ אינערלעכנ מארק ווערט, ווידער, דערקלערט מיט דער אויסערגעווײנלעכ הויכער נאָרמע פונ עקספּלואטירנ די ארבעטער, פונ איינ זײַט, אונ די פויערימ פונ דער צווייטער.

אינ יאפּאָניע ווערט דורכגעפירט אנ אומגלייבלעכ ווילדע עקספּלואטאציע פונעמ ארבעטער־קלאס. דער לעבנס־ניוואָ פונ די ארבעטער איז דאָ פּונקט אזוי נידעריקער, ווי אינ די קאָלאָניעס. די לאגע פונ אייניקע ארבעטער־שיכטנ, באזונדערס די לאגע פונ זייער פילצאָליקע ארבעטנדיקע פרויענ אונ קינדער, דערמאָנט אָנ דער קנעכטשאפט אינ פולנ זינ פונ וואָרט.

פונ דער אנדער זײַט, באמערקנ מיר דאָ א שטענדיקע עקספּלואטאציע פונעמ פויערטומ, וואָס ווייס ניט קיינ גרענעצנ, וואָס איז באדינגט פונ די זייער שטארקע איבערלעבענישנ פונ פעאָדאליזמ אינ יאפּאָניע. דאָס יאפּאָנישע דאָרפ איז פארנ יאפּאָנישנ קאפּיטאליזמ א קאָלאָניע אינ זײַנ אייגענעמ לאנד. די עקספּלואטאציע פונ דער דאָזיקער קאָלאָניע ווערט דורכגעפירט אפּ א צווייִקנ אויפנ: ערשטנס, דורכ דער פרײַזנ־פּאָליטיק, וואָס די גרויס־קאפּיטאליסטישע טרעסטנ פארווירקלעכנ, ארויסטרעטנדיק אלס פארקויפער פונ די אינדוסטריעלע סכוירעס פאר דעמ פויערטומ אונ אלס

אופקויפער פונ לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ באַם פּויערטום. צווייטנס, מיט דער הילף פונ די הויכע שטײַערנ אונ פּראָצענטנ, וואָס הערשנ אַר־מעטום אינ דאָרף אינ די סאַמע אומראַכמאָנעסדיקע פאָרמענ.

דער דאָזיקער קאַפּיטאַליסטישער אויפנ פונ עקספּלואַטאַציע ווערט נאָכ מער פאַרשטאַרקט אַדאַנק דעמ, וואָס גלײַכצײַטיק עקזיסטירנ נאָכ די ביז־קאַפּיטאַליסטישע פאָרמענ פונ עקספּלואַטאַציע. די גרויסע פּריצימ רויִנירנ אויכ זייער שטאַרק דאָס פּויערטום, דאָס ווערט געמאַכט אינ דער פאָרמ פונ אַרענדע.

די אַרענדע דאָס איז אַ האַלב־פעאָדאַלע פאָרמ פונ עקספּלואַטירנ דאָס פּויערטום. אינ דער מערהײַט פאַלנ באַטרעפט דער אַרענדע־אָפּצאָל מער ווי אַ העלפט פונ דער געראַטעניש, אונ נאָכ מער אַפילע. דער אַרענדע־אָפּ־צאָל ווערט יערלעכ אָפּגענומענ באַ די פּויערימ דורכ די סאַמע גרעסטע פּריצימ, וועלכע אַליינ פאַרנעמענ זיי זיכ ניט מיט דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר פירנ אַ בעפּיירעש פּאַראַזיטישע עקזיסטענצ. דערמיט ווערט דערקלערט די קאָלאָסאַלע פאַראָרעמטקײַט פונעמ יאַפּאָנישנ פּויערטומ. די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פונ יאַפּאָניע גיט אַבסאָליוט ניט קיינ מעגלעכקײַט אײַנצו־שלינגענ אינעמ פּראָדוציר־פּראָצעס די פּאַופּעריזירטע שיכטנ פּויערטומ. די פּאַופּעריזאַציע פונעמ פּויערטומ גייט אַלצ ווײַטער אונ ווײַטער.

די בורזשואַזע איבערקערעניש אינ יאַפּאָניע איז אינ דעמ העכסטנ גראַד געווענ ניט קיינ פאַרענדיקטע, אינ דעמ העכסטנ גראַד אַנ אומאַנט־שלאָסענע, אַ האַלביקע. אָנהייבנדיק פונ די 50-ער אונ 60־ער יאָרנ, — בלויז פונ דער דאָזיקער צײַט קאָנ מענריידנ וועגנ בורזשואַזע רעפאָרמענ אינ יאַפּאָ־ניע, אונ ביכלאַל וועגנ וואָסערע ניט איז ענדערונגענ אינ זינ פונ בורזשו־אַזער איבערקערעניש, — אָנהייבנדיק פונ דער דאָזיקער צײַט, איז די אַנט־וויקלונג אַלעמאָל געגאַנגענ אַפנ וועג פונ קאָמפּראָמיסנ צווישנ דער בור־זשואַזיע, וואָס האָט זיכ אופגעהויבנ, אונ צווישנ דעמ גרויסנ פעאָדאַלנ ערדבאַזיצ. די דאָזיקע קאָמפּראָמיסנ זײַנענ אַלעמאָל פאַרווירקלעכט געוואָרנ אַפנ כעזשבנ פונ די אַרבעטער אונ פּויערימ.

אינ אַנדערע לענדער, אינ אייראָפּע, איז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע, ניט געקוקט אַפ איר האַלביקײַט, געווענ אַ מער טיפע. דאָרטנ זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ גרויסע מעגלעכקײַטנ פאַר דער אַנטוויקלונג פונ אַ שטאַרקנ זעלבשטענדיקנ פּויערטום, מעגלעכקײַטנ, וואָס זײַנענ געבליבנ אַב־סאָליוט אויסגעשלאָסנ אינ יאַפּאָניע צוליב די שטאַרקע רעשטלעכ פונעמ פעאָדאַליזמ.

אָט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטנ פאַר יאַפּאָניע האָבנ עס מיט זיכ באַדינגט די ענגקײַט פונעמ אינערלעכנ מאַרק, וואָס האָט, פאַר־שטייט זיכ, פונ איר זײַט טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פונעמ יאַפּאָנישנ קאַ־

פיטאליזמ און זײַנ פארוואנדלונג אינ א פארענדיקטנ, נײַסטנ מאָדערנעמ פינאנצ-קאפיטאליזמ.

וואָס קלענער עס ווערט מיט דער צײַט די מעגלעכקײַט אויסצופרעסנ נאָכ וואָס-ניט־איז באמ יאפּאָנישנ פויערטומ און פונ די יאפּאָנישע ארבעטער, פונ ווענענ עס איז שוינ איצט אויסגעזויגט דאָס גאנצע בלוט, — אלצ מער ווערט די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעמ יאפּאָנישנ קאפּיטאליזמ געשטעלט אינ אָפּהענגיקײַט פונ גרויסע רויבערישע מיליטערישע קאמפּאניעס, פונ מיליטערישע מארשנ אינ אנדערע לענדער. אינ דעמ דאָזיקנ שײַנ דארפ מענ באטראכטנ דעמ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קריזיס אינ יאפּאָניע.

די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע פונ 1914—1918 יאָרנ האָט געעפנט פאר יאפּאָניע גרויסע מעגלעכקײַטנ פונ פארברייטערנ איר אָפּזאצ אפנ ווײַטנ מיזרעכ: אינ כינע און אויכ אינ אינדיע, אינדאָנעזיע און אפ די מאלײַישע אינדזלענ. אָבער נאָכ דער מילכאָמע אפנ ווײַטנ מיזרעכ האָבנ זיכ ווידער באוויזנ די ענגלענדער, אמעריקאנער, פראנצויזנ, דײַטשנ און די לאגע איז פאר יאפּאָניע ווידעראמאָל געוואָרנ שווער.

אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ די דאָזיקע שוועריקײַטנ נאָכ מער אויסגעוואקסנ. פאר דער צײַט פונ דער מילכאָמע איז אינ אינדיע, אינדאָנעזיע, כינע — אינ אָט די דאָזיקע וויכטיקסטע ראיאָנענ פונעמ אָפּזאצ פונ די יאפּאָנישע טעקסטיל-אויסארבעטונגענ — אופגעקומענ אנ אייגענע טעקסטיל־אינדוסטריע, און בלויז זײַד, וואָס ווערט הויפּטזאכלעכ עקספּאָרטירט אינ די פאראייניקטע שטאטנ, האָט ניט געליטנ פונעמ דאָזיקנ אנטוויקלונג־גאנג. דערצו דארפ מענ נאָכ צוגעבנ די ערד־ציטערניש אינ יאפּאָניע, דאָס אײַנפירנ נײַע שוצ־שטײַערנ אינ אינדיע און אפ די מאלײַישע אינדזלענ און דאָס פאלנ פונ די פּרײַזנ אפ זײַד און רײַז. אויב מע זאָל נעמענ אינ אכט, אז דער זײַד־עקספּאָרט פונ יאפּאָניע (וואָס 90 פּראָצ. פונ אימ גייט אינ די פאראייניקטע שטאטנ) באטרעפט 30—40 פּראָצ. פונעמ גאנצנ יאפּאָנישנ עקספּאָרט, וועט ווערנ קלאָר, אז דאָס פאלנ פונ די פּרײַזנ אפ זײַד דערלאנגט א שווערנ קלאפּ דעמ גאנצנווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ יאפּאָניע.

די אנטווערטונג פונעמ פונט סטערלינג האָט געהאט א ווירקונג אינ דער זעלביקער ריכטונג, ניט געקוקט דערופ, וואָס דאָס פאלנ פונעמ קורס פונ דער יאפּאָנישער וואליוטע, וואָס איז געקומענ גלײַכ נאָכדעמ, האָט באדײַטנדיק אויסגעגלײַכט די פינאנציעלע לאגע.

די אָפּשאפונג פונעמ גאָלד-סטאנדארט איז געקומענ אזוי אומדערווארט, אז איינער פונ די גרעסטע יאפּאָנישע בענק איז געבליבנ שולדיק אמעריקע 170 מיליאָנ דאָלאר. עמעס, אנדערע בענק האָבנ גוט פארדינט אפ דער דאָזיקער ספּעקוליאציע, אָבער די רעוואָכימ דעקנ ניט יענע פארלוסטנ, וואָס יאפּאָניע האָט דערבײַ געהאט.

אין פארערגערן די עקאָנאָמישע לאגע אין אלגעמיין שפּילט ניט די לעצטע ראָליע דער בויקאָט פון די יאפּאַנישע סכוירעס אפ די אָפּזאצ-מערק אין כינע, אינדאָנעזיע, בירמא און אינדאָכינע. אין די דאָזיקע לענדער איז פאראן א ברייטער שיכט כינעזישע קאָמערסאנטן, וועלכע האלטן אין זייערע הענט דעם גאנצן הורט-האנדל און פירן דורך אפן סאמע ענערגישן אויפן דעם בויקאָט פון יאפּאַנישע סכוירעס ניט אָן דער האס־קאָמע פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע.

די דאָזיקע סיבעס פונעם קריזיס, וועלכע ווירקן צוזאמען מיטן אל־געמיינעם רוישטאָפ־קריזיס, האָבן זיך אויך שטארק אָפּגעשפּיגלט אפ יאפּאַניע און דערקלערן די אָנוועזנקייט פון א שטענדיקער ארמיי ארבעטלאָזע אין א צאָל העכער צוויי מיליאָן מאן אין יאפּאַניע. זיי דערקלערן אויך די פאלונג פון דער פּראָדוקציע אין דער טעקסטיל־און זייד-אינדוסטריע און אויך אין דער שיפבויונג, וואָס האָט דערגרייכט 30—50 פּראָצ. מיט דער זעלביקער סיבע דערקלערט זיך אויך דאָס פאלן פון דער פּראָדוקציע פון דער בארג־אינדוסטריע אפ 30—40 פּראָצ. און די פארקירצונג פונעם אויסערן-האנדל, וואָס ווערט דערפון ארויסגערופן, און אויך די גרויסע באנק־קראכן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער פארערגערונג פון דער לאגע אין די דאָזיקע אלע צווייגן.

נאָך פון 1926 יאָר האָט יאפּאַניע איבערגעלעבט א שארפן קריזיס פון דער גאנצער קרעדיט-סיסטעם. אין דער לעצטער צייט האָט דער קרעדיט־קריזיס זיך ווידער באנייט, אָבער די דאָזיקע באנק-קראכן און דער מאנגל אין קאפּיטאל, וואָס יאפּאַניע פּרווט זיך לינדערן דורך קריגן האלוואָעס אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און אין ענגלאנד, שטערט ניט, אז באם יאפּאַנישן קאפּיטאליזם זאָל פונדעסטוועגן אופקומען א נויטווענדיקייט ארויסצופירן קאפּיטאל אפ צו אינוועסטירן אין אויסלאנד, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם מאָדערנעם פינאנץ־קאפּיטאל. אזוי, צום־ביישפּיל, האָט יאפּאַניע פאר די לעצטע יאָרן אריינגעלייגט גאנץ גרויסע קאפּיטאלן אין כינע און, באזונדערס, אינעם טאָל יאנצזי.

אין דער זעלביקער צייט האָט יאפּאַניע אריינגעפירט אנערעך אזויפיל ענגלישן און אמעריקאנישן קאפּיטאלן: לויט די אָפיציעלע אָנגאבן האָט זיך דער אימפּאָרט פון אמעריקאנישן קאפּיטאל אויסגעדריקט אין א ציפער פון $3^1/_2$ מיליארד יען און פונעם ענגלישן קאפּיטאל — 4,1 מיליארד יען. טאקע צוליב אזא קאָלאָסאלן אריינפיר פון אויסלענדישן קאפּיטאל אין יאַ־פּאַניע פילט דער יאפּאַנישער קאפּיטאליזם מיט זיין אומגעווינלעכער קאָנ-צענטראציע די נויטווענדיקייט צו עקספּאָרטירן זיין אייגענעם קאפּיטאל.

אין וואָס זשע זעט די יאפּאַנישע בורזשואזיע דעם אויסגאנג פון די אלע שווערינקייטן? זי זעט עס אין א מילכאָמע, אין דער מיליטערישער

עקספּאַנסיע. אויסער די שוין דערמאָנטע סיבעס, ווירקן אין דער דאָזיקער ריכטונג אויך די דאָזיקע אומשטענדן, וואָס יאַפּאָניע פֿאַרמאָגט אַ טעכניש זייער הויך אַנטוויקלטן מיליטערישן אַפּאַראַט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו פֿירן ברייט פֿאַרטראַכטע רויבערישע מיליטערישע קאַמפּאַניעס. אין אַ באַשטימטן זין קאָן מען נאָך אויך איצט ריידן וועגן דעם מיליטעריש-פֿעאָדאַלן קאַפּיטאַליזם אין יאַפּאָניע.

די גאַנצע געשיכטע פֿון יאַפּאָניע ביז איצט רעדט וועגן דעם, אַז מילכאָמעס האָבן איר אַלעמאָל געבראַכט נוצן. אַדאַנק די מילכאָמעס האָט יאַפּאָניע אַלעמאָל דעראָבערט אָביעקטן פֿאַר רויבערישער עקספּלואַטאַציע — צי איז עס געווען אַדאַנק אירע אייגענע מילכאָמעס, צי אַדאַנק די מילכאָמעס, וואָס אַנדערע לענדער האָבן געפֿירט איינס מיטן אַנדערן.

אייגנטלעך גערעדט, האָט יאַפּאָניע אַפֿילע דעראָבערט איר אומאָפּהענגיקייט אַדאַנק די מילכאָמעס צווישן די אימפּעריאַליסטישע גרויסע מעלוכעס. מיר מיינען דאָ די קרימער מילכאָמע אין סאָף 50-ער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט און אויך די מילכאָמע פֿון די דאָרעמדיקע שטאַטן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן ענגלאַנד, אַמעריקע און פֿראַנקרײַך געבונדן די הענט.

אַדאַנק די אייגענע מילכאָמעס האָט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פֿון יאַפּאָניע עטלעכע מאָל איבערגעלעבט אַן אופֿשטײַג. אַזוי איז געווען בייס דער כינעזיש־יאַפּאָנישער מילכאָמע אינמיטן די 90־ער יאָרן, דערנאָך בייס דער רוסיש־יאַפּאָנישער מילכאָמע אין 1904—1905 יאָר און צום דריטן מאָל — די וועלט־מילכאָמע.

אין רעזולטאַט פֿון די מילכאָמעס האָט יאַפּאָניע אַלעמאָל געוווּנען, אָבער זי האָט פֿאַרלאָרן אין רעזולטאַט פֿון שאָלעם און אין רעזולטאַט פֿון די פֿרידן־אונטערהאַנדלונגען. אינדערעמעסן, יעדעס מאָל באַם שליסן שאָלעם האָבן זיך אין איניען אַרײַנגעמישט מער מעכטיקע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס — געוויינלעך דער אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליזם, — און האָבן דיקטירט איינגאַנצן אַנדערע פֿרידן־באַדינגונגען, איידער יענע, אויף וועלכע יאַפּאָניע וואָלט געקענט אויסרעכענען אין רעזולטאַט פֿון אירע געלונגענע מיליטערישע אָפּעראַציעס. דאָס איז פֿאָרגעקומען נאָך דער רוסיש־יאַפּאָנישער מילכאָמע אין פּאָרטסמוט, דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אויך באַם סאָף פֿון דער וועלט-מילכאָמע — אין וואַשינגטאָן אין 1922 יאָר און אויף דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ אין 1930 יאָר.

ס'איז אָן צווייפֿל, אַז יאַפּאָניע האָט צוגעגרייט די איצטיקע כינעזישע קאַמפּאַניע שוין אין מעשעך פֿון עטלעכע יאָר פּונקט אַזוי, ווי זי האָט אין איר צײַט געגרייט זיך צו אַ מילכאָמע מיטן צאַרישן רוסלאַנד נאָך לאַנג פֿאַרן אָנהייב פֿון דער מילכאָמע.

וואָס זשע איז דער ציל פונעם איצטיקנ מיליטערישנ מארש אינ כינע? דער יאפּאָנישער רעגירנדיקער קלאס האָט פריער פאר אלצ געהאט איגזינענ מאנדזשוריע, אָבער אויסער דעמ שטרעבט ער אויכ צו דעראָבערנ באשליסנדיקע פּאָזיציעס אינעמ טאָל יאנצזי אונ אינ צאָפּנ-כינע ביכלאל. ענדלעכ, שטרעבט ער אויכ ארויסצוטרעטנ קעגנ ראטנפארבאנד. עס איז אָנ צווייפל, אז דער דאָזיקער גאנצער פארטראכט גייט ארײַנ אינ די אימפעריאליסטישע פּלענער פונ יאפּאָניע.

פאר יאפּאָניע איז וויכטיק צו געפינענ פעסטע פארבינדעטע פאר אירע גרויסע מיליטערישע אָנהייבנ. נאָכ אינ 1920 יאָר, דאָס הייסט, נאָכ דער וועלט-מילכאָמע, האָט לעניג געזאָגט, אז יאפּאָניע קאָנ זיכ ניט באשליסנ אפ א זעלבשטענדיקער מיליטערישער ארויסטרעטונג, אויב זי וועט ניט זײַנ זיכער אינ דער שטיצע פונ אנ אנדער מעלוכע. עס פארשטייט זיכ, אז יאפּאָניע אליינ אנערקענט עס אויסגעצייכנט: ווײַל עס רעדט זיכ דאָכ וועגנ יאפּאָנישע אָפּעראציעס אפ יענער טעריטאָריע, ווו עס איז מעגלעכ א קאָנפליקט צווישנ יאפּאָניע אונ די פאריייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע אונ ווו עס אנטשטייט א פּערספּעקטיוו פונ מילכאָמע קעגנ ראטנפארבאנד.

אינ די יאָרנ 1918—1919 האָט יאפּאָניע אָנטיילגענומענ — אונ נאָכ וואָס פאר אנ אָנטייל — אינ דער אינטערווענצ פונ די פערצנ מעלוכעס קעגנ ראטנפארבאנד. מיר האָבנ נאָכ ניט פארגעסנ די ווילדע רעציכישע „העלדנטאטנ" פונ די יאפּאָנישע סאָלדאפּאָנעס. עס איז אויסערגעוויינלעכ אינטערעסאנט צו דערמאָנענ, וויאזוי ס'איז דעמלט דורכגעפירט געוואָרנ די ארויסטרעטונג קעגנ ראטנפארבאנד. די גרויסע מעלוכעס האָבנ אײַנגעשטעלט קאָנטינגענטנ פונ באוואָפנטע קויכעס, וואָס יעדערער פונ זיי האָט געדארפט ארויסשטעלנ קעגנ ראטנפארבאנד. יאפּאָניע האָט מענ פאָרגעלייגט צו געבנ א אינטערווענציע־אָטריאד פונ 7 טויזנט מענטשנ. דאָס איז געווענ די ערשטע ארמיי פונ דער פעלקער-ליגע, וואָס איז, עמעס, נאָכ דעמלט ניט ארויסגעטראָטנ אונטער דער דאָזיקער פירמע, אָבער אינ דערווירקלעכקײַט האָט זי פונקציאָנירט? פארדינט אזא נאָמענ.

יאפּאָניע האָט ארויסגעוויזנ אנ אויסערגעוויינלעכע גרייטקײַט אָנטיילצונעמענ אינ דער אינטערווענצ אונ האָט ארויסגעשטעלט ניט קיינ זיבנ אונ ניט קיינ צענ טויזנט מאנ, נאָר א גאנצע ארמיי פונ זיבעציק טויזנט מאנ. אזויארום האָט יאפּאָניע לויט איר אייגענער איניציאטיוו געגעבנ אינ צענ מאָל מער, איידער אפ איר כיילעק איז געווענ באשטימט. די פאריייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע האָבנ דעמלט געהאלטנ, אז דאָס איז אפילע צופיל. אונ ניט געקוקט אפ דער דאָזיקער קאָלאָסאלער מאָביליזאציע פונ די מיליטערישע קויכעס, האָט די רויטע ארמיי ארויסגעשטויסנ דאָס יאפּאָנישע אונ אנדער ווײַסנ אינטערווענציאָניסטישנ מיליטער. יאפּאָניע איז ארויסגע-

שטויסנ געוואָרנ, אונ נאָכדעמ איז דער יאַפּאָנישער אימפּעריאַליזמ געווענ געצוווּנגענ זיכ צו באַנוגענענ בלויז מיט פישפאַנגערײַ אינ אונדזערע וואַסערנ. אָבער אַזויווי דער מער-רעוועכ, וואָס ווערט באַקומענ פונ דעמ דאָזיקנ פאַנגענ, האָט זיכ אימ אויסגעדוכט פאַר ניט גענוג, אונ אַזויווי די באָלשעוויקעס האָבנ דערווײַל זיכ אויסגעלערנט אַלײנ צו פאַרנעמענ מיטנ פיש-געווערב, ווײַל מיר קלײַבנ זיכ איצטער ניט אָפּצוגעבנ די יאַפּאָנישע ספּעקוליאַנטנ די מאָנאָפּאָל אינ דעמ דאָזיקנ וועזנ, האָט די יאַפּאָנישע בורזשואַזיע אָנגעהויבנ צו מאַכנ מוטנע דעמ וואַסער, קעדיי אינ מוטנעמ וואַסער פאַנגענ שוינ גאָר אינגאַנצנ אַנדערע פיש...

★

איצטער וועלנ מיר זיכ אײַנקורצנ אָפּשטעלנ אַפ דער פראַגע וועגנ דעמ, וואָס דער יאַפּאָנישער אימפּעריאַליזמ שטעלט פאָר מיט זיכ, אויב מע זאָל אימ באַטראַכטנ פונ אינעווייניק. וואָס איז ביכלאַל די עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע סטרוקטור פונעמ יאַפּאָנישנ אימפּעריאַליזמ אונ פונעמ יאַפּאָנישנ געזעלשאַפטלעכנ רעזשימ, וואָסערע זײַנענ די כאַראַקטעריסטישע שטריכנ פונ דער יאַפּאָנישער רעוואָליוציע אונ אינ וואָס באַשטײט די נאָענטסטע אויפגאַבע פונ דער יאַפּאָנישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

מע דאַרפ אָנערקענענ, אַז די אויפגאַבע אויסצואַרבעטנ אונ פאָרמולירנ די כאַראַקטעריסטיק פונעמ נאָענטסטנ עטאַפּ פונ דער יאַפּאָנישער רעוואָליוציע — איז זײער ניט קײנ גרינגע. אינ דער דאָזיקער פראַגע הערשט אַ גרויסער פּלאָנטער, אַפילע אינ די רײענ פונ דער יאַפּאָנישער פּאַרטײ, וועלכע האָט זיכ פריִער אָריענטירט אַפ דעמ בורזשואַז-דעמאָקראַטישנ כאַראַקטער פונ דער רעוואָליוציע. אינ מעשעכ פונ די לעצטע יאָרנ איז, עמעס, פאָרגעקומענ אַ קער, אָבער, צומ באַדויערנ, ניט אינ דער זײַט פונ אַ מער ריכטיקנ שטאַנדפּונקט, נאָר אינ דער זײַט פונ אַ מער פעלערהאַפטנ.

אינ וואָס זשע באַשטײט די שווערקײַט פונ דער דאָזיקער פראַגע? אונדז דוכט, אַז אײניקע כאַווײרימ, צווישנ זײ אײניקע יאַפּאָנישע כאַווײרימ, זײַנענ עטוואָס שולדיק דערינ, וואָס לענינ האָט באַ ראָזע לוקסעמבורג אונ פּיאַטאַקאָוונ אָנגערופנ אימפּעריאַליסטישנ עקאָנאָמיזמ. זײ האָבנ לויט אַ שאַבלאָנ גענומענ בלויז אײנ זײַט פונ דער קאָנצענטראַציע פונ קאַפּיטאַל — דעמ „פינאַנצ-קאַפּיטאַל“ — אונ, אַרויסגײענדיק דערפונ, בלויז אַפ דער באַזע פונ דעמ מאָמענט האָבנ זײ באַשטימט דעמ כאַראַקטער פונ דער יאַפּאָנישער רעוואָליוציע, אַלס פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע. דערבײַ האָבנ זײ זיכ ניט געפרוווט שטעלנ די פראַגע וועגנ דעמ כאַראַקטער פונ דער רעוואָליוציע, דיסקאָנטירנדיק די אײגנאַרטיקײַט פונ די יאַפּאָנישע באַדינגונגענ אינ זײער גאַנצנ קאָמפּלעקס. אַזויאַרומ זײַנענ די דאָזיקע כאַווײרימ, וואָס האָבנ

זיך באזירט אפ א באגרענעצטער צאָל פאקטן, געקומען צו זייער אײַליקע באשלוסן. אָט פארוואָס עס האָט זיך בא זיי באקומען אין רעזולטאט פונקט אזעלכע אויספירן, ווי בא די טראָצקיסטן.

דער דאָזיקער אָפנייג, דער דאָזיקער „לינקער" טאָעס האָט געהאט א ווײַט ניט קיין אומשעדלעכן פּאָליטישן זין: אין יעסאָד פון דעם דאָזיקן פעלער איז געלעגן דאָס ניטדערשאצן דעם קאמף קעגן דער יאפּאָנישער מאָנארכיע און קעגן די רעשטן פונעם פעאָדאליזם פון יאפּאָניע. עס פארשטייט זיך, אז מיר אלע אָריענטירן זיך אפ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, אפ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. אָבער אלס מארקסיסטן לעניניסטן זײַנען מיר מעכוייעוו פריִער פון אלץ אמעגלעכסטן בוילעטער אָנצייכענען דעם קאָנקרעטן וועג פון דער רעוואָליוציע און באווײַזן, אפ וואָס פאר א וועג זי דארף גיין, קעדיי צו זיגן.

באם שטעלן די דאָזיקע פראגע אין דער אָנווענדונג צו יאפּאָניע, קאָן מען בעשום אויפן ניט פארבײַגיין פארבײַ דער קאָלאָסאלער באדײַטונג פונעם קאמף קעגן דער מאָנארכיע. אן אנדערשמאָל ווערט ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז די מאָנארכיע אין יאפּאָניע שפּילט ניט קיין זעלבשטענדיקע ראָליע. אָבער די ראָליע פון דער מאָנארכיע באשטייט דאָך טאקע אין דעם, אז זי זאָל דינען אלס אויספיר־אָרגאן פון דער פּאָליטיק פון די פעאָדאלע גרויסע פריצים, פון פעאָדאלן קלאס און פון דער בורזשואזיע. אפ דורכצופירן די פּאָליטיק פון די דאָזיקע צוויי קלאסן עקזיסטירט אן אפּאראט, עקזיסטירט א מעכאניזם, און פריִער פאר אלץ, א מיליטערישער מעכאניזם, בא וועמען מע קען ניט צאָפּלייקענען זײַן געוויסע זעלבשטענדיקע באדײַטונג.

אָפט ווערט אויך געשטעלט אונטער א סאָפעק די באהויפּטונג, אז די אבסאָליוטע מאָנארכיע עקזיסטירט אין יאפּאָניע בלויז פון 1868 יאָר. פונדעסטוועגן דוכט זיך אונדז פאר ניט צווייפלהאפט דער פאקט, אז טאקע דעמלט, אינעם אָנהייב פון דער בורזשואזער איבערקערעניש אין יאפּאָניע, איז די מאריִאָנעטן־מאָנארכיע, וועלכע האָט ביז דעמלט רעגירט אין לאנד און איז געשטאנען אין שפּיץ פון א אינגאנצן פעאָדאלער סיסטעם, פארביטן געוואָרן מיט דער הײַנטצײַטיקער סיטעם פון אבסאָליוטער מאָנארכיע, אונטערן לאָזונג פון רעסטאווראציע. אופשטעלן די אבסאָליוטע מאָנארכיע — אָט דאָס איז יענער רעאקציאָנערער פּאראָל, וואָס אונטער זיין צייכן איז דורכגעפירט געוואָרן די נאציאָנאלע פאראייניקונג פון יאפּאָניע אין קאמף קעגן די אָפּמאכן, וואָס זײַנען אָנגעצוואונגען געוואָרן דעם לאנד, און קעגן דער עקספּלואטאציע מיצאד די אויסלענדישע קאפּיטאליסטן. קעגן דעם דערווידערט מען, אָנווײַזנדיק, אז אין יאפּאָניע איז פונדעסטוועגן פאראן א פּארלאמענט און עס עקזיסטירט א קאָנסטיטוציע. „ווי זשע קען מען, —

פאַרגיט מען אַ פראַגע, — ריידן וועגן אַן אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע?" עמעס, אַ קאָנסטיטוציע עקזיסטירט, אָבער זי עקזיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר. עס איז אויך פאַראַן אַ פּאַרלאַמענט, אָבער עס איז ניטאָ קיין אַנדער לאַנד אין דער וועלט, אַלנפאַלס, אַ וויפל ניט איז באַדײַטנדיק לאַנד, ווו דער פּאַרלאַמענטאַריזם זאָל זײַן אַפּ אַזויפיל „פרײַ" פון אַלע רעכט פון דעמאָקראַטיע, אַזויפיל „ריין" פון קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, ווו דער פּאַרלאַמענט זאָל זײַן אַזוי ניט זעלבשטענדיק, אַזאַ פּאַרלאַמענט פון מאַריאָנעטקעס אין פולן זין פון וואָרט, ווו דער אַפּאַראַט פון דער מאָנאַרכישער ביוראָקראַטיע און פון די העכערע מיליטערישע קרײַזן זאָל זײַן אַפּ אַזויפיל זעלבשטענדיק אין באַצוג צום פּאַרלאַמענט און ווו עס זאָל זײַן אַזוי שווער אין די באַדינגונגען פון דער פאַקטישער „קאָנסטיטוציע", פון מאָנאַרכיסטישן קלאַסן־טעראָר דורכפירן אַפּ די וואַלן פון פּאַרלאַמענט אַוואָסער ניט איז פאָרשטייער פונעם אונטערדריקטן קלאַס.

די מאַכט־סיסטעם פון יאַפּאָניע אַנטהאַלט דרײַ באַשטאַנד־עלעמענטן. איינ באַשטאַנד־עלעמענט — דאָס איז די מאָנאַרכיע, דער צווייטער — דער פּריצישער ערדבאַזיץ, דער דריטער — דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם. אַזוי־אַרום האָבן מיר פאַר זיך אַ סיסטעם, ווו מע קען אונטערשיידן די דאָזיקע דרײַ באַשטאַנד־טיילן. דאָס פעסטשטעלן איז די אויפגאַבע פונעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, אַנדערש קען ניט זײַן קיין קלאָרקײַט אין דער דאָזיקער פראַגע. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאָנאַרכיע? דאָס איז פריִער פאַר אַלץ דער אַפּאַראַט, דער מאָנאַרכיסטישער מעלוכע־אַפּאַראַט. דער מאָנאַרכיסטישער מעלוכע־אַפּאַראַט שטעלט מיט זיך פאָר אַ פעסטן סקעלעט פון דער עקזיסטירנדיקער דיקטאַטור פונעם עקספּלואַטאַטאָרן־קלאַס. ער שפּאַרט זיך אָן אַפּ די דאָזיקע קלאַסן, ער איז דער פאָרשטייער פון זייערע אינטערעסן, ער געפינט זיך אין ענגסטן בלאָק מיט די אויבערשיכטן פון דער בורזשואַזיע און פּריצים. אָבער אין דער זעלביקער צײַט אַנטוויקלט ער זײַן זעלבשטענדיקע, פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע ראָליע און זײַן אַבסאָליוטיסטישן כאַראַקטער, וואָס ווערט בלויז פאַרטושט מיט אויסערלעכע, פּסעוודאָקאָנסטיטוציאָנעלע פאָרמען ניט אין באַצוג צו די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, נאָר בלויז אין באַצוג צו באַשטימטע אויבערשטע גרופּן פון די דאָזיקע קלאַסן און אין דער ערשטער ריי אינעם באַצוג צום פּאַרלאַמענט.

צי איז די דאָזיקע פאַרהעלטניסמעסיקע זעלבשטענדיקײַט פון דער יאַפּאַנישער מאָנאַרכיע ווייניקער באַדײַטנדיק, איידער עס איז געווען די זעלבשטענדיקײַט פונעם רוסישן צאַריזם? אין קיין פאַל ניט, גיכער קען מען אפילע באַהויפּטן דאָס קעגנזעצלעכע. עמעס, די צונויפוואַקסונג פון דער מאָנאַרכיסטישער ביוראָקראַטיע מיטן פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז שוין פאַרגאַנגען זייער ווײַט. אַ טייל פון דער דאָזיקער ביוראָקראַטיע איז, פאַרשטייט זיך,

פונ אָנהייב אָנ געוועג צונויפגעוואקסנ מיט די פעאָדאלע עלעמענטנ, וועלכע שטאמענ פונ די פריצישע קרייזנ. אָבער דער סאמע שטארקסטער באשטאנדטייל פונעמ דאָזיקנ אפאראט, זיינ אָנשפאר — דאָס זיינענ די מיליטערישע קרייזנ, וועלכע שפילנ א פולקומ זעלבשטענדיקע ראָליע.

דאָס איגנאָרירנ דעמ אבסאָליוטיזמ אונ די מאָנארכיע פלעגט לעניג האלטנ פאר א פעלער פונ די אָטזאָוויסטנ, ער האָט געהאלטנ פאר זייער פעלער דאָס, וואָס זיי האָבנ געמאכט אידענטיש די באדייטונג פונ דער מאָנארכיע אונ פונעמ אבסאָליוטיזמ „מיט דער דירעקטער הערשאפט פונ די פארמעגלעכע קלאסנ”. דאָס ניטדערשאצנ די ראָליע פונ דער מאָנארכיע איז א „לינקער” פעלער. דעריבער איז נייטיק צו קעמפנ קעגנ ניטדערשאצנ דעמ קאמפ קעגנ דער יאפאָנישער מאָנארכיע, דעריבער איז נויטווענדיק אונטערצושטרייכנ דעמ לאָזונג פונ אנ ארבעטער-פויערישער רעפובליק.

אינ דער אָנגעוויזענער „לינקער” אָריענטאציע געפינענ מיר דאָס ניטדערשאצנ א זייער אקטועלנ מאָמענט — דעמ קאמפ קעגנ דער מאָנארכיע, אונ אויכ דאָס ניטדערשאצנ דעמ קאמפ פאר דער אגראר-רעוואָליוציע. דאָס איז אנ אָנשוילעכער באווייז, ווי נאָענט עס באַרירנ זיכ איינע מיט דעמ אנדערנ די „לינקע” סאָציאל־דעמאָקראטישע אָריענטאציע אונ דער רעכטער בורזשואז-דעמאָקראטישער שטאנדפונקט.

אויכ אינ דער סאָציאל־דעמאָקראמישער פרעסע האָט מענ געקענט געפינענ אזא מינ צונויפאלונג. די „לינקע” סאָציאל-דעמאָקראטיע, אלנפאלס אינ דער פערזאָנ פונ אייניקע אירע פירער, האָט זיכ אָפנ אָריענטירט אפ א פראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ קעגנזאצ צו אזא רעוואָליוציע, וועלכע שטעלט זיכ אינ אָנהייב דעמ ציל פריער פונ אלצ ארונטערצושליידערנ די מאָנארכיע. אינ יאפאָניע האָבנ מיר אויכ קאָמוניסטישע רענעגאטנ, עכטע רענעגאטנ, וועלכע זיינענ עפשער געוועג רענעגאטנ נאָכ דעמלט, ווענ זיי האָבנ זיכ געפונענ אינ אונדזערע רייענ. אלנפאלס, נאָכנ ארעסט האָבנ זיי זיכ באשטימט געשטעלט אפנ שטאנדפונקט פונ דער פאָליציייִשער באשעפעניש פונ זובאטאָווישנ טיפ. דער שטאנדפונקט פונ די דאָזיקע עלעמענטנ אונ זייער גרונט־אידיי באשטייט דערינ, אז די מאָנארכיע אינ יאפאָניע איז אנ אנשטאלט, וועלכער שטייט איבער די קלאסנ. דעריבער איז דער „קאמפ” פונ די פאָרשטייער פונ דער „לינקער” אָריענטאציע געווענדט ניט קעגנ דער מאָנארכיע, נאָר קעגנ קאפיטאליזמ, די גרויסע טרעסטנ אונ דעמ פינאנץ־קאפיטאל.

אָט פארוואָס די דאָזיקע רענעגאטנ געניסנ, אינ געוויסע גרענעצנ, די רעכט פונ לעגאליטעט אפ צו פירנ „רעוואָליוציאָנערע” פראָפאגאנדע לעטויוועס דער אזויגערופענער פראָלעטארישער רעוואָליוציע קעגנ דעמ פינאנץ־קאפיטאל. די דאָזיקע לעגאליטעט באקומענ זיי אלס מאטאָנע דערפאר, וואָס

זיי גרענעצנ זיכ אָפּ פונ יעטווידער רעוואָליוציע, וועלכע קענ זײַנ געווענדעט קעגנ דער מאָנארכיע. דאָס איז אויכ א „לינקע“ אָריענטאציע, אנ אָריענטאציע אפּ פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אפּ ווערטער, אָבער אינ טאָכ איז דאָס א סאָציאַל־פאשיסטישע אָריענטאציע. אויב דאָס איז א „לינקע“ אָריענטאציע אָפּ ווערטער, אָבער אינ טאָכ איז דאָס ביכלאַל א סאָציאַל-פאשיסטישע אָריענטאציע, איז ווי זשע קאָנ מענ זי אָנרופנ? דאָס איז טראָצקיזם. דאָס איז דער יאפּאָנישער טראָצקיזם, וועלכער טרעט דאָ ארויס אינ דער פאָרמ פונ עכטער זובאטאָווטשינע, בורזשואזנ אָפּאָרטוניזמ אונ סאָציאַל-פאשיזמ.

די הויפּט־אופגאבנ פונ דעמ נאָענטנ עטאפּ פונ דער יאפּאָנישער רעוואָליוציע איז לויט אונדזער מיינונג די פאָלגנדיקע: ערשטנס, אראָפּשלײַדערנ די מאָנארכיע. צווייטנס, ליקווידירנ דעמ ערדבאזיצ פונ די גרויסע פּריצימ. דריטנס, אײַנשטעלנ א זיבנשאָ׳קנ ארבעט־טאָג, וואָס איז אונדזער שטענדיקער לאָזונג אינ דער לויפנדיקער ארבעט. פערטנס, האַלטנ מיר זיכ בא דער מיינונג, אז צוליב די באזונדערקײַטנ פונ די יאפּאָנישע באדינגונגענ דארפ מענ אײַנשליסנ צווישנ די גרונט-אופגאבנ דעמ לאָזונג פונ פארייניקנ די בענק אונ פונ שאפנ א קאָנטראָל איבער זיי, אונ אויכ איבער דער פּראָדוקציע פונ די גרויסע קאָנצערנס אונ טרעסטנ אינ דער געשטאלט פונ ראטנ פונ ארבעטער אונ פויערימ. דעמ דאָזיקנ לאָזונג נעמענ מיר אינ טאָכ פונ לענינס אפּרעל-טעזיסנ פונ 1917 יאָר. אינ דעמ געגעבענעמ פאל וואָלט געווענ א ניטדערלאָזבארער בלויז, ווענ מיר זאָלנ ניט אײַנשליסנ אינ דער כאראקטעריסטיק פונ די גרונט-אופגאבנ פונ דער רעוואָליוציע אינ יאפּאָניע אויכ די אָדער אנדערע אנאלאָגישע פאָדערונגענ. פארוואָס? טאקע צוליב דער ענגער צונויפגיסונג פונ דעמ פעאָדאלנ אונ האלב־פעאָדאלנ באשטאנד-טייל, דאָס הייסט, פונ דער האלב־פעאָדאלער מאָנארכיע אונ די שטארקע רעשטנ פונעמ פעאָדאלנ אימפּעריאַליסטישנ ערדבאזיצ מיטנ הויכ־אנטוויקלטנ קאָנצענטרירטנ פינאנצ-קאפּיטאַל, פונ דער צווייטער זײַט — א שטריכ, וועלכער איז כאראקטעריסטיש פאר דער סטרוקטור פונ דער יאפּאָנישער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. די דאָזיקע צוויי עלעמענטנ זײַנענ אזוי ענג פארבונדנ צווישנ זיכ אונ זײַנענ אזוי ענג צונויפגעוואָקסנ מיט דער גאנצער פּאָליטיק פונ יאפּאָנישנ אימפּעריאַליזמ, אז עס איז אינגאנצנ אוממעגלעכ זיי אָפּצוטיילנ איינעמ פונ דעמ אנדערנ.

דאָס פארייניקנ די בענק אונ דאָס שאפנ א סאָוועטישנ קאָנטראָל איבער זיי איז, פארשטייט זיכ, פאר אונדז ניט קיינ פּראָגראמ־פאָדערונג. אָבער אויכ פאר לענינענ איז זי אינ 1917 יאָר ניט געווענ קיינ פּראָגראמ־פאָדערונג. ער האָט אפילע אזוי געזאָגט טאקע, אז די דאָזיקע פאָדערונג באטײַט א צוגרייטונג־טריט אפּ דורכצופירנ סאָציאַליסטישע מאָסמיטלענ. ער האָט

דעמאָלט פאָלעמיזירט מיט קאמעניעוון און האָט אונטערגעשטראָכן, אז ער איז ניט קיין אָנהענגער פון טייקעס „איינפירן סאָציאַליזם“, נאָר ער לייגט פאָר בלויז צוגרייטונג-טריט. מיר באטראכטן די דאָזיקע פאָדערונג אלס עלעמענט פון צוגרייטן, אלס עלעמענט פון פארגיכערן די פארוואנדלונג פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אין א פראָלעטארישער.

מיר האלטן די דאָזיקע פאָדערונג פאר נויטווענדיק דערפאר, ווייל אָן איר וואָלט זיך באקומען אן איינדרוק, אז מיר טיילן קלוימערשט די רע-וואָליוציע אף צוויי עטאפן: אף א בורזשואז-דעמאָקראטישן עטאפ און אף אן עטאפ פון פראָלעטארישער רעוואָליוציע, און אויב אזוי דארף מען אין ערשטן עטאפ שטרעבן בלויז צו דערגרייכן בורזשואז-דעמאָקראטישע צילן: אראָפּווארפן די מאָנארכיע, אויסוואָרצלען פארשיידענע רעשטן פון פעאָדא-ליזם, די אגראר-רעוואָליוציע, קאָנפיסקירן די ערד-באזיצן פון די גרויסע פריצים אאוו. און מער גאָרנישט. די דאָזיקע אלע אופגאבן — זיינען אופ-גאבן פון א בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, אופגאבן פון א נעגא-טיווער אייגנשאפט, וואָס אנטהאלט נאָך ניט אין זיך קיין פארמעסט אפן קאפיטאליסטישן אייגנטום. אָבער אויב מיר זאָלן נעמען אין אכט דעם באַ-זונדערן, אייגנארטיקן כאראקטער פונעם יאפאָנישן אימפעריאליזם, אויב מע זאָל דיסקאָנטירן די גאנצע הערשנדיקע סטרוקטור פון יאפאָניע, וועלן מיר האָבן גענוג גרונט צו רעכענען פאר צוועקמעסיק, — און ניט בלויז פאר צוועקמעסיק נאָר אפילע פאר אינגאנצן נויטווענדיק — ארופלייגן די האנט אפן קאפיטאליסטישן אייגנטום אין א געוויסער מאָס שוין אינעם ערשטן עטאפ פון דער רעוואָליוציע (אויב נאָר די מאכט וועט שוין דעמאָלט געהערן די ארבעטער און פויערים).

דאָס איז נאָך ניט די דורכפירונג פונעם סאָציאַליזם, דאָס איז נאָך ניט די קאָנפיסקאציע פונעם אייגנטום פון די קאפיטאליסטן, דאָס איז אפילע ווייניקער דערפון, וואָס לענין האָט געפאָדערט אין 1917 יאָר. דעמאָלט האָט ער גלייכצייטיק מיט דער פאָדערונג וועגן פארייניקן די בענק ארויסגערוקט אויך די פאָדערונג וועגן קאָנטראָל איבער דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע בכלל. מיר מיינען, אז אין יאפאָניע קען אזא פאָדערונג אוועקגעשטעלט ווערן בלויז אין באצוג צו די קאָנצערנס. דאָ האָבן מיר צו טאָן טאקע מיט דעם סאמע כאראקטעריסטישן, ווערנטלעכסטן שטריך פון דער יאפאָני-שער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט און פון איר אויסערגעוויינלעכער קאָנ-צענטראציע.

אויב איצט, ערעוו דער רעוואָליוציע, אויב בייס דער רעוואָליוציע, אף מאָרגן נאָך איר, וועלן די ארבעטער אונדז זאָגן: „גוט, אראָפּשלײַדערן די מאָנארכיע! אָבער וואָס זשע וועט זיין מיט די דאָזיקע פינף טרעסטן? ניט שוין זשע וועלן מיר ניט אָנרירן זייער אייגנטום בלויז דערפאר, וואָס

דאָס איז טעאָרעטיש ניט דערלאָזבאר?" וועלנ מיר זיי דערופ, פארשטייט זיכ, ענטפערנ, אז דאָס איז נייטיק צו טאָנ סיי פונ פראקטישנ סיי פונ טעאָרעטישנ שטאנדפונקט, אז עס איז נייטיק א קאָנטראָל איבער דער פראָדוקציע מיצאד די ראטנ פונ די ארבעטער אונ פויערימ.

עס פארשטייט זיכ, אז אינ דער פראקטיק וועט מענ פונ דעמ דאָזיקנ קאָנטראָל זייער גיכ איבערגיינ צו קאָנפיסקאציע. ווו וועט דעמלט זיינ די גרענעצ צווישנ זיי ביידנ? אפ דער פראקטיק וועט זיינ זייער שווער דורכצופירנ די דאָזיקע גרענעצנ. אָבער איצט גייט די פראגע בלויז וועגנ אויסקלייבנ א לאָזונג. מיר האלטנ, אז דער לאָזונג פונ קאָנטראָל איבער דער פראָדוקציע איז א נויטווענדיקער לאָזונג פאר א רעוואָליוציאָנערער סיטואציע. אָבער אינ אזא וויכטיקנ געביט, ווי די הערשאפט פונ דעמ מאָנאָפאָליסטישנ קאפיטאל, האָט דער דאָזיקער לאָזונג אזא וועזנטלעכע באדייטונג, אז מע דארפ אימ שוינ איצט איינשליסנ אינ דער צאָל גרונט-אופגאבנ פארנ ערשטנ עטאפ פונ דער רעוואָליוציע.

איצט אייניקע ווערטער וועגנ די באוועג-קרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע: וועגנ דעמ פויערטומ אונ וועגנ דעמ פראָלעטאריאט.

די גרונט-מאסע פונעמ יאפאָנישנ פויערטומ לעבט אינ באדינגונגענ פונ האלב-פעאָדאלער עקספלואטאציע אונ פאנשטשינע, אונ איז א שטענדיקער אָביעקט פונ עקספלואטאציע פאר דעמ פילצאָליקנ קלאס פראָצענטניקעס, וואָס הערשט דאָ. בא 40 טויזנט גרויסע פריצימ לעבנ ווי פולשטענדיקע פאראזיטנ אפנ ליינ פונעמ פויערטומ. אָבער שוינ דאָ באמערקט זיכ אויכ די ערשטע טריט, די ערשטע שפראָצנ פונ א באשטימט אויסגעדריקטער דיפערענציאציע. אגעוו, וועגנ דער דאָזיקער אנטוויקלונג האָבנ מיר נאָכ דערווייל זייער קארגע ידיעות.

פאר דער רעוואָליוציאָנערער ארבעט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ דאָרפ עקזיסטירנ גרויסע מעגלעכקייטנ, אָבער מע דארפ אָפנ אנערקענענ, אז די ארבעט פונ דער פארטיי איז נאָכ זייער אומבאדייטנדיק, אונ אז מיר דארפנ נאָכ דאָרטנ פיל אָניאָגנ אונ טאקע אינ די נאָענטסטע כאָדאָשימ אונ וואָכנ.

די אָנגעהויבענע מילכאָמע האָט געעפנט רעוואָליוציאָנערע פערספעקטיוונ אינ יאפאָניע. טאקע דעריבער איז נייטיק צו טאָנ אלצ, וואָס איז מעגלעכ, אז מיט דער הילפ פונ אָרגאניזאציאָנעלע אונ פאָליטישע מאָסמיטלענ זאָל מענ אָניאָגנ דאָס דורכגעלאָזענע אינ דאָרפ.

אלצ, וואָס איז געזאָגט געוואָרנ, האָט א שייכעס אויכ צומ פראָלעטאריאט, צומ יונגנ יאפאָנישנ פראָלעטאריאט, וועלכער ליידט פונ דער סאמע ביטערער עקספלואטאציע. דאָס האָט א שייכעס אויכ צו דעמ פראָצעס פונ דער דיפערענצירונג צווישנ דעמ פראָלעטאריאט.

אפילע אינ יענעמ פאל, ווענ דער לעבנס־ניוואָ פונ דעמ יאפאָנישנ פראָלעטאריאט איז ארונטערגעזעצט ביזנ לעבנס־ניוואָ, וואָס עקזיסטירט אינ די קאָלאָניעס, פונדעסטוועגנ קענ אויכ דעמלט א גרויסער טייל פונעמ רעוועכ איבערפאלנ אפנ כיילעק פונ די שפראָצנ ארבעטער־אריסטאָקראטיע, וואָס באווײַזנ זיכ אויכ דאָ. פארוואָס איז דאָס אזוי וויכטיק אונטערצושטרײַכנ? דערפאר, וואָס די יאפאָנישע סאָציאל־פאשיסטנ קאָנענ אויסגעצייכנט ארויסבאקומענ פאר זיכ נוצנ פונ די איליוזיעס, אז אדאנק דער מילכאָמע קומט אָנ א טייל פונ די קריג־רעוואָכימ אויכ צו די ארבעטער, אונ אז אלנפאלס וועלנ די ארבעטלאָזע באקומענ א מעגלעכקײַט צו קריגנ ארבעט.

אונדזערע יאפאָנישע כאווײרימ דארפנ ניט ניט דערשאצנ אָט די דעמאגאָגישע אגיטאציע פונ די סאָציאל־פאשיסטנ. די דערפארונג האָט באוויזנ, אז די סאָציאל־פאשיסטנ זײַנענ בעקיוועכ צו פארנארנ די מאסנ. דערבײַ איז ניט געקוקט אפ דעמ אומשטאנד, וואָס זיי שטעלנ מיט זיכ פאָר דעמ סאמע עכטנ, סאמע רעאקציאָנערנ סאָציאל־פאשיזמ, וועלכער עקזיסטירט ביכלאל אפ דער וועלט, אונ ניט געקוקט דערופ, וואָס זיי שטיצנ אבסאָליוט אָפנ די רויבערישע מילכאָמע, — שטערט זיי דער דאָזיקער אומשטאנד לאכלוטנ ניט צו פירנ אינ דער זעלביקער צײַט צווישנ ארבעטער־קלאס א דעמאגאָגישע אגיטאציע פונעמ העכסטנ גראד. דעריבער באשטייט איינע פונ די וויכטיקסטע אויפגאבנ פונ דער פארטיי דערינ, אז מע זאָל דעמאסקירנ די סאָציאל־פאשיסטנ.

מיר וועלנ איצט איבערגיינ צו דער ארבעט־געזעצגעבונג פונ יאפאָניע. אלס בײַשפיל פונ העכסטער אָרעמקײַט באווײַזט מענ אונגדז אָפט אפ דער לאגע פונ די ארבעטער אינ אינדיע, בא יענער ארט געזעצגעבונג, וואָס עקזיסטירט דאָרטנ. אינ יאפאָניע איז די אָרעמקײַט פונ די ארבעטער נאָכ מער שרעקלעכ. וואָס פאר קאָלאָסאלע מעגלעכקײַטנ דאָס גיט אונדזער פארטיי, קעדיי איצט אופצורודערנ גרויסע מאסנ ארבעטער, ארויסרוקנדיק טיילווײַזע פאָדערונגענ אינ דעמ דאָזיקנ געביט!

די ארבעטער פונ יאפאָניע האָבנ דורכגעמאכט א גרויסנ קאמפ אינ דער פארגאנגענהײַט, אָבער זייערע שטרײַקנ ענדיקנ זיכ קימאט אלע מאָל מיט א טיילווײַזער מאפאָלע. זיי האָבנ ווייניק דערגרייכונגענ, דערפאר אָבער איז בא זיי נאָכ מערער פאראנ קאמפ־גײַסט. צי קענענ מיר זײַנ זיכער דערינ, אז בא אזעלכע אָביעקטיוו זייער גינסטיקע באדינגונגענ וועט די קאָמוניסטישע פארטיי בעעמעס זײַנ אפ דער הויכ פונ די אופגאבנ, וואָס שטייענ פאר איר?

פונ איינ זײַט, דארפ מענ אנערקענענ, אז אינ קאמפ קעגנ דער מילכאָמע האָט די פארטיי אויסגעהאלטנ דעמ אויספרוּוו, ארויסטרעטנדיק אלס

עכטע באָלשעוויסטישע פּארטיי. אָבער, פונ דער צווייטער זײַט, איז זי נאָכ אנ אויסערגעוויינלעכ שוואכע פּארטיי. צוליב וואָס זאָלנ מיר דאָס פארדעקנ? פּארוואָס זאָלנ מיר ניט אנערקענענ, אז א גרויסער טייל פונ אונדזערע קאדרענ זײַנענ פארזעצט אינ די טפּיסעס, אז א באדײַטנדיקע צאָל זייערע איז געפאלנ אלס קאָרבנ פונ פּראָוואָקאציעס? דאָס זאָגט וועגנ דעמ, אז מיר זײַנענ ווייניק געווענ אפ דער וואכ אינ דער הינזיכט. פאר א באווײַז דערפונ, אז אונדזער אָרגאניזאציע איז זייער שוואכ, דינט אינ איצטיקנ מאָמענט באזונדערס די לאגע אינ די פּראָפּאריינענ. ארײַנדרינגענ אינ די פּראָפּאריינענ, אינ די אונטערנעמונגענ, אָרגאניזאציָאָנעל ארומכאפּנ די מאסנ אונ זיי אונטערוואַרפנ אונטער דער ווירקונג פונ אונדזער באָלשעוויסטישער פּארטיי-אָנפירונג — אָט אינ וואָס עס באשטייט די אופגאבע פונעמ מאָמענט. אינ דער ערשטער ריי איז נויטווענדיק איצט שוינ צו טאָנ אלץ, וואָס עס איז מעגלעכ, אפ צו פארפעסטיקנ די פּארטיי אפ די אונטערנעמונגענ אונ אינ די פּראָפּאריינענ. אונדזער פּארטיי האָט געהאט אויסצושטייג אומגלייבלעכ ווילדע פארפאָלגונגענ. אָבער מע דארפ זאָגנ, אז אינעמ דאָזיקנ פײַער האָט זיכ אינ יאפּאָניע אויסגעשמידט עכטער באָלשעוויסטישער שטאָל. פארשטייט זיכ, אז דאָס איז ניט קיינ צופעליקײַט, דער דאָזיקער העראָיזמ איז פאראנ ניט בלויז אינ די רייענ פונ דער פּארטיי. פארשטייט זיכ, אז אנ עכטער רעוואָליוציָאָנערער קאמפּ־גײַסט טרעפט זיכ אויכ בא די ברייטע מאסנ פונעמ ארבעטער-קלאס. עס האָט אויכ ניט געקאָנט זײַנ קיינ צופעליקײַט, וואָס אונדזער יאפּאָנישע פּארטיי איז געשטאנענ אפ דער געהעריקער הויכ אינ קאמפּ קעגנ דער מילכאָמע. דאָס אלץ דינט פאר א גאראנטיע, אז אונדזער פּארטיי וועט מיט ערע אויספּילנ איר כויוו אינ דער נאָענטסטער צײַט, וועלכע האָט אזא באשליסנדיקע באדײַטונג פאר דער רעוואָליוציָאָנערער באוועגונג פונ יאפּאָניע.

א. יוזשני

כינע אונ יאפּאָניע

דער פּעריאָד פאַרנ אײַנשטעלנ נאָרמאַלע באַציִונגענ

דער פּעריאָד פונ 1915—1919 איז געװענ א פּעריאָד פונ שטורמישער מיליטערישער אגרעסיע פונעם יאפּאָנישנ אימפּעריאַליזמ. אלע געדענקענ נאָכ די 21 באַדינגונגענ, װאָס דער יאפּאָנישער אימפּעריאַליזמ האָט ארויס-געשטעלט אינ 1915 צו כינע, דאס פארכאפּנ שאנדונ, אונ אויכ די אינ-טערװענצ קעגנ ראטנרוסלאַנד אינ 1918—1920.

אָט די אקטיװקײַט פונ יאפּאָנישנ אימפּעריאַליזמ האָט ארויסגערופנ אינ די יאָרנ 1921—1922 א שטארקנ װידערשטאנד מיצאַד די פאראייניקטע שטאַטנ פונ אמעריקע אונ ענגלאַנד, װעלכע האָבנ מוירע געהאט פאַר דער צו גרוי-סער פארשטארקונג פונ יאפּאָניע אפּנ שטילנ אָקעאנ. ענגלאַנד האָט, װי באװוּסט, אינ 1922 יאָר אפּ דער װאשינגטאָנער קאָנפערענצ זיכ אָפּגעזאָגט, אונטערנ דרוק פונ די דאָמיניאָנענ אונ פונ די פאראייניקטע שטאַטנ פונ אמעריקע, פונעמ בונד מיט יאפּאָניע. דער יאפּאָנישער אימפּעריאַליזמ, װאָס האָט פארלאָרנ אזא מעכטיקע שטיצע פונעמ בריטישנ אימפּעריאַליזמ, איז געװענ געצװוּנגענ אָפּצוטרעטנ פאַר זײַנע צװיי גרויסע קאָנקורענטנ — די פאריי-ניקטע שטאַטנ פונ אמעריקע אונ ענגלאַנד. די עקאָנאָמישע באַזע פונ יא-פּאָנישנ אימפּעריאַליזמ איז געװענ צעטרייסלט פונעמ נאָכמילכאָמעדיקנ קריי-זיס פונ די יאָרנ 1920—1921 אונ דורכ דער גרויסער ערדציטערניש פונ 1923 יאָר. די אינערלעכ-פּאָליטישע לאַגע פונעמ לאַנד איז פארקאָמפּלי-צירט געװאָרנ.

אלס רעזולטאט פונ אָט דער דאָזיקער לאגע, איז דער יאפאָנישער אימפעריאליזמ געווענ געצווּנגענ אָפצולייגנ אפ א צייַט די רעאליזאציע פונ זייַנ גרויסער פארכאפערישער פראָגראמ.

אינ די דאָזיקע באדינגונגענ איז די פעסטע שאָלעמ-פאָליטיק, וואָס פססר האָט דורכגעפירט אפנ ווייַטנ מיזרעכ, דאָס אנערקענענ פססר מיצאד א ריי גרויסע מעלוכעס אונ די עקאָנאָמישע אינטערעסנ האָבנ געצווּנגענ יאפאָניע אייַנצושטעלנ נאָרמאלע באציִונגענ מיט פססר. די עקאָנאָמישע פאָליטיק פונ פססר בענעגייע יאפאָניע האָט ניט ווייניק מיטגעווירקט אייַנצושטעלנ די נאָרמאלע באציִונגענ. מיטנ צוועק צו פארזיכערנ דעמ שאָלעמ אפנ ווייַטנ מיזרעכ, האָט פססר געגעבנ יאפאָניע, באמ שליסנ דעמ אָפמאכ פונ 1925 יאָר, קאָנצעסיעס אפ נאפט אונ קוילנ אינ צאָפנ-סאכאלינ אונ רעכט פונ פישפאנג אינ די ווייַטמיזרעכדיקע וואסערנ, וואָס ליגנ בא דער גרענעצ פונ פססר. דאָס אלצ האָט באשאפנ פאָרהאנאָכעס צו אנטוויקלענ נאָרמאלע עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ די צוויי גרויסע שכייניש מעלוכעס.

די עקאָנאָמישע באזע פונ די קעגנזייַטיקע באציִונגענ

דאָס אלגעמיינע בילד פונ די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ יאפאָניע אונ דעמ ראטנפארבאנד איז בא הייַנטיקנ מאָמענט אזא.

קאָנצעסיעס אפ נאפט אונ קוילנ אפ צאָפנ-סאכאלינ

דעמ ארויסבאקומ פונ קוילנ פירנ די יאפאָניער אפנ באצירק דוי״ע. מיט יעדנ יאָר וואקסט דער ארויסבאקומ: אינ 1925 יאָר—850 טאָנ, אינ 1929 יאָר—130 טויזנט טאָנ, אינ 1930—150 טויזנט טאָנ.

יאָרנ	דער ארויסבאקומ פונ נאפט (אינ טויזנטער טאָנ)
1925	13,7
1926	28,6
1927	68,7
1928	104,0
1929	174,5
1930	194,0

דער יאפאָנישער פישפאנג אינ די סאָוועטישע וואסערנ

לויט דער פישפאנג-קאָנווענציע פונ 1928 יאָר, האָבנ די יאפאָנישע בירגער באקומענ דאָס רעכט צו פאנגענ אונ באארבעטנ פיש-אונ יאמ-פראָדוקטנ לענגויס דעם ברעג פונ פססר אינ יאפאָנישנ, אָכאָטסקנ יאמענ, אונ אינ בערינגער דורכגוס (מיטנ אויסנאמ פונ די טײַכנ אונ בוכטעס), אינ די גרענעצנ פונ די באצירקנ (אינ יאמ אונ באמ ברעג), וואָס ווערנ אָפגעגעבנ יערלעכ אינ ארענדע. די באדײַטונג פונ די פישפאנגערישע רעכט איז פאר יאפאָניע קאָלאָסאל. דער פרײַז פונ דער יערלעכער יאפאָנישער פיש-פראָדוקציע אינ די קאָנווענציע-וואסערנ פונ פססר באטרעפט 60—70 מיליאָנ יענ. אינעמ פיש-עקספאָרט פונ יאפאָניע פארנעמט די פיש-פראָדוקציע פונ די קאָנווענציע-וואסערנ בא א 35—40 פראָצענט פונעמ גאנצנ פיש-עקספאָרט פונ יאפאָניע. אינ דער וואסערנ-זאָנע פונ פססר האָבנ אינ 1930 יאָר געארבעט העכער 3000 יאפאָנישע פישער אונ ארבעטער פונ די פיש-געווערבנ. די אלגעמיינע צאָל פונ די יאפאָנישע פישפאנגערישע באצירקנ אינ די וואסערנ פונ פססר האָט זיכ פארגרעסערט פונ 200 אינ 1923 יאָר ביז 313 אינ 1930.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ אופשטעלנ די סאָוועטישע פיש-אינדוסטריע אפנ ווײַטנ מיזרעכ אונ מיטנ אײַנשטעלנ אנ אופזיכט אפנ אויספילנ דעם רעגלאמענט פונ דער קאָנווענצ, האָבנ די יאפאָנישע פיש-אינדוסטריעלער, וואָס זײַנענ געווינט געווענ, אינ פעריאָד פונ דער אינטערווענצ אונ פונ די ניט-אײַנגערעגולירטע באציִונגענ מיט פססר, צומ וואנדאלישנ פישפאנג אינ די וואסערנ פונ פססר, אופגעהויבנ אינ 1929—1930 א קאמפאניע פארנ ענדערנ די קאָנווענצ; זיי האָבנ אָנגעהויבנ ברעכנ דעם רעגלאמענט פונ דער קאָנווענצ אונ געפרווט זיכ דערשלאָגנ דאָס פארברייטערנ די רעכט פונ פישפאנג אפנ כעזשבנ פונ פארשמעלערנ די אנטוויקלונג פונ דער סאָוועטישער פיש-אינדוסטריע.

די יאפאָנישע רעגירונג האָט גענומענ שיקנ אינ די וואסערנ פונ פססר מינענ-טרעגער, קעדיי צו פארמאסקירנ דעם אומגעזעצלעכנ פישפאנג. דערמיט אליינ האָט זי זיכ סאָלידאריזירט מיט די פיש-אינדוסטריעלער. בייס עס איז פארשארפט געוואָרנ די פראגע וועגנ פישפאנג, האָט א מיטגליד פונ א יאפאָנישער פאשיסטישער אָרגאניזאציע געמאכט אנ אטענטאט אפנ סאָוועטישנ האנדל-פאָרשטייער אינ יאפאָניע, דעם כ׳ אניקעיעוו.

די רעגירונג פונ פססר, וואָס פירט ענערגיש דורכ א שאָלעמ-פאָליטיק, האָט אָנגענומענ מאָסמיטלענ צו רעגולירנ די פראגע פונעם פישפאנג.

די פינאנצ-אינטערעסנ פונ יאפּאָניע

די יאפּאָנישע קאפּיטאלנ, וואָס זײַנע ארײַנגעלײגט אינ די קאָנצע-סיאָנעלע אונ פישפאנגערישע אונטערנעמונגענ אפ דער טעריטאָריע פונ פּססר (צאָפנ-סאכאלינ) אונ אינ די וואסערנ פונ פּססר, האָבנ לויט די יאפּאָנישע אָנגאבנ דערגרייכט אינ 1930 יאָר 52 מיליאָנ יענ. דער אינוועסטירטער קאַ-פּיטאל גיט א באַדײַטנדיקנ רעווע. אויסער דעם פּארדינט יערלעכ יאפּאָ-ניע פונ פּארפראכטעווענ שיפנ אריבערצופירנ סכוירעס בא דרײַ—דרײַ א האלב מיליאָנ יענ.

דער האנדל

דער האנדל-אומזאצ צווישנ יאפּאָניע מיטנ צארישנ רוסלאנד האָט אינ 1913 יאָר דערגרייכט 9,9 מיליאָנ רובל. די אנטוויקלונג פונעמ האנדל נאָכנ 1924 יאָר איז צו זענ פונ דער פאָלגנדיקער טאבעלע (אינ מיליאָנ יענ).

	1925/26	1926/27	1929/30
עקספּאָרט פונ פּססר	10,2	19,5	20,8
אימפּאָרט אינ פּססר	2,8	10,1	22,2
ס א כ א ק ל	13,0	29,6	43,0

די הויפּט-ארטיקלענ פונעמ עקספּאָרט: וואלד — 54 פּראָצ., פיש — 27 פּראָצ., סאנטאָנינ — 7,5 פּראָצ. די הויפּט-ארטיקלענ פונעמ אימפּאָרט: מע-טאלורגיע — 29 פּראָצ., נעצנ, גארנ — 28 פּראָצ., טיי אונ שפּײַז-פּראָדוקטנ — 20 פּראָצ.

די יאפּאָנישע פּלענער בענעגייע סיביר אונ דעמ סאָוועטישנ ווײַטנ מיזרעכ

די אגרעסיווע ארויסטרעטונגענ פונעמ יאפּאָנישנ אימפּעריאליזמ בע-נעגייע די סאָוועטישע רעפּובליקנ האָבנ זיכ נאָכ אָנגעהויבנ אינ די יאָרנ 1918—1920. דאָס יאפּאָנישע מיליטער האָט פארנומענ דעמ גאנצנ סאָוועטישנ ווײַטנ מיזרעכ ביז בײַקאל. אפ דער דאָזיקער טעריטאָריע האָט דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזמ זיכ אזוי ווילד צערעכנט מיט די קויכעס פונ דער רעוואָ-ליוציע, אז אנטקעגנ איט זײַנע אומבאדײַטנדיק די שרעקנ פונעמ מיטלאלטער. דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזמ האָט זיכ געפּרווט ניט נאָר דערשטיקנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, נאָר אויכ אָקופּירנ די גאנצ ברייטע טעריטאָריע פּר-

נעם סאָוועטישנ ווײַטנ מיזרעכ און פארשפּרייטנ זײַנ ווירקונג אפ מאָנגאָליע און סיביר. דער דאָזיקער פּלאנ איז אראָפּגעריסנ געוואָרנ אדאנק דעמ זיגרײַכנ אָנגריפ פונ דער רויטער ארמיי און פונ די רויטע פּארטיזאנער, און אויכ צוליב דעמ, וואָס עס זײַנען אנטשטאנענ שארפע ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער אפנ באָדנ פונ פארטיילנ די פארכאפּטע טעריטאָריעס. דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזמ, וואָס איז געווענ געצוווּנגענ אָפּצוטרעטנ אפ זײַנע אינדזלענ, האָט זיכ לאכלוטנ ניט אָפּגעזאָגט פונ זײַנע פארכאפּערישע פּלענער. די אימפּעריאליסטישע קרײַזנ פונ יאפּאָניע האָבנ פאָרגעזעצט פּלאנמעסיק צוצוגרייטנ זייערע באוואָפנטע קויכעס און אויכ דעמ סטראטעגישנ פּלאצדארמ אינ צאָפנ־מאנדזשוריע און אינ קאָרייע פאר א נײַעמ אָנפאל אפ פססר. אפ בויענ סטראטעגישע אײַזנבאנליניעס, אפ אנטוויקלענ אווטאָמאָבילישע און גרונטאָווע וועגנ, אפנ בויענ און פארברייטערנ די פּאָרטנ אינ קאָרייע און מאנדזשוריע, אפ אנטוויקלענ די טעלעגראפ-און טעלעפאָנ־ליניעס און אפנ פארברייטערנ די שפּיטאָל־נעצ, דה. אפ צוגרייטנ דעמ מילכאָמע־פּלאצ האָט דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזמ אויסגעגעבנ א קאָלאָסאלע סומע פונ אָנדערהאלבנ מיליארד יענ.

די פּאָרשטייער פונ די אימפּעריאליסטישע קרײַזנ פונ יאפּאָניע האָבנ אינ זייערע ארויסטרעטונגענ אינ דער פּרעסע אָפנ געשריבנ וועגנ זייערע אנעקסיע־פּלענער. אזוי, לעמאָשל, האָט נאָכ אינ 1923 יאָר אנ אָנגעזעענער מיליטערישער ספּעציאליסט פונ יאפּאָניע קאיראָ סאטאָ אינ זײַנ בוכ „יאפּאָניע און אמעריקע און זייערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ“ אָנגעוואָרפנ אזא סכעמע פונ פארטיילנ די וועלט:

„ענגלאנד דארפ זיכ אומקערנ קיינ אפריקע און אינדיע. די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע קאָנענ פארשפּרייטנ זייער מאכט אפ צאָפנ-און דאָרעמ־אמעריקע, און יאפּאָניע דארפ באקומענ די אויבערמאכט איבער כינע און איבער די רוסישע באזיצנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ“.

ריידנדיק וועגנ דעמ גורל פונ סיביר, האָט ער אָנגעוויזנ, אז „יאפּאָניע איז פאראינטערעסירט דערינ, אז אפ דער דאָזיקער גאנצברייטער טעריטאָריע זאָל הערשנ אזא פּאָליטישער רעזשימ, וועלכער איז אָנעמבאר פאר יאפּאָניע“ (דה. א בורזשואזער), און „אז אפ דער טעריטאָריע פונ סיביר דארפ זײַנ פארשפּרייט די ווירקונג פונ דער יאפּאָנישער קולטור“.

דער יאפּאָנישער פּרעמיער־מיניסטער בּאראָנ טאנאקא האָט אינ זײַנ באריכט (וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרנ נאָכ ביז זײַנ קומענ צו דער מאכט אינ 1927) דעמ יאפּאָנישנ אימפּעראטער אזוי געשריבנ:

„סאָוועטנרוסלאנד איז א שרעקלעכער פאקטער פאר יאפּאָניע אינ זינ פונ רעוואָליוציאָנערער ווירקונג אפנ באוווּסטזײַנ פונ קאָרייִשנ און יאפּאָנישנ פּאָלק“.

אנטוויקלענדיק זייַנע פּלענער וועגן פאַרכאַפּן מאנדזשוריע און מאָנגאָליע, האָט דער באראָן טאנאקא גלייַכצייַטיק אוועקגעשטעלט די פראגע אויך וועגן א מילכאָמע קעגן ססר. ער האָט געשריבן:

„אין דער פּראָגראם פון אונדזער נאציאָנאלן וווּקס גייט, ווייַזט אויס, אריַין די נויטווענדיקייַט פונסנייַ צו קרייצן אונדזער שווערד מיט רוסלאנד אף די פעלדער פון מאנדזשוריע און מאָנגאָליע, קעדיי צו באהערשן זייער רייַכטימער. מאנדזשוריע און מאָנגאָליע זייַנען דאָס בעלגיע פונעם וויַיטן מיזרעכ. אין אונדזערע מילכאָמעס מיט רוסלאנד און מיט די פאַרייניקטע שטאטן פון אמעריקע וועלן מיר דארפן צווינגען מאנדזשוריע און מאָנגאָליע איבערצוטראָגן אלע שרעקן פון מילכאָמע“.

ריידנדיק וועגן דער פראגע וועגן צאָפן־מאנדזשוריע, וועגן דער מיזרעכ־כינעזישער אייַזנבאן און וועגן דער ווירקונג פון ססר אף דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין מאנדזשוריע, מאָנגאָליע און קאָרייע, אנטפּלעקט טאנאקא זייַן שרעק פאר דער וואקסנדיקער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין די יאפּאָנישע קאָלאָניעס, אין כינע און אין יאפּאָניע גופע. ער שרייַבט:

„אויב די כינעזער וועלן אויסניצן די רויטע, קעדיי צו ווירקן אף די קאָרייער, וועט דאָס דענקען פון אונדזער פאָלק זיך ענדערן און אונדז וועט דראָען א גרויסע געפאר“.

און סאָפּקאָלסאָפּ קומט ער בענעגייע ססר צו אזא אויספיר:

„אויב מיר וועלן א קוק טאָן אין דער צוקונפט פון יאפּאָניע, וועלן מיר מוזן אנערקענען די אומפאַרמייַדלעכקייַט פון א מילכאָמע קעגן רוסלאנד... ביז ווי לאנג דער דאָזיקער פאַרבאָרגענער אונטערוואסער־שטיין וועט ניט אופגעריסן ווערן, וועט אונדזער מעלוכישע שיף ניט קענען שווימען גיך פאָרויס“.

קומענדיק צום באשלוס וועגן דער אומפאַרמייַדלעכקייַט פון א מילכאָמע קעגן ראטנפארבאנד, ווארפט אָן טאנאקא אין זייַן באריכט אויך אן אלגעמיינע סטראטעגישע סכעמע פארן אָנגריף פון דער יאפּאָנישער ארמיי קעגן ראטנפארבאנד און כינע...

„מיר וועלן דארפן מאָביליזירן די ארמייִשע דיוויזיעס אין פוקואָקא און כיראָסימא און זיי אוועקשיקן אין דאָרעם־מאנדזשוריע דורך קאָרייע. מיר וועלן שיקן די ארמייִשע דיוויזיעס, וועלכע געפינען זיך אין מאָנגאָליע, מיטן יאם אין צאָפן־קאָרייע און פון דאָרטן אין צאָפן־מאנדזשוריע. די ארמייִשע דיוויזיעס, וועלכע געפינען זיך אין כאָקייַדאָ און סענדייַ, וועט מען מוזן אָפּשיקן מיטן יאם פון אאָמאָרי און כאקאָדאטי קיין ווּלאדיוואָסטאָק און פון דאָרטן פירטן סיבירער וועג (ער מיינט דאָ די אמורער אייַזנבאן) אויך קיין כארבין. די סאָלונטאנאנער אייַזנבאן וועט, פון מיליטערישן

שטאַנדפּונקט, ניט נאָר אונדז געבן די מעגלעכקייט צו באַדראָען דעם היינ־טערלאַנד פון סאָוועטישן ווייטן מיזרעך, נאָר וועט אויך צונעמען בא רוס־לאַנד די מעגלעכקייט צו ברענגען שטיצע קיין צאָפּן־מאַנדזשוריע. אויס־בויענדיק די אייזנבאַן טשאַנטשון—דאַליי—טאַאָנאַן, וועלן מיר קענען פאַר־וואַנדלען דאַליי אין א באַזע פאַרן אָנגריף אַפ סיביר".

די אַלע ציטאַטן פונעם באַראָן טאַנאַקאַס באַריכט איליוסטרירן גענוג קלאָר די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון די יאַפּאַנישע רעגירנדיקע קרייזן בענעגייע פּסער. דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָט אין 1931—1932 אָקופּירט מאַנדזשוריע, איז געגאַנגען מיטן וועג, וואָס טאַנאַקאָ האָט אים אָנגעוויזן. ער האָט פאַרכאַפּט צאָפּן־מאַנדזשוריע און האָט אונטערגעוואָרפן אונטער זיין קאָנטראָל די אינערלעכע מאָנגאָליע. ער גרייט זיך פיבערהאַפט אויסצופילן דעם צווייטן טייל פון דער פּראָגראַם — צו פאַרכאַפּן דעם כאָ־וועטישן ווייטן מיזרעך און אויסערן־מאָנגאָליע (די מאָנגאָלישע פאָלק־רע־פּובליק) און אונטערוואַרפן אונטער זיין ווירקונג גאַנץ צאָפּן־כינע.

מע קאָן ברענגען זייער פיל באַווייזן פון דער דאָזיקער צוגרייטונג. מיר וועלן זיך בלויז באַגרענעצן מיט די מער רעליעפע.

מיר וועלן פריער פאַר אַלץ אָנווייזן אַפ די אויסערגעוויינלעך אינטע־רעסאַנטע דאָקומענטן, וואָס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין אויסצוגן אין אונדזער צייטונג „איזוועסטיא" דעם 4-טן פעוראַל 1932. די אַווטאָרן פון די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען פאָרשטייער פון די העכערע מיליטערישע קרייזן פון יאַפּאַניע, — דאָס גיט צו די דאָזיקע דאָקומענטן א באַזונדער באַדייטונג.

„וועגן דער פראַגע, צי דאַרף יאַפּאַניע אָנהייבן א מילכאָמע קעגן ראַטנ־פאַרבאַנד, אָדער ניין, האַלטן זיי פאַר נייטיק, אַז יאַפּאַניע זאָל זיך שטעלן אַפן וועג פון א פעסטער פּאָליטיק בענעגייע דעם ראַטנפאַרבאַנד, זייענדיק גרייט אָנצוהייבן א מילכאָמע אין יעדן מאָמענט. דער קאַרדינאַלער ציל פון דער דאָזיקער מילכאָמע דאַרף באַשטיין ניט אַזויפיל אין אָפּהיטן יאַפּאַניע פון קאָמוניזם, ווי אין פאַרכאַפּן דעם סאָוועטישן ווייטן מיזרעך און מיזרעך־סיביר".

אין א צווייטן דאָקומענט ווערט געזאָגט:

„נעמענדיק אין אַכט די באַוואָפנטע קרעפטן אין פּסער און די לאַגע פון די אויסלענדישע מעלוכעס, דאַרף די יאַפּאַניש-סאָוועטישע מילכאָמע דורכגעפירט ווערן ווי ווייט מעגלעך גיכער. מיר דאַרפן אנערקענען, אַז וואָס מער צייט עס גייט דורך, אַלץ גינסטיקער ווערט פאַר זיי די לאַגע. איך האַלט פאַר נייטיק, אַז די אימפּעראַטערישע רעגירונג זאָל פירן די פּאָליטיק מיט אַזא אויסרעכענונג, אַז ס'זאָל זיך וואָס גיכער אָנהייבן די מילכאָמע קעגן פּסער".

אין דעם זעלבן דאָקומענט ווערט געזאָגט: „ס׳איז אינגאנצן מעגלעך, אז ניט געקוקט אף אונדזער סטראטעגיע פון פארניכטן און די שטרעבונג צו א שנעלן פינאל, וועלן מיר צוליב פארשיידענע באדינגונגען ניט קענען דורכפירן די מילכאָמע אין פולן איינקלאנג מיט אונדזערע אָנגעצייכנטע טאט־פּלענער. עס וועט אנטשטיין די אויסערגעוויינלעך וויכטיקע פראגע וועגן דעם ענדגילטיקן מאָמענט פון אונדזערע אָפּעראציעס. עס פארשטייט זיך, אז מיר וועלן מוזן זיך צורוקן ביז דער בייקאלער אָזערע. וואָס איז שייעך דעם ווייטערדיקן אָנגריף אף מיירעוו, וועט מען דאָס מוזן לייזן אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער לאגע, וועלכע וועט זיך שאפן אין יענעם מאָמענט, און באזונדערס אָפּהענגיק פון דעם צושטאנד פון די מעלוכעס, וועלכע וועלן ארויסטרעטן פון מיירעוו. אין פאל, אויב מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אף דער טראנסבייקאלער אייזנבאנליניע, וועט יאפּאָניע מוזן איינשליסן דעם אָקופּירטן ווייטמיזרעכדיקן קאנט אינגאנצן אין באשטאנד פון דער אימפּעריע. אף דער דאָזיקער טעריטאָריע וועט אונדזער מיליטער זיך מוזן איינאָרדענען אין סיידער פון מיליטערישער באזעצונג, דאָס הייסט, אף לאנגע צייטן. מיר דארפן זיין גרייט דערצו, אז, פארווירקלעכנדיק די דאָזיקע אָקופּאציע, זאָלן מיר האָבן די מעגלעכקייט אויסצוווארטן אף דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די געשעענישן. יאפּאָניע וועט זיין שווער צו דערלאנגען א טויטקלאפּ דעם ראטנפארבאנד אין דער מילכאָמע אפן סאָוועטישן ווייטן מיזרעכ. דעריבער דארף איינער פון די הויפּט־מאָמענטן פון אונדזער מילכאָמע זיין די פּאָליטיק, וואָס דורכ איר וועט זיין מעגלעך ארייננצוציען די דאָרעמדיקע שכיינים און אנדערע מעלוכעס אין דער מילכאָמע קעגן ראטנפארבאנד און ארויסרופן א צעפאַלונג אינווייניק אין ראטנפארבאנד דורכן אויסניצן די ווייסע גרופּן אינווייניק און אויסערן ראטנפארבאנד, די פרעמדע פעלקער און אַלע אנדערע אנטיסאָוועטישע עלעמענטן. דעם ראטנפארבאנדס איצטיקער צושטאנד איז זייער גינסטיק אף דורכצופירן אזעלכע קאָמבינאציעס".

ענדלעך, נאָך אַן אויסצוג אינעם זעלביקן גייסט:

„באטראכטנדיק דעם אַלגעמיינעם צושטאנד פונעם לאנד, קען מען באשליסן, אז אין איצטיקן מאָמענט איז פּססר ניט בעקויעך צו פירן קיין מילכאָמע. דער איצטיקער מאָמענט איז אויסערגעוויינלעך גינסטיק, אז אונדזער אימפּעריע זאָל צוטרעטן צו לייזן די פּראָבלעם פון ווייטן מיזרעכ. די מיירעוודיקע מעלוכעס, וועלכע גרענעצן מיטן ראטנפארבאנד (פּוילן, רומעניע), האָבן די מעגלעכקייט איצט ארויסצוטרעטן אין קאָנטאקט מיט אונדז, אָבער די דאָזיקע מעגלעכקייט וועט ביסלעכווייז מיט יעדן יאָר אלץ שוואַכער ווערן".

אינעם מעמאָראנדום, וואָס אַן אָנגעזעענער יאפּאָנישער גענעראל האָט

צוגעשטעלט דעם קריג-מיניסטער אין 1931 יאָר (א גענעראל, וואָס פאר־נעמט א פאראנטוואָרטלעכן מיליטערישן פּאָסטן אין מאנדזשוריע), לייענען מיר:

„מע דארף אָקופּירן מאנדזשוריע און מאָנגאָליע, פארוואנדלען זיי אין אן אומאָפּהענגיקער מעלוכע. אונדזער צווייטער טריט וואָלט באשטאנען אין אויסנייצן די כינעזיש־מיזרעכדיקע אייזנבאן מיטן צוועק אריינצודרינגען אין סיביר. ווען מיר פארכאפּן ווערכנעודינסק, וואָלטן מיר געצווונגען רוס־לאנד אונדז אָפּצוטרעטן קאָלאָסאלע טעריטאָריעס צו מיזרעך פון דער לע־נע ביזן בערינגער דורכגוס".

די יאפּאַנישע פּאָליטישע טוער און פובליציסטן שטייען ניט אָפּ פון די קריגלייט בענעגייע די אנטיסאָוועטישע פּלענער. אזוי, צומביישפּיל, גע־פינען מיר אין נומ. 11677 „דזשאפּאן טיימס", א האלב אָפיציעלער אָרגאן פונעם יאפּאַנישן אויסערן־מיניסטעריום, די פּאָלגנדיקע מעלדונג פונעם גע־וועזענעם פארטרעטער פון פּרעזידענט פון דער דאָרעם־מאנדזשורישער אייזנבאן, מאצוקא:

„ווען ס'ווערן באהאנדלט די פּראָבלעמען פון מאנדזשוריע און מאָנגאָ־ליע, דארף, לויט מיין מיינונג, קיינער ניט ארויסלאָזן פון זיין קוק די בייאמישע געגנט פונעם פּסער. מאנדזשוריע, מאָנגאָליע און די בייאמישע געגנט, גענומענע צוזאמען, שטעלן מיט זיך פאָר א גאנץ וויכטיקע באדיי־טונג פאר דער פארטיידיקונג און פאר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון אונדזער לאנד".

נאָך וויטער גייט דער פובליציסט קאָמאַיצי, א מיטארבעטער פון דער צייטונג „ניכאָן", וואָס האָט אין מיי־נומער געשריבן פּאָלגנדיקעס:

„די ראדיקאלע לייזונג פון דער מאנדזשוריע-פּראָבלעם ווענדט זיך פו־נעם לייזן די סיבירער פּראָבלעם. מע מוז געבן הילף דעם סיבירער פאָלק, וועלכער באזעצט דעם ראיאָן צו מיזרעך־צו פון בייקאל, אין פארווירקלעכן די אומאָפּהענגיקייט און אין איינשטעלן אין סיביר דעם פּרינציפּ פון אָפּע־נע טירן פאר דער גאנצער וועלט".

ריידנדיק וויטער וועגן דער פּראָבלעם פון געפינען פאר יאפּאַניע אן אויסוועג פונעם עקאָנאָמישן קריזיס, שרייבט קאָמאַיצי: „דאָס איינציקע מיטל צו העלפן יאפּאַניע — איז עפענען די טיר אין סיביר. איצט איז די בעסטע צייט אָפּ פארווירקלעכן אָט די פּראָגראם. וואָס גיכער עס וועט פארווירקלעכט ווערן די פּראָגראם קעגן ראטנפארבאנד, אלץ בעסער איז".

דער אויבן געבראכטער מאטעריאל דעקט אוף גאנץ באשיימפערלעך די עכטע פּלענער פון די יאפּאַנישע אימפּעריאליסטישע קרייזן בענעגייע דעם סאָוועטישן וויטן מיזרעך און סיביר. וויטער וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן אָפּ די קאָנקרעטע מאָסמיטלען פונעם יאפּאַנישן אימפּעריאליזם אין צוגרייטן אן אָנפאל אפן ראטנפארבאנד.

די פלענער פונ די יאפאָנישע אימפעריאליסטנ וועגנ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאנ

דאָס פאקטישע פארכאפנ צאָפנ-מאנדזשוריע מיצאד דער יאפאָנישער ארמיי האָט אוועקגעשטעלט פארנ יאפאָנישנ אימפעריאליזמ די פראגע וועגנ דער כינעזיש-מיזרעכדיקער אײַזנבאנ. ווי באוווּסט, האָט די צארישע רעגירונג אינ פעריאָד פונ 1896—1903 אויסגעגעבנ אפ אויסבויענ די דאָזיקע אײַזנבאנ 400 מיליאָנ רובל, אונ שפעטער, אפ טעכנישער אויסשטאטונג פונ דער דאָזיקער אײַזנבאנ אונ אפ דעמ באוועגלעכנ אינווענטאר—נאָכ הונדערטער מיליאָנענ רובל פאָלקסגעלט. פססר האָט פולקומ אונ אינגאנצנ ליקווידירט די ירושע פונ דער צארישער אימפעריאליסטישער פאָליטיק אינ כינע, נעמלעכ: די כינעזישע אָפצאָלונגענ פונ דער באָקסער־קאָנטריבוציע, דאָס רעכט פונ עקסטעריטאָריעלקייט, דאָס רעכט צו האלטנ אינ צאָפנ־מאנדזשוריע מיליטער אאוו. ער האָט גלײַכצײַטיק דעקלארירט אויכ וועגנ זײַנ פאָליטיק בענוגע דער כינעזיש-מיזרעכדיקער אײַזנבאנ, וועלכע שיידט זיכ פרינציפיעל אונטער פונ דער פאָליטיק פונ דער צארישער רעגירונג.

דער יאפאָנישער אימפעריאליזמ, וועלכער האָט פארכאפט די גאנצע אײַזנבאנ־נעצ פונ מאנדזשוריע, שטעלט פאר זײַנ ווײַטערדיקער אופגאבע צו פארכאפנ אויכ די כינעזיש-מיזרעכדיקע אײַזנבאנ. אינ דער פלענער־סכעמע פונעמ יאפאָנישנ אימפעריאליזמ בענוגע פססר דארפ די כינעזיש-מיזרעכדיקע אײַזנבאנ אָפשפילנ א וויכטיקע סטראטעגישע ראָליע. איבערלאָזנ די כינעזיש-מיזרעכדיקע אײַזנבאנ אינ דער געמיינזאמער פארוואלטונג פונ כינע אונ דעמ ראטנפארבאנד לוינט לאכלוטנ ניט די יאפאָנישע אימפעריאליסטנ. די מיזרעכ־כינעזישע אײַזנבאנ שטייט דער יאפאָנישער עקספאנסיע אינ וועג. די געמיינזאמע פארוואלטונג פונ כינע אונ פססר אפ דער כינעזיש-מיזרעכדיקער אײַזנבאנ צעשטערט די יאפאָנישע פארכאפערישע פלענער בענוגע צאָפנ־מאנדזשוריע. דער פאָלגנדיקער אויסצוג פונעמ מעמאָראנדומ פונעמ יאפאָנישנ פרעמיער באראָנ טאנאקאָ צומ יאפאָנישנ אימפעראטער באשטעטיקט עס. טאנאקא שרייבט:

„די דאָרעמ־מאנדזשורישע אײַזנבאנ אנטשפרעכט שוינ ניט אונדזערע צילנ. דיסקאָנטירנדיק אונדזערע איצטיקע נויטנ אונ אונדזער טעטיקײַט אינ דער צוקונפט, דארפנ מיר האָבנ אונטער אונדזער קאָנטראָל אלע אײַזנבאנענ פונ צאָפנ־ אונ דאָרעמ־מאנדזשוריע. די כינעזיש-מיזרעכדיקע אײַזנבאנ וועט ווערנ אונדזערע פונקט אזוי, ווי די דאָרעמ־מאנדזשורישע אײַזנבאנ איז געוואָרנ אונדזערע“.

דעמ דאָזיקנ פלאנ פונעמ באראָנ טאנאקאָ פרווונ זיכ די יאפאָנישע אימפעריאליסטנ דורכצופירנ איצט אינ לעבנ. דער יאפאָנישער קאָנטראָל

איבער אלע אײַזנבאנענ פונ מאנדזשוריע (מיטנ אויסנאמ פונ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאנ) איז שוינ אײַנגעשטעלט געוואָרנ מיטנ איבערגעבנ זיי אינ דער אָנפירונג פונ דער דאָרעמ־מאנדזשורישער אײַזנבאנ. די באזונדערע לאגע, אינ וועלכער עס געפינט זיכ די כינעזיש־מיזרעכדיקע אײַזנבאנ, דענערווירט שטארק די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ. זיי שטרעבנ צו צווינגענ דעמ ראטנפארבאנד, ער זאָל זיכ אָפּזאָגנ פונ דעמ דאָזיקנ וועג. זינט צאָפנ־מאנדזשוריע איז אָקופּירט, טוט די יאפּאָנישע מיליטערישע מאכט אלצ, וואָס ס'איז מעגלעכ פונ איר זייט, קעדיי צו צעשטערנ די ארבעט פונ דער אײַזנבאנ אונ פארוואנדלענ זי אינ א דעפיציטע אונטערנעמונג. די מאכט פונ מאנדזשוגאָ נעמט ניט אונטער קיינע מיטלענ אָפּצוהיטנ דעמ וועג פונ די קעסיידערדיקע אָנפאלנ פונ פארשיידענע באנדיטישע מאכנעס. די יאפּאָנישע פּרעסע פארנעמט זיכ מיט פּראָוואָקאטערישע אויסטראכטענישנ וועגנ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאנ אונ העצט אָנ די כינעזישע גענעראלנ צו פארכאפּנ די כינעזיש־מיזרעכדיקע אײַזנבאנ. לויטנ באפעל פונ זייערע באלעבאטימ, די יאפּאָניער, שטערט די מאכט פונ מאנדזשוגאָ דער באוועגונג פונ די צוגנ דורכ דער טעריטאָריע פונ צאָפנ־מאנדזשוריע אונ זי קלײַבט זיכ איבערײַסנ דעמ וועג בא דער סטאנציע מאנדזשוריע אונ פּאָגראניטשנאיא. פּססר, דורכפירנדיק די שאָלעמ־פּאָליטיק, האָט געמאכט א פּאָרשלאג יאפּאָניע וועגנ פארקויפנ די כינעזיש־מיזרעכדיקע אײַזנבאנ. מיט דעמ דאָזיקנ אקט האָט פּססר דעמאָנסטרירט זײַנ פרידנ־פּאָליטיק אונ דעמ פעסטנ ווונטש אָפּצוהיטנ דעמ שאָלעמ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. דעמ ראטנפארבאנדס פּאָרשלאָג עפנט א וועג פרידלעכ צו רעגולירנ די פראגע וועגנ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאנ. דער דאָזיקער פּאָרשלאג איז א פּרוּוו־שטיינ אפ צו דערוויסנ זיכ די עמעסע ווונטשנ פונ די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ. דער פּאָרשלאָג דארפ מיט דער גאנצער קלאָרקײַט אופדעקנ, צי ווילנ זיי מילכאָמע אָדער שאָלעמ.

איצט האָט יאפּאָניע אינ מאנדזשוריע מער ווי הונדערט טויזנט מיליטער, דערביי געפינט זיכ זייער הויפּט־מאסע דירעקט נאָענט פונ די סאָוועטישע גרענעצנ. די יאפּאָנישע אָקופּאציע־ארמיי איז לויט איר צאָל אונ באוואָפענונג א זייער ערנסטע קראפט. עס איז אבסאָליוט קלאָר, אז דאָס, וואָס נאָענט פונ די סאָוועטישע גרענעצנ געפינט זיכ אזא פילצאָליקע יאפּאָנישע ארמיי, קאָנ בעשומויפנ ניט דערקלערט ווערנ דערמיט, וואָס אינ מאנדזשוריע זײַנענ פאראנ כינעזישע פארטיזאנער. ס'איז אָנ שומ צווייפל, אז דאָס קאָנצענטרירנ נאָענט פונ די סאָוועטישע גרענעצנ א הונדערט־טויזנטיקע ארמיי מיט א גרויסער צאָל אוויאציע אונ ארטילעריע האָט גאָר אנ אנדער ציל, נעמלעכ—צוגרייטנ א מילכאָמע קעגנ ראטנפארבאנד. די דאָזיקע ארמיי וואקסט מיט יעדנ טאָג אפנ כעזשבנ פונ נײַע קרעפטנ אונ

ווערט אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט מיט מאָדערנע טעכנישע מיטלען דאָס שטרייכט נאָך מער אונטער די געפערלעכע באַדייטונג פון די יאַפּאַנישע מיליטערישע מאָסמיטלען אין מאַנדזשוריע.

דער יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם גרייט אַ סטראַטעגישן פּלאַצדאַרם אין מאַנדזשוריע אַפן אָנצופאַלן אַפן ראַטנפאַרבאַנד

אין רעזולטאַט פון צעניאָריקן צוגרייטן דעם צאָפן-מאַנדזשורישן מילכאָמע-פּלאַץ און קאָרייע, אַלס הינטערלאַנד־באַזע פאַר דעם דאָזיקן מילכאָמע־פּלאַץ, האָט יאַפּאָניע אויסגעבויט אין מאַנדזשוריע און אין קאָרייע עטלעכע וויכטיקע סטראַטעגישע אייזנבאַנען, זי האָט קאָלאָסאַל פאַרגרעסערט די דורכלאָז־פיייקייט פונעם דײַרענער פּאָרט און פון די קאָרייִשע פּאָרטן פוזאַן, גענזאַן. סעסין, צזיסין, אַנטונג. אָט די אַלע פּאָרטן זײַנען אין איצטיקן מאָמענט אַפ העלפט מיליטערישע באַזעס, ווײַל די דאָזיקע פּאָרטן פאַרמאָגן באַ זיך אַ קאָלאָסאַלע צאָל פאַרשיידענע מיליטערישע סקלאַדן.

די סיסטעם פּאָרטן אַפן יאַמברעג פון מאַנדזשוריע און קאָרייע און די סטראַטעגישע אייזנבאַן-ליניעס, וועלכע גייען פון די דאָזיקע פּאָרטן צו די סאָוועטישע גרענעצן (צום סאָוועטישן פּרימאָריע, צום קליינעם און גרויסן כינגאַן), ווערט נאָך דערפילט מיט אַ פאַרצווײַגטער נעץ אווטאָמאָבילישע און גרונטאָווע וועגן, מיט טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע ליניעס.

אין די סטראַטעגיש וויכטיקסטע ראַיאָנען פון צאָפן־מאַנדזשוריע, אינעם ראַיאָן פון די וויכטיקסטע דורכגענג דורכן באַרג-רוקן כינגאַן, און אויך אַבן גרענעצ פונעם טייך מודאַנצזאַן פאַרמאָגט יאַפּאָניע קאָלאָסאַלע וואַלדקאָנצעסיעס, וואָס אַפ זייער טעריטאָריע זײַנען „אויסגעבויט פיל „אַרבעטער“ - קאַזאַרמעס און סקלאַדן, וועלכע זײַנען צוגעפּאַסט אַפ צו באַזעצן מיליטער און צו היטן געווער. די יאַפּאָנישע האַנדל־פירמעס און די קאָמפּאַניע „דאָרעם-מאַנדזשורישע אײַזנבאַן“ האָבן צוגעגרייט לענגויס דער דאָרעם־מאַנדזשורישער אײַזנבאַן, און אויך אין כאַרבין, גירין, ציציקאַר און אין אַנדערע וויכטיקסטע פּונקטן פון מאַנדזשוריע, אַ גרויסע צאָל פאַרשיידנאַרטיקע סקלאַדן, ווו עס ליגן גוואַלדיקע רעזערוון פון שפּײַז, פיטער און פאַרשיידנאַרטיקע מאַטעריאַלן. די דאָזיקע נעץ סקלאַדן קאָן זייער גרינג פאַרוואַנדלט ווערן אין מיליטערישע מאַגאַזינען צו באַזאָרגן די אַרמיי.

די דאָרעם־מאַנדזשורישע אײַזנבאַן האָט פאַרגרייט אויך גרויסע רעזערוון פון אײַזנבאַן-אינווענטאַר און אינסטרומענטן פאַרן אײַזנבאַנישן מיליטער.

אין ראיאָן פושונ, אנשאנצזאנ און בענסיכו זײַנען צוגעגרייט א באַ-הייצונג-מעטאלורגישע און א כימישע באַזע, וועלכע קאָן אין פאַל פון א מילכאָמע געבן פאַר די מאַנדזשורישע אײַזנבאַנען בא א 10 מיליאָן טאָן שטיינקוילן, דער אַרמיי — ביז 250 טויזנט טאָן נאַפט און בענזין, און וועט קענען באַזאָרגן דעם מוקדענער אַרסענאַל און די מיליטערישע זאַוואָדן אין קאָרייע און מאַנדזשוריע מיט שטאָל (ביז 400—500 טויזנט טאָן), און אויך מיט אויפרײַס-מאַטעריאַלן און מיט כימישע גיפט-שטאָפן.

די אָקופּאַציע פון צאָפן־מאַנדזשוריע דערלויבט דעם יאַפּאַנישן אימ־פּעריאַליזם צו פאַרגיכערן דעם טעמפּ פון צוגרייטן דעם מאַנדזשוריער פּלאַצדאַרם און אין קורצע טערמינען פאַרענדיקן די מער וויכטיקערע מאָס־מיטלען. צו זיי געהערט, פריער פאַר אַלץ:

1. דאָס פאַרענדיקן אויסבויען די אײַזנבאַן סײַסין — דונכוא — גירין. — טשאַנטשון — דאַלײַ — טאַאָנאַן.

2. דאָס פאַרענדיקן בויען די אײַזנבאַן טאַאָנאַן—סאָלון.

3. אויסבויען א קליינבאַן-ליניע.

4. אויסבויען קאַזאַרמעס און סקלאַדן.

5. אויסבויען אַעראָדראָמען און אָפּשטעל-פּלעצער פאַר אַעראָפּלאַנען.

קעדיי גיכער צו פאַרענדיקן אויסבויען די אויבן אָנגעוויזענע אײַזנ־באַן-ליניעס, האָט די קאָמפּאַניע „דאָרעם־מאַנדזשורישע אײַזנבאַן“ פאַרגרע־סערט איר קאַפּיטאַל אַף 200 מיליאָן יען, און האָט באַקומען ספּעציעלע קרעדיטן פונעם בודזשעט פונעם קוואַנטונער גענעראַל־גובערנאַטער און פר־נעם קאָרייער בודזשעט. א טייל פון די דאָזיקע קרעדיטן וועט אויסגע־נוצט ווערן אַף אויסצובויען אויטאָמאָביל-וועגן.

די בויונג פון אַעראָדראָמען, קאַזאַרמעס און סקלאַדן גייט שוין מיטן פולן גאַנג. אין משעך פון א יאָר האָבן די יאַפּאַנישע אינזשענער-טיילן אויסגעבויט אין מאַנדזשוריע מער פון 10 אַעראָדראָמען, די פאַנאַנדערוויק־לונג פון דער נעץ אַעראָדראָמען אין דאָרעם און אין צאָפן פון דער כי־נעזיש-מיזרעכדיקער אײַזנבאַן לאָזט ניט איבער קיין שום צווייפל וועגן דעם, קעגן וועמען זיי ווערן געבויט.

נאָך פיבערהאַפטער קומט פאָר די בויונג אין געביט פון פאַרברייטערן די צאָפנדיקע קאָרייִשע פּאָרטן. דער כאַרבינער קאָרעספּאָנדענט פון דער ענגלישער צײַטונג „נאָרד טשײַנא דיילי ניוס“ טיילט מיט:

„דער סייסינער פּאָרט ווערט פון די יאַפּאַניער פאַרברייטערט מיט א פיבערהאַפטיקער אײַליקײַט. דער האַפן-ברעג איז שוין פאַרענדיקט בויען אַף א שטעך פון 600 מעטער. אינווייניק אין האַפן איז אוועקגעשטעלט א קאָלאָסאַלע צאָל באַקענס פאַר די אָקעאַנישע דאַמפּערס. אין סייסין איז אויסגעבויט א נײַע אײַזנבאַן־סטאַנציע און צופאָר־וועגן לענגויס דעם יאַמ-

ברענ. אינ אָנהייב האָבנ זיי גערעכנט אויסצושטאטנ דעמ פּאַרט, ער זאָל קאָנענ דורכלאָזנ 900 טויזנט טאָנ מאסע יערלעכ, אונ איצט איז ער אויס־געשטאט אפ דורכצולאָזנ 2 מיליאָנ טאָנ מאסע״.

פּונקט מיט אזא איילִיקייט גייט אויכ די ארבעט אפ צו פּארברייטערנ אנדערע צוויי פּאָרטנ בישכיינעס מיטנ סייסינער, די פּאָרטנ יוקי אונ ראַ־סינ. אַט די אלע פּאָרטנ זיינענ פּאַרייניקט דורכ אייזנבאנענ מיט דער גרונט-מאַגיסטראל סייסינ—גירינ—טשאנטשונ, וועלכע האָט א וויכטיקע סטראַ־טעגישע באַדייטונג. עס איז איינגאנצנ קלאָר, אז אינעמ ראַיאָנ סייסינ—ראַ־סינ — יוקי ווערט צוגעגרייט א פּלאַצדארמ ארויסצוזעצנ מיליטער אונ אפּ אויסצולאָדנ מיליטערישע מאטעריאלנ אונ מאסע.

לויט די יעדיעס פונ די יאפּאַנישע צייטונגענ האָבנ די גרויסע צע־מענט-זאוואָדנ פונ יאפּאַניע באַקומענ א קאָלאָסאלע באשטעלונג פונ דער דאָרעמ-מאנדזשוריער אייזנבאנ אונ פונ דעמ מיליטערישנ אמט אפ צוצו־שטעלנ אינ מאנדזשוריע 500 טויזנט טאָנ צעמענט. די דאָזיקע באשטעלונ־גענ באווייזנ בעפּיירעש דעמ קאָלאָסאלנ מאסשטאב פונ די בוי-ארבעטנ אינ מאנדזשוריע. עס איז כאראקטעריסטיש די באמערקונג פונ די צייטונ־גענ, אז „...די אָנגאבנ וועגנ דעמ כאראקטער פונ די בוי-ארבעטנ קאָנענ ניט פּובליקירט ווערנ צוליב מיליטערישע טעמימ״.

די צוגרייטונג פונעמ מאנדזשורישנ סטראטעגישנ פּלאַצדארמ גייט אינ פולנ גאנג. די פיבערהאפטע טעמפּנ פונ דער דאָזיקער צוגרייטונג טראָגנ א געפערלעכנ כאראקטער פונ איילִיקע מילכאָמע-צוגרייטונגענ.

יאפּאַניע איז אינ איצטיקנ מאָמענט דער אָרגאניזאטער פונ דער ווייס־גווארדייישער באוועגונג אפנ ווייטנ מיזרעכ. אינ צוזאמענהאנג מיטנ אָקו־פּירנ מאנדזשוריע מיצאד יאפּאַניע, האָבנ אופגעלעבט די האָפענונגענ פונ די ווייסגווארדייישע עלעמענטנ אפ צו רעסטאווירנ דעמ צארישנ רעזשימ אפ דער טעריטאָריע פונעמ סאָוועטישנ ווייטנ מיזרעכ אונ אינ סיביר. דאָס אָקופּירנ מאנדזשוריע מיצאד דעמ יאפּאַנישנ אימפּעריאליזמ האָט באשאפנ גינסטיקע באדינגונגענ אפ צו אָרגאניזירנ אונ באוואָפענענ די פינצטערע קויכעס, וואָס די אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט ארויסגעוואָרפנ אויסער די סאָוועטישע גרענעצנ. די באציִונג פונ דער ווייסער עמיגראציע צו דער יאפּאַנישער אינטערווענצ קאָנ אמבעסטנ כאראקטעריזירט ווערנ מיט יענע אלע ארויסטרעטונגענ פונ דער ווייסער פּרעסע, וועלכע זי האָט געמאכט בייס דאָס יאפּאַנישע מיליטער איז ארייַנגעטראָטנ אינ מאנדזשוריע. מיר וועלנ ברענגענ די מער כאראקטעריסטישע פונ די דאָזיקע ארויסטרעטונ־גענ. דער ווייסגווארדייישער „רול״ האָט אינ אנ ארטיקל פונ 10-טנ אָק־טיאבער 1931 געשריבנ:

„אזעלכע פונקטנ, ווי גירינ, סיפּינגיי, די ציציקארער מאגיסטראל זיי־

7/7—3

נענ לויט זייער לאגע שטיצ-פונקטנ אפ אָנצוגרייַפנ קעגנ דעמ ראטנפאַרבאנד. אינ כארבינ איז ברייט פארשפרייט א מיינונג, אז די יאפּאָנישע אָקופּאציע־אָפּעראציעס זייַנענ בלויז אנ אריינפיר צו מער ברייטערע פּלענער פונ א גרעסערנ היסטאָרישנ זינ. עס ווערט צוגעגרייט דער יאפּאָנישער קלאפּ איבער די ראטנ".

איז וויאזוי באציט זיכ די ווייַסע עמיגראציע צו דעמ דאָזיקנ קלאפּ, וואָס ווערט געגרייט? דעמ ענטפער אפ דער דאָזיקער פראגע גיט די צייַטונג „וואָזראָזשדעניע" אינ נומער פונעמ 1-טנ מארט 1932 יאָר.

„ווי פארשיידנארטיק עס זאָלנ ניט זייַנ די ענדציילנ פונ יאפּאָניע און פונ די רוסישע נאציאָנאלע קויכעס, — שרייַבט די צייטונג. — טוענ אָפּ די דאָזיקע קויכעס איינע און די זעלביקע קאָלאָסאלע ארבעט — דעמ קאמפּ קעגנ באָלשעוויזמ אפנ גאנצנ מיזרעכ. אינ דער דאָזיקער ארבעט האָט איצט יאפּאָניע די איינציקע טרייַע פארבינדעטע — די רוסישע עמיגראנטנ. און די רוסישע עמיגראנטנ האָבנ, פונ זייער זייַט, צומ ערשטנ מאָל באקומענ אנ עכטנ פארבינדעטנ אינ פּערזאָנ פונ יאפּאָניע. קיינע אָפּלייקענונגענ מיט ווערטער וועלנ עס ניט קענענ אָפּלייקענענ".

עס איז קיינ צווייפל ניטאָ, אז די אימפּעריאליסטישע יאפּאָניע איז גרייט אויסצוניצנ ברייט די ווייַסגווארדייער פארנ קאמפּ קעגנ ראטנפאַרבאנד — פארנ אָרגאניזירנ אפ דער טעריטאָריע פונ פּססר אופשטאנדנ, פאר דיווערסיע און באנדיטישע אָנפאלנ. דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזמ איז גרייט אויסצוניצנ די ווייַסגווארדייער אפ צו ספּראווענ זיכ מיט דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פונ יענע טעריטאָריעס, וועלכע ער קלייַבט זיכ פארנעמענ. וועגנ דעמ זאָגנ גאנצ גענוי איידעס דאָקומענטאלע אָנגאבנ. אינ א מעמאָראנדומ, וואָס א יאפּאָנישער גענעראל, וועלכער פארנעמט א וויכטיקנ פּאָסטנ אינ מאנדזשוריע, האָט צוגעשטעלט דעמ קריג-מיניסטער, לייענענ מיר:

„פארנעמענדיק ווערכנעודינסק, וועלנ מיר צווינגענ רוסלאנד אונדז אָפּצוטרעטנ קאָלאָסאלע טעריטאָריעס צו מיזרעכ פונ דער לענע ביזנ בערינגער דורכגוס. מיר וואָלטנ דעמלט געקענט העלפנ די ווייַסגווארדייער צו באשאפנ אנ אומאָפּהענגיקע ווייַטמיזרעכדיקע מעלוכע".

דער אווטער פונ דעמ דאָזיקנ מעמאָראנדומ אנטוויקלט ווייַטער א פּלאנ צו פארוואנדלענ די דאָזיקע „אומאָפּהענגיקע" מעלוכע אינ א יאפּאָנישער קאָלאָניע. ער שרייַבט:

„די דאָזיקע צוויי מעלוכעס — די מאנדזשוריש־מאָנגאָלישע און ווייַט-

מיזרעכדיקע—וואָלטנ זיכ געפונענ אונטער דער אָנפירונג פונ גענעראל־גר־
בערנאטערס, וואָס וואָלטנ באשטימט געוואָרנ פונ יאפּאָניע".
אזויארום, באטראכט דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזם די ווײַסגווארדייִ־
שע עלעמענטנ אלס באהילפיקע קראפט, וועלכע קאָנ צוניצקומענ אפ אויס־
צופילנ זײַנע פּלענער. אז דאָס איז אזוי, דערציילט נאָכ א צווייטער דאָקו־
מענט, ווו מיר געפינענ דעם זעלביקנ געדאנק, נאָר אינ א מער אָפענער
פאָרמ. דער אווטער (אויכ א יאפּאָנישער גענעראל) שרײַבט:
„מיר מוזנ ארויסרופנ א צעפאלונג אינעווייניק אינ פּססר דורכ אויס־
ניצנ די ווײַסע גרופּעס אינעווייניק אונ אויסערנ פארבאנד, די ניט רוסישע
פעלקער אונ אלע אנטיסאָוועטישע עלעמענטנ".
אויכ די דאָזיקע פאָרמולירונג לאָזט שוינ ניט איבער קיינ שומ ספּיי־
קעס וועגנ זײַנ פּלאנ פונ אויסניצנ ברייט אינ דער מילכאָמע קעגנ ראטנ־
פארבאנד אלע קאָנטררעוואָליוציאָנערע קויכעס.
די ווירקלעכקײַט באווײַזט, אז דער יאפּאָנישער אימפּעריאליזם גייט בע־
פּיירעש אפ אזא וועג. ניט געקוקט דערופ, וואָס עס זײַנענ אײַנגעשטעלט
געוואָרנ נאָרמאלע דיפּלאָמאטישע באציִונגענ מיטנ פּססר, האָט דער יאפּאָני־
שער אימפּעריאליזם אינ מעשעכ פונ א ריי יאָרנ פאָרגעזעצט אונטערשטיצנ
אלע אקטיווע ווײַסגווארדייִשע גרופּירונגענ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. יאפּאָניע האָט
צוגענומענ צו זיכ דעמ הענקער סעמיאָנאָוו אונ זײַנע באהעלפער, אונ א
גרופּע אָרטיקע סיבירער ווײַסגווארדייער („אָבלאסטניקעס"). אינ מעשעכ
פונ א ריי יאָרנ האָבנ די דאָזיקע גרופּירונגענ באקומענ פינאנצנ אפנ
כעזשבנ פונ יענע סומעס, וועלכע זײַנענ געבליבנ אינ די יאפּאָנישע בענק
אינ יערושע פונ דער צארישער רעגירונג, וועלכע האָט אינ איר צײַט גע־
געבנ די יאפּאָנישע קאפּיטאליסטנ גרויסע באשטעלונגענ אפ מיליטערישע
מאטעריאלנ. באקומענדיק פינאנציעלע הילפ פונ די יאפּאָנישע אימפּעריא־
ליסטנ, האָט דער אטאמאנ סעמיאָנאָוו ניט אופגעהערט זײַנע פּרוווונ צו אָר־
גאניזירנ אפ דער מאנדזשורישער טעריטאָריע די פינצטערע קויכעס פונ דער
ווײַסער עמיגראציע. אזא ארבעט האָבנ אויכ געפירט די אָרטיקע סיבירער
ווײַסגווארדייער (אָבלאסטניקעס — א רעכט-עסערישע גרופּע). ווי נאָר דאָס יאַ־
פּאָנישע מיליטער האָט זיכ באוויזנ אינ צאָפנ-מאנדזשוריע, איז אויסגעוואָקסנ
די אקטיווקײַט פונ דער ווײַסער עמיגראציע. די ווײַסגווארדייִשע עלעמענטנ
פונ כארבינ האָבנ מיט א געפילדער באגריסט דאָס יאפּאָנישע מיליטער אונ
האָבנ גענומענ א סאמע אקטיוונ אָנטייל אינ די פארשיידנארטיקע פּראָוואָ־
קאציעס אפ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאנ. מע האָט גלײַכ אפ אנ
אָרט אָנגעצייכנט צו פאָרמירנ פארשיידענע קאמפּ-אָרגאניזאציעס בעראָש מיט
די באקאנטע פיגורנ פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער קאָנטררעוואָליוציע — דעמ
אטאמאנ סעמיאָנאָוו, כאָרוואט, גענעראל סיטשאָוו, גענעראל קאָסמינ, גענע־

ראל שימיקאָוו, אינזשעניער אָסטראָומאָוו. מיטנ צוועק צו באהעפטנ די ווײַס־עמיגראנטישע קויכעס, האָט די יאפּאָנישע קאָמאנדירונג אָנגעהויבנ ארויסגעבנ אפ רוסיש א צײַטונג „כארבינסקאָיע וורעמיא”. אינ כארבינ האָבנ אָנגעהויבנ פאנאנדערוויקלענ זייער ארבעט פארשיידנארטיקע ווײַסגווארדייִשע שטאבנ. די דאָזיקע שטאבנ זײַנענ ארײַנ אינ פארבינדונג מיט אלע ווײַסגווארדייִשע אָרגאניזאציעס אינ כינע אונ אינ אנדערע לענדער. עס האָט אָנגעהויבנ קאָכנ די ארבעט פונ ווערבירנ אָנהענגער. עס איז אנטשטאנענ א פּלאנ צו פאָרמירנ אפ דער טעריטאָריע פונ מאנדזשוריע א ווײַסע דיוויזיע פארנ קאמפ קעגנ ססר צוזאמענ מיטנ יאפּאָנישנ מיליטער. קיינ מאנדזשוריע האָבנ אָנגעהויבנ אָנקומענ גרופּעסווײַז אונ איינציקווײַז ווײַסגווארדייִשע אונ אוואנטיוריסטישע עלעמענטנ פונ דער גאנצער וועלט. אונ אלע געפינענ זיי פאר זיכ אנ אָרט אונטערנ פליגל פונ די יאפּאָנישע אָקופּאנטנ.

אינ צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס די אימפּעריאליסטנ גרייטנ א אינטערווענצ קעגנ ססר אונ וואָס די לאגע אפנ ווײַטנ מיזרעכ איז געוואָרנ קאָמפּליצירט, האָבנ באנײַט זייער טעטיקײַט די ווײַסגווארדייִשע אונ אנדערע קאָנטררעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ אונ די אגענטנ פונעמ וועלט־אימפּעריאליזמ, וועלכע פּרווונ דורכ א ריי פּראָוואָקאציעס פארגיכערנ די צעבינדונג פונ די מיליטערישע אָפּעראציעס קעגנ ססר. קעדיי אונטערצושטויסנ די וועלט־בורזשואזיע צו א מילכאָמע קעגנ ראטנפארבאנד, האָבנ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באנדעס אָרגאניזירט א ריי גרויסע פּאָליטישע מאָרדנ אונ אטענטאטנ אפ אויסלענדישע דיפּלאָמאטישע פאָרשטייער אונ אויסלענדישע טוער. אינעמ מאָמענט פונ די פארשיידנארטיקע פּראָוואָקאציעס אפנ ווײַטנ מיזרעכ האָט די געפּעו אופגעדעקט א פּלאנ פונ אנ אטענטאט אפנ יאפּאָנישנ געזאנדטנ אינ מאָסקווע. דער אָרגאניזאטער פונ דעמ דאָזיקנ אטענטאט איז געווענ א מיטארבעטער פונ דער טשעכאָסלאָוואקישער מיסיע, וואָס האָט אויסגעפילט די פארגעבונגענ אונ אָנווײַזונגענ פונ די מיליטערישע קרײַזנ פונ מעלוכעס, וואָס זײַנענ אונדז גאנצ באוווסט.

נאָכ דעמ איז געקומענ דער אטענטאט אפנ ראטגעבער פונ דער דײַטשישער געזאנדשאפט אינ מאָסקווע פאָנ־טווארדאָווסקינ. דער טעראָריסט שטערנ מיט זײַנ מיטהעלפער וואסיליעוו, וואָס האָבנ געמאכט דעמ אטענטאט אפ פאָנ־טווארדאָווסקינ, האָבנ באוויזנ אפנ געריכט, אז דער ציל פונעמ דאָזיקנ אטענטאט איז געווענ ארויסצורופנ קאָמפּליקאציעס צווישנ ססר אונ דײַטשלאנד. זיי האָבנ געהאט דעמ ציל צו דערהארגענענ דעמ דײַטשישנ געזאנדטנ פאָנ־דירקסענ, אונ בלויז צוליב א טאָעס האָבנ זיי אָנגענומענ פאָנ־טווארדאָווסקינ פארנ דײַטשישנ געזאנדטנ פאָנ־דירקסענ.

נאָכ א גרעסערע פּראָוואָקאציע איז געווענ דאָס דערמאָרדנ דעמ פראנצויזנ פּרעזידענט דומער, וואָס דער ווײַסגווארדייער גאָרגולאָוו האָט דורכ-

געפירט. דער דאָזיקער מאָרד האָט זיך געשטעלט פאר א ציל ארויסצורופנ א מילכאָמע קעגנ פססר. די פראנצויזישע רעאקציאָנערע צײַטונגענ האָבנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ מאָרד אופגעהויבנ א קאמפאניע, פארשפרייטנדיק פראָוואָקאטערישע יעדיעס, אז גאָרגולאָוו איז קלוימערשט געווענ „א נעאָ — באָלשעוויק", א „געוועזענער פאָלקס-קאָמיסאר", אנ „אגענט פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל" אאוו.

דער פראָוואָקאטערישער כאראקטער פונ די דאָזיקע אויסטראכטענישנ ווערט אינגאנצנ בוילעט, אויב מיר וועלנ נעמענ אינ באטראכט די אנערקענונג פונ גאָרגולאָוו אליינ אפנ געריכט, אז ער איז אינ משך פונ 10 יאָר געווענ דער סאמע פארביסענער ווייסגווארדייער, אנ אָרגאניזאטער פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער „פויערישער פארטיי פונ די גרינע".

דאָס אָנזעטיקנ מאנדזשוריע מיט ווײַסגווארדייִשע עלעמענטנ אונ די אקטיווירונג פונ די דאָזיקע עלעמענטנ באשאפנ אינ מאנדזשוריע זייער אנ אָנגעשטרענגטע פאָליטישע לאגע. די באוואָפענונג פונ די ווײַסגווארדייִשע באנדעס קענ געבנ א שטויס צו אָרגאניזירנ אָנפאלנ אפ דער סאָוועטישער טעריטאָריע אונ אפ דער טעריטאָריע פונ דער מאָנגאָלישער פאָלק-רעפובליק. די ווײַסגווארדייִשע אָרגאניזאציעס גרייטנ אויך פראָוואָקאציעס אפ דער כינעזיש-מיזרעכדיקער אײַזנבאנ. דער יאפאָנישער אימפעריאליזמ שפילט מיט פײַער. צונויפזאמלענדיק אונ באהעפטנדיק די פינצטערע קויכעס פונ דער קאָנטררעוואָליוציע, ווארט ער אויס אפ א גינסטיקנ מאָמענט זיי אָנצווענדנ.

די באציונג צומ פאָרשלאָג פונ פסר וועגנ שליסנ א פאקט וועגנ ניט אָנפאלנ

ווי ס'איז באוווּסט, האָט פסר, נאָכ דעמ, ווי ער האָט געשלאָסנ פאקטנ וועגנ ניט-אָנפאלנ מיט זײַנע מײַרעוודיקע שכיינימ, זיכ געווענדט אויכ צו יאפאָניע מיט א פאָרשלאג צו שליסנ א פאקט וועגנ ניט-אָנפאלנ. דער דאָזיקער פרידלעכער אקט פונ דער ראטנ-רעגירונג האָט זיכ געשטעלט א ציל אײַנצוהיטנ דעמ שאָלעמ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. דאָס שליסנ דעמ פאקט וועגנ ניט-אָנפאלנ צווישנ פסר אונ יאפאָניע וואָלט געלינדערט די אָנגעשטרענגטע לאגע אפנ ווײַטנ מיזרעכ אונ וואָלט מיטגעווירקט אײַנצושטעלנ מער פעסטע גוטשכיינעסדיקע באציונגענ צווישנ די צוויי שכיינעסדיקע מעלוכעס. די יאפאָנישע רעגירונג האָט זיכ באצויגנ נעגאטיוו צומ פאָרשלאָג פונ פסר. דערמיט אליינ האָט די יאפאָנישע רעגירונג דעמאָנסטרירט, אז בא יאפאָניע איז ניט פאראנ קיינ פרידלעכע באגערנ בענעגייע פססר. דער דאָזיקער פאקט איז זייער א פיל באדײַטנדיקער אונ פארדינט א באזונדער אופמערקזאמקײַט.

י. ע. זשוקאָוו

וועגנ יאפּאָנישנ פאשיזמ

די פאשיזירונג פונ יאפּאָניע גײט מיט גאָר גיכע טעמפּנ. די אומפּאר-מײדלעכקײט פונ דער אלוועלטלעכער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע אפנ שטילנ אָקעאנ, די געפאר פונ א אנטיסאָוועטישער אינטערווענצ, וואָס ווערט פארשארפט אונ אינטענסיוו צוגעגרײט פונ די יאפּאָנישע מיליטאריסטנ, טרײַבט אונטער מיט אנ אויסערגעווײנלעכער גיכקײַט דאָס אריבערגײנ פונ דער בורזשואז־פריצישער דיקטאטור אינ יאפּאָניע, — פונ אירע „דעמאָקראטישע” פאָרמענ (וועלכע האָט אלעמאָל געטראָגנ א באדינגלעכנ כאראקטער), אינ א דירעקטער ניט־פארדעקטער דיקטאטור איבער די ברײטע שיכטנ פונעמ פּראָלעטאריאט אונ פויערטומ.

די פאשיזירונג פונ יאפּאָניע קומט פאָר ניט אינ דער פאָרמ פונ אי־בערגאנג פינ דער מעלוכע־מאכט אינ די הענט צו באשטימטע אויסגעפור־רעמטע פּאָליטישע פאשיסטישע פּארטײענ, אונ ניט דורכ שאפנ א דיקטא-טור, וואָס ווארפט ארונטער דעמ פריערדיקנ מעלוכישנ אפּאראט. די פאשי-זירונג קומט פאָר דורכ געזעצמעסיקנ פּארפעסטיקנ די הערשנדיקע ראָליע פונ יענע טײלנ אונ עלעמענטנ פונעמ עקזיסטירנדיקנ מעלוכע־רע-זשימ, וועלכע האָבנ אויכ פריער געטראָגנ אינ זיכ שפּראָצנ פונ אומפּאר-דעקטער דיקטאטור.

די רײַכקײַט פונעמ יאפּאָנישנ מעלוכישנ אפּאראט מיט פעאָדאל-ביוראָ-קראטישע עלעמענטנ האָט אימ אלע מאָל געמאכט פאר באזונדערס פאר־שארפט קעגנ די ארבעטנדיקע אונ עקספּלואטירטע מאסנ. די הערשאפט פונ דער פּאָליצײ אונ פונ דער פעאָדאל-שטאנדישער פּאטריארכאלשטשינע, צו־זוויפגעפאָרט מיט דער סאמע גראָבער עקספּלואטאציע פונ די ארבעטער אונ פויערימ, האָט קײנמאָל ניט איבערגעלאָזנ קײנ ברײטע פרײַהײַט פאר דער

אנטוויקלונג פון די אינסטיטוטן פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין יאַפּאַניע צום סאָף XIX יאָרהונדערט. דעריבער קאָן די קאָנצענטראַציע פון דער מאַכט אין די הענט פון די מאַקסימאַל־פּאַשיזירטע עלעמענטן — פון די מיליטאַריסטן, — גרינג פּאָרקומען אין יאַ־פּאַניע אין לעגאַלע ראַמען.

דער גרויסער ספּעציפישער געוויכט פון די פּריצים און פעאָדאַלן אי־נעם הערשנדיקן קלאַסן-בלאָק פון יאַפּאַניע, זייער אויבערהאַנט ביז דער לעצטער צייט אינעם דאָזיקן בלאָק; געפינט איר אָפּשפּיגלונג אין דער סיס־טעם פון דער מעלוכע-מאַכט, אין דער ספּעציפישער פאַר יאַפּאַניע דיק־טאַטור פון די מיליטעריש-פעאָדאַלע און שטאַנדיש-ביוראָקראַטישע עלע־מענטן אין די רעגירונג־אָרגאַנען, אין דער ספּעציעלער ראָליע פון דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע.

ס'איז נאַטירלעך, אַז די אינטערעסן פונעם יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם, וועל־כע פאָדערן איינצושטעלן א סיסטעם פון אומפאַרדעקטער קלאַסן־דיקטאַטור, קאָנען אין די אומשטענדן פון פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף אינווייניק אין לאַנד און פון דער אָנקומענדיקער „גרויסער מילכאָמע", אָפּגעהיט ווערן בלויז דורך א קליינעם, אומבאַמערקטן פאַרן אויג איבערוק אינעם געגע־בענעם מעלוכישן אַפּאַראַט.

טאַקע צוליב דעם איז, ניט געקוקט אָפּ דער גרויסער צאָל קליינע גרופּירונגען אין יאַפּאַניע, וועלכע מע קאָן אָנרופן פאַשיסטישע, האָט קיין איינע פון זיי ניט געקענט ווערן און איז ניט געוואָרן קיין מאָנאָפּאָ־ליסטישער צונויפזאַמלער פון די פאַשיסטישע טענדענצן אין לאַנד, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער עקזיסטירנדיקער מעלוכע-מאַכט.

די פאַשיסטישע גרופּירונגען און פאַראייניקונגען אין יאַפּאַניע אַנטוויק־לען זיך אין גרונט לויט די פאָלגנדיקע ריכט-ליניעס: 1) ספּעציפיש מילי־טערישע גרופּירונגען, 2) דאָרפישע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, 3) אינטע־ליגענטישע פאַשיסטישע פאַראייניקונגען (הויפּטזאַכלעך מיט א רעליגיעז־פילאָסאָפישן אָפּנייג), 4) פאַשיסטישע עלעמענטן אינווייניק אין די עקזיסטירנ־דיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, 5) שוואַרצמייעדיקע פאַראייניקונגען פון באַנדי־טישן טיפּ, וועלכע פילן אויס די פונקציעס פון אָנשרעקן און דערשטיקן „די ניט־זיכערע עלעמענטן" (לויטן באַשטאַנד קליינבירגערלעכע), 6) די נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פאַראייניקונגען, וועלכע פּרווון פירן א פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער.

א וויכטיקע באַזונדערקייט פון די דאָזיקע פאַשיסטישע פאַראייניקונגען איז זייער צעשפּליטערטקייט, צעדרויבלטקייט אָפּ א גרויסער צאָל אומבאַדייטנדי־קע, לויט זייער צאָליקן באַשטאַנד (און אָפילע לויט זייער ספּעציפישן גע־וויכט), איזאָלירטע קעמערלעך. אָט די באַזונדערקייט פונעם יאַפּאַנישן פאַשיזם

איז א דירעקטער רעזולטאט פון זײַן שוואכקײַט, אלס זעלבשטענדיקע פּאָ-ליטישע ריכטונג, וועלכע שטייט קעגן דעם עקזיסטירנדיקן מעלוכע־אפּאראט.

צום אָנהייב 1933 יאָר זײַנען אין יאפּאַניע געווען בא 82 גרויסע רע־אקציאָנערע אָרגאניזאציעס, פון זיי — 46, וואָס דערנענטערן זיך לויט זייער טיפּ צו פּאָליטישע פּארטייען, 17 — רעליגיעז־עטישע פאריייניקונגען, וועלכע זײַנען פארנומען מיט פאנאנדערארבעטן אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, און 6 ספּעציעל סטודענטישע. די אלגעמיינע צאָל רעאקציאָנערע פאריייניקונגען אין יאפּאָניע באטרעפט עטלעכע הונדערט אָרגאניזאציעס.

אָבער ניט געקוקט אפ אזא צעשפּליטערטקײַט, איז גאָרניט שווער צו באשטימען דאָס פּאָנעם פון יאפּאָנישן פאשיזם אינגאנצן גענומען, אפ וויפל די ציל־איינהײַט און די אידעאָלאָגישע געמיינזאמקײַט פאריייניקט די סאַמע פארשיידנארטיקע רעאקציאָנערע גרופּירונגען לויטן באשטאנד און לויט די אויסערלעכע אטריבוטן (נאָמען אאוו).

די איבערוועגנדיקע מערהײַט רעאקציאָנערע אָרגאניזאציעס אין יאפּאָניע באניצן זייער א איינזײַטיקע און ארכאיסטישע טערמינאָלאָגיע אפ צו באַשטימען זייערע אופגאבן. אלס אמערסטן פארשפּרייטע פאָרמולע, וועלכע דארף באטײַטן די אקטיווע שטיצע פון די פאשיסטישע פּרינציפּן (דאָס הייסט, דער אָפענער דיקטאטור פון דער אבסאָליוטער מאָנארכיע — דעם בלאָק פון די רעגירנדיקע קלאסן אין יאפּאָניע), דינט בא זיי דער אויס־דריק: „די פּאָליטיק פונעם אימפּעראטערישן וועג" („קאָדאָ סיידזי").

אין די מיליטעריש־פאשיסטישע גרופּירונגען ווערט די דאָזיקע האנאָכע קאָמפּליצירטער דורכן ספּעציעלן אונטערשטרײַכן די נויטווענדיקײַט „צו פארענדיקן די נאציאָנאַלע שוץ פונעם לאנד". אין די דאָקומענטן פון די דאָרפּישע אָרגאניזאציעס ווערט אומבאדינגט דערמאָנט וועגן דער נויטווענדיקײַט „צו געבן גיכע הילף דעם פּויערטום". אין די דעקלאראציעס פון די שטאָטישע פאשיסטישע פאריייניקונגען ווערט אומבאדינגט געפאָדערט „צו באזײַטיקן די דעפעקטן פון די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּארטייען", און „פארווירקלעכן די איינהײַטלעכע נאציאָנאַלע ווירטשאפט". די מינדערהײַט אָרגאַניזאצעס שטעלן דערבײַ ארויס די פּאָדערונג „צו רעפאָרמירן די קאפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיק" און דערווײַטערן די עלעמענטן פון „רײַכע ווערן און פון ניט געצוונטער קאָנקורענץ". ענדלעך, די מער „ווירקזאמע" פּאָגראָמישע שווארצמייעדיקע אָרגאניזאציעס פונעם טיפּ „סעקא באָסידאן" (א גרופּע, וואָס פארטיידיקט פון דער „רויטער געפאר"), רוקט ארויס אפן ערשטן פּלאן די נויטווענדיקײַט „צו צעשמעטערן דעם קאָמוניזם און דעם מאטע־ריאַליזם". פאר אלע רעאקציאָנערע אָרגאניזאציעס איז אבסאָליוט אָבליגאַטאריש צו פּראָקלאמירן די נויטווענדיקײַט „פון דערציען אין די מאסן דעם

נאַציאָנאַלן גײַסט", וואָס באַשטייט אין פאַרגעטערן דעם אימפעראַטער און פון פּאַטריאָטיזם. דער דאָזיקער לעצטער פּרינציפּ פון עקסטן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע אַרויסטרעטונגען פון די יאַפּאַנישע פאַשיסטן, וועלכע באַשטייען אויף דער אַבסאָליוטער אויסדערוויילטקייט פון דער יאַפּאַנישער קולטור און פאָדערן אומצוקערן זיך פון די פרעמדע אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע לערעס צום „עמעסן יאַפּאַניזם".

די פראַגע וועגן די אידעאָלאָגישע וואָרצלען פונעם יאַפּאַנישן פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן אינטערעס, אויף וויפל פאַר דער לעצטער צײַט קען מען באַמערקן, ווי אַזוי אַ רײ פון די גרעסטע פאָרשטייער פונעם פאַשיזם אין יאַפּאַניע גרענעצן זיך באַזונדערס זאָרגזאַם אויף פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פון אייראָפּעיִשן מוסטער און פּראָקלאַמירן די פולקומע אָריגינעלקײַט און טראַדיציאָנעלקײַט פון די יאַפּאַנישע טעאָריעס פון „מעלוכישער איבערגעשטאַלטונג".

אויפן פּראָצעס פון די מיליטעריש־פאַשיסטישע טעראָריסטישע גרופּירונגען האָבן אַלע באַשולדיקטע דערקלערט וועגן דעם, אַז זיי זײַנען אין אַ גלײַכער מאָס פײַנטלעך סײַ דעם פאַשיזם סײַ דעם קאָמוניזם. דער פאַשיזם און דער קאָמוניזם — דאָס זײַנען פּראָדוקטן פון דער אַנטי־יאַפּאַנישער, אייראָפּעיִשער קולטור. אויף דעם דאָזיקן סמאַך ווערט געמאַכט אַן אויספיר, אַז ניט געקוקט אויף אייניקע מאָמענטן פון אויסערלעכער ענלעכקײַט צווישן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און „יאַפּאַניזם", איז דעם „יאַפּאַניזם" אַבסאָליוט פרעמד די פאַשיסטישע פּרינציפּן. דער יאַפּאַנישער פאַשיזם דאָס איז דער „יאַפּאַניזם".

פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ גרונט־עלעמענטן בילדן דעם באַגריף יאַפּאַניזם? פאַרשיידנאַרטיקע יאַפּאַנישע קוועלן גיבן פאַרשיידנאַרטיקע ענטפערס אויף דער דאָזיקער פראַגע.

אויפן פּראָצעס האָט איינער פון די יאַפּאַנישע טעראָריסטן דערקלערט, אַז דער יאַפּאַניזם, אַלס אידעאָלאָגיע, באַשטייט פון די באַגריפן ק אָ ד ז י ק י און מ א נ ע ס י ו (קאָדזיקי דאָס איז אַ מיטאָלאָגישע געשיכטע פון דער אוראַלטער יאַפּאַניע, וועלכע באַגרינדעט דעם געטלעכן אופקום פונעם אימפּעראַטערישן הויז, און מאַנעסיו — דאָס איז אַ באַוווסטער זאַמלבוך פון אַלטער יאַפּאַנישער פּאָעזיע). אייניקע אוטאָרן האַלטן, אַז דער באַגריף „יאַפּאַניזם" אַנטהאַלט אין זיך די פעאָדאַלע אידעאָלאָגיע פונעם יאַפּאַנישן סאַמוראַיענטום (די אַזוי־גערופענע „בוסידאָ"). ס'איז אָן ספק, אַז דער „יאַפּאַניזם", אַלס אידעאָלאָגיע פונעם יאַפּאַנישן פאַשיזם און אַלס באַשטימטע פּראָגראַם פון קריגערישן יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם, אַנטהאַלט אַ גרויסע צאָל פעאָדאַלע עלעמענטן.

דער „י א פ אָ נ י ז ם" דאָס איז: 1) ד אָ ס א נ ע ר ק ע נ ע ן ד י פ ר י נ־

ציפיִעלע פולקומקײַט אונ אָריגינעלקײַט פונעמ יאפאָנישנ מעלוכע-רעזשימ. 2) דאָס קאָנסעקווענטע דורכפירנ אינ לעבנ די פרינציפנ פונ אלערונטערטעניקסטער באַציִונג צומ אימפעראטער. 3) דאָס אנערקענענ פאר יאַפאָניע די גרעסטע היסטאָרישע מיסיע אפ אָנפירנ מיט די פעלקער פונ אזיע. 4) דאָס דורכפירנ אנ אומאָפהענגיקע אונ פעסטע פאָליטיק בענעגייע צו יענע אלע לענדער, וועלכע וועלנ ניט ארײַנ אינ גרויסנ בלאָק פונ די אזיִאַטישע פעלקער, וואָס יאפאָניע שטייט אינ איר שפיצ. 5) דאָס אָפלייקענענ די אינדיווידואליסטישע אונ גראָב מאטעריִאליסטישע קולטור פונעמ אייראָפייִש-אמעריקאַנישנ קאפיטאליזמ אפ דער באזע פונ אנטוויקלענ די נאַציִאָנאלע אייגנשאפטנ אונ דעמ נאציִאָנאלנ גײַסט, וואָס איז אייגנטימלעכ פאר יאפאָניע.

עס איז נייטיק אונטערצושטרײַכנ, אז אָט די אלע פרינציפנ, וואָס זײַנענ דאָ איבערגערעכנט געוואָרנ, וועלכע ליגנ אינ גרונט פונ דעמ „יאפאָניזמ“, זײַנענ לאכלוטנ ניט קיינ מאָנאָפאָל-אידייענ בלויז פונעמ יאפאָנישנ פאשיזמ. אפילע בענעגייע דער פראזעאָלאָגיע בלײַבט די מערהײַט פונ די דאָזיקע האַנאָכעס אומגעענדערט ארויסגעזאָגט אינ די ארויסטרעטונגענ, געדרוקטע ווערק אונ אפילע אינ די פראָגראמ-דאָקומענטנ בא אלע פאָליטישע פארטייענ אָדער גרופירונגענ פונ די יאפאָנישע בורזשוא אונ פריצימ, פונקט אזוי ווי בא דער רעגירונג אליינ. אָבער אינ גרונט ווערנ אינ יאפאָניע די אידייענ פונ „יאַפאָניזמ“ קאָנסעקווענטער אנטוויקלט דורכ יענע רעאקציִאָנערע אָרגאניזאציעס, וואָס דערנעענטערנ זיכ לויט זייער טיפ צו פאשיסטישע.

די ארויסטרעטונגענ פונ די טעראָריסטנ אפנ פראָצעס האָבנ באוויזנ, אז די מיליטאריסטנ האלטנ זיכ פארנ אידייִשנ יורש פונ סײַגאָ טאקאמאָרי, דעמ לידער פונ דעמ קאָנטררעוואָליוציִאָנערנ אופשטאנד פונ 1877, וועלכנ דאָס סאמוראיענטומ האָט אופגעהויבנ אלס פראָטעסט קעגנ אָפנעמענ בא די פעאָדאלע מיליטאריסטנ א רײ פריווילעגיעס אונ קעגנ דעמ פארהאלטנ דעמ מארש אפנ קאָנטינענט — די מילכאָמע פאר קאָרייע. דער קולט סײַגאָ, וואָס עקזיסטירט אינ יאפאָניע אונ וואָס איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער רעגירונג אינעמ נאָמענ פונעמ אימפעראטער, באווײַזט, אז די פרינציפנ פונעמ „יאפאָניזמ“ געפינענ זיכ ניט אינ קיינ ווידערשפרוכ מיט די פרווונ פונ א צוואנג-איבערקערעניש, אויב זי ווערט דיקטירט „דורכ דערהייבענע מאָטיוונ פונ פאטריִאָטיזמ“.

עס איז זייער וועזנטלעכ צו פארצייכענענ, אז דאָס אנערקענענ די אומבארירטקײַט פונ דער סיסטעמ פונ דער אבסאָליוטער מאָנארכיע אינ יאפאָניע

איז א זיכערע באוואָרענונג פאר דער לעגאַליטעט פון די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס.

די גאַנצע אויסערלעכע פּילאַרטיקייט פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין יאַפּאָניע פארלירט איר באַדײַטונג אַנטקעגן דעם פאַקט, וואָס דער גרונט-אינהאַלט און דער ציל פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז דאָס שאַפן אין דער געשטאַלט פון דער אַבסאָליוטער מאָנאַרכיע דעם איינציקן אויטאָריטעטן און רעגירנדיקן מעלוכישן אַפּאַראַט, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף דער ברייטער שטיצע פון די מאַסן קליינבירגערטום.

מע מוז אָבער פאַרצייכענען, אַז אין גרונט צעטיילט זיך דער יאַפּאָנישער פאַשיזם אויף צוויי באַשטימטע ריכטונגען. די ערשטע באַשטייט אין גרונט פון די פאָרשטייער פון די מיליטאַריסטן, ביוראָקראַטיע און פּריצים, וואָס שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון „יאַפּאָניזם" קימאַט אָן עלעמענטן פון אַנטי-קאַפּיטאַליסטישער דעמאַגאָגיע. די צווייטע איז הויפּט-זאַכלעך פאָרגעשטעלט פון די שטאָטישע קליינבורזשואַזע שיכטן, פון די אוי-בערשיכטן פון פּויערטום און אַנטוויקלט דעם אַנטשפּרעכיקן פּונקט פון די פּרינציפּן פון „יאַפּאָניזם" אין גײַסט פון אָנערקענען די נויטווענדיקייט פונעם קאַמף קעגן דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל און קעגן די פּריווילעגירטע שטאַנדן און אַפילע אינעם סטיל פון אויסגלײַכערישן „סאָציאַליזם".

די וויכטיקסטע באַזונדערקייט פון דער ערשטער ריכטונג איז דאָס, וואָס זי באַזירט זיך אויף פּילצאָליקע אַלטע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין מעשעך פון יאָרצענדליקער. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געדינט די אינטערעסן פון דער מאָנאַרכיסטישער און שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, זײַנען אין זייער מערהייט אָרגאַניזירט געוואָרן פון מענטשן, וואָס אָדער זיי געהערן דירעקט צו די רעגירונג-קרײַזן, אָדער זיי האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַרנומען אָן אָפיציעלע לאַגע אינעם מעלוכישן אַפּאַראַט.

פאַר א בײַשפּיל פון די אָרגאַניזאַציעס פונעם ערשטן טיפּ קאָנען דינען די דרײַ ביז איצט עקזיסטירנדיקע עלטסטע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס „סייקאָסיא", „קאָקוריוקײַ" און „סיויאָדאַן".

1. „סייקאָסיא" (געזעלשאַפט פון פּאָליטישער דערציִונג), די עלטסטע פון די עקזיסטירנדיקע בא הײַנטיקן מאָמענט רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1888 יאָר. די געזעלשאַפט גיט אַרויס א זשורנאַל „יאַפּאָניע און די יאַפּאָניער", וווּ עס ווערט פּראָפּאַגאַנדירט די נויטווענדיקייט צו פאַרשפּרייטן די פּרינציפּן פון „יאַפּאָניזם" און פון „ריינעם נאַציאָנאַליזם". אין איצטיקן מאָמענט האָט סייקאָסיא אײַנגעשטעלט א קאָנטאַקט מיט א צווייטער אַלטער שוואַרצמייעדיקער אָרגאַניזאַציע „קאָקוריוקײַ" — „געזעלשאַפט פון שוואַרצן דראַקאָן" — און מיט דער פּאַטריאָטישער געזעל-

שאפט. ביידע אָרגאניזאציעס פירן א שטארקע אנטי־אמעריקאנישע אגיטאַציע אין צוזאמענהאנג מיט דער פּראָבלעם פון די יאם-באוואָפענונגען. די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט גייען אריין אין פיל אנדערע רעאקציאָנערע פאריייניקונגען.

2. „קאָקוריוקיי“ („געזעלשאפט פון שווארצן דראקאָן“) עקזיסטירט פון 1901 יאָר. בעראָש פון דער געזעלשאפט שטייט אוטידא רעכיי, אן אָנגעזעענער לידער, וועלכער פּרעטענדירט אפ דער ראָליע פון א פאריייניקער פון דער גאנצער פאשיסטישער באוועגונג אין יאפּאָניע אפ דער באזע פון די אלטע רעאקציאָנער-שאָוויניסטישע אָרגאניזאציעס. די געזעלשאפט איז פון לאנג אָן געווען שטארק נאָענט צו די מיליטערישע קרייזן פון יאפּאָניע און איינצלנע אירע מיטגלידער האָבן באקומען א ברייטע פּאָפּולערקייט, אלס ניט-אָפיציעלע אגענטן פונעם קריג־מיניסטעריום אפ „צו אָרגאניזירן די קרוויוושע פארבינדונג“ צווישן יאפּאָניע און די איבעריקע פעלקער פון אזיע. די געזעלשאפט איז באקאנט מיט איר אנטיסאָוועטישער פארשפּיצטקייט, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צייט פארשטארקט, אין צוזאמענהאנג מיטן אָקופּירן מאנדזשוריע און מיטן צוגרייטן די אינטערווענץ קעגן פּססר.

3. „סיויאָדאנ“ („קולטור־געזעלשאפט“) איז געגרינדעט אין 1906 יאָר. איצט שטייט אין איר שפּיץ דער באראָן כיראנומא, דער וויצע־פּרעזידענט פונעם געהיימראט, וועלכער רעכנט זיך פארן ווארשיינלעכסטן קאנדידאט אפן פּאָסטן פון פּרעמיער אין דער פאשיסטישער דיקטאטורישער רעגירונג, וועלכע איז באַרופן דורכצופירן די „רעקאָנסטרוקציע“ פון יאפּאָניע. די געזעלשאפט אליין איז ניט קיין פּאָליטישע שלאכט-אָרגאניזאציע און שטעלט פאר זיך צילן פון דערציִונג און מאָראלישער פארפולקומונג פון דער יוגנט אפ אָפּצוהיטן זי פון דער „קאָמוניסטישער אָנשטעקונג“. אָבער איר כאראקטעריסטישע באזונדערקייט איז די שטרעבונג צו פארברייטערן איר ווירקונג צווישן די ארבעטער און אויך אין די קאָלאָניעס (קאָרייע, פאָרמאָזא, מאנדזשוריע), ווו זי פארמאָגט, קלוימערשט, בא הונדערט טויזנט מיטגלידער.

פון די נייע אָרגאניזאציעס פונעם זעלביקן טיפּ האָט די גרעסטע ווירקונג „קאָקוכאָנסיא“ („געזעלשאפט פון די מעלוכישע יעסוידעס“), וואָס איז געגרינדעט אין 1924 יאָר און ווערט אָנגעפירט פונעם דערמאָנטן באראָן כ י ר א נ ו מ א.

אינעם באשטאנד פון דער דאָזיקער אָרגאניזאציע גייען אריין זייער איינפלוסרייכע פאָרשטייער פון פארשיידנארטיקע יאפּאָנישע פּאָליטישע קרייזן, צווישן זיי אויך לידערס פון פּאָליטישע פארטייען: דער לידער פון סייוקיי ס ו ד ז ו ק י און דער אָנפירער פון די מיליטאריסטן, דער גענעראל א ר א ק י.

לויט איר כאראקטער איז „קאָקוכאָנסיא“ ניט קיין פּאָליטישע שלאכט־אָרגאניזאציע מיט א בוילעט אָנגעצייכנטער טעטיקייט־פּראָגראם, נאָר זי

דערמאָנט מיט זיך א פּריוואטע פאַרזאמלונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן באהאנדלען ניט סיסטעמאטיש אַלגעמיינע טעאָרעטישע פּראגן.

דער אריסטאָקראטישער באשטאנד פון אירע אָנטיילנעמער נעמט אָפּ בא דער דאָזיקער געזעלשאפט איר פּעריפעריע, אפ וועלכער זי וואָלט זיך געקענט אָנשפּארן באם רעאליזירן באשטימטע פּאָליטישע פּלענער, ניט געקוקט דערויף, וואָס כיראנומא אליין איז די אמערסטנ טיפּישע פיגור פון א הויף-ביוראָקראט, וועלכער האָט א פעסטן קאָנטאקט מיט די מיליטאַריסטן און איז דעריבער פייִק אויסצוניצן די מיליטעריש-פאשיסטישע באוועגונג מיטן צוועק צו בילדן א דיקטאטערישן קאבינעט אמערסטנ אָנווייטעקדיק.

„קאָקוכאָנסיא" און ענלעכע צו איר אָרגאניזאציעס פונעם פּריווילעגירטן טיפּ האָבן ווייניק געמיינזאמעס מיט די געוויינלעכע פאשיסטישע פּארטייען, אינעם אייראָפּייִשן באגריף פונעם וואָרט.

נעענטער צו דעם דאָזיקן באגריף זיינען די אָרגאניזאציעס פונעם צווייטן טיפּ, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט הויפּטזאכלעך פאר די לעצטע יאָרן, ווען יאפּאָניע איז געווען צעטרייסלט פונעם אלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס זיין גאנצע שווערקייט איז ארופגעפאלן אפן פּראָלעטאריאט און אפן פּויערטום, און אויך אפ די ברייטע קרייזן קליינבורזשואזיע.

די ווירקונג פון עקאָנאָמישן קריזיס אפ דער לאגע פון די קליינבירגערלעכע שיכטן פון שטאָט און דאָרף איז די סיבע פון יענער גרויסער ראָליע, וואָס עס שפּילן די אנטיקאפּיטאליסטישע לאָזונגען און די פּראָגראם-דאָקומענטן פון די דאָזיקע אָרגאניזאציעס.

אלס ביישפּיל קענען דינען: „דזימוקיי", „סיניכאָן קאָקומין דאָמיי" און „ניכאָן קאָקאסיאמינטאָ", וועלכע זיינען געשאפן געוואָרן אין 1932 יאָר.

1. „דזימוקיי" (די געזעלשאפט דזימו. דזימו דאָס איז דער נאָמען פונעם לעגענדארן אימפּעראטער, וואָס האָט געגרינדעט די איצטיקע דינאסטיע) איז געשאפן געוואָרן אין 1932 יאָר דורכן פּראָפעסער אָגאווא סיומיי, איינער פון די טעאָרעטיקער פונעם יאפּאָנישן פאשיזם, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרן פארן צוגרייטן אן אטענטאט אפן פּרעמיער אינוקיי. אין דער פּאָליטישער פּראָגראם פון דער דאָזיקער געזעלשאפט געפינען מיר דעם פאָלגנדיקן פונקט:

„דער קאמף קעגן דער עקאָנאָמישער עקספּלואטאציע פונעם קאַפּיטאליזם, וואָס ווארפט אונטער דעם פאָלק-וווילשטאנד צום פּריוואטן אינטערעס. די פאַרווירקלעכונג פון דער אימפּערישער עקאָנאָמישער סטרוקטור, וואָס באוואָרנט די סטאביליזאציע פון די לעבן-באדינגונגען פונעם גאנצן פאָלק".

2. סיניכאָן קאָקומין דאָמיי (די נאציאָנאלע ליגע פון דער נייער יאפּאָניע) איז געשאפן געוואָרן אין 1932 יאָר פון די שערבלעך פון דער נא-

ציִאָנאַליסטישער אָפּאָזיציע, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון דער רעכטער סאָ־ציִאַל־דעמאָקראַטיע, אונטער דער אָנפירונג פון סימאָנאַקא. די ליגע שטעלט זיך פאַר אַן אופגאַבע צו באַשאַפן אין יאַפּאָניע „אַ צענטראַליזירטע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיק". די ליגע קעמפט אויך „פאַרן גלייכן צעטיילן די נאַטירלעכע וועלט־רעסורסן", וואָס באַטייט דאָס שטיצן די פּאָליטיק פון אַקטיווער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע.

3. „ניכאָן קאָקאַסיִאַמינטאָ" („יאַפּאַנישע נאַציִאָנאַל־סאָציִאַל־דעמאָקראַטי־שע פּאַרטיי), ווערט אָנגעפירט פונעם באַוווּסטן לידער פונעם סאָציִאַל־פאַ־שיזם אַקאַמאַצו, וועלכער איז אַריבער אינעם שויס פון נאַציִאָנאַל־סאָציִ־אַליזם, און זי שטייט אַמערסטן נאָענט צו די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פונעם אייראָפּייִשן טיפּ. די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי באַשטייט פון פאָלגנ־דיקע פונקטן:

„אפן באָדן פון נאַציִאָנאַלן גייסט, איינהייט פונעם מאָנאַרך מיטן פאָלק, שטרעבן מיר צו אויסבויען אַ נייע יאַפּאָניע, וואָס וויס ניט פון עקספּלו־אַטאַציע. די פּאָרהאַנאָכעס דערפאַר זיינען:

1) אונדזער פּאַרטיי, וואָס באַזירט זיך אף דער נאַציִאָנאַלער באַוועגונג, קעמפט פאַרן באַזייטיקן די הערשאַפט פון דער פּלוטאָקראַטיע און פאַרן פולן דורכפירן די פּאָליטיק פון „אימפּעראַטערישן וועג".

2) אונדזער פּאַרטיי שטרעבט מיט לעגאַלע מעטאָדן צו צעקלאַפּן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און גאַראַנטירן דאָס אונטערהאַלטן דעם לעבנס־ניוואָ פונעם פאָלק אף דער באַזע פון פאַרווירקלעכן די מעלוכישע צענט־ראַליזירטע עקאָנאָמיק.

3) מיר קעמפן פאַר באַפרייען די פעלקער פון אַזיע אף דער באַזע פון אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון ראַסן־גלייכהייט און פון גלייכן פאַנאַנדער־טיילן די נאַטירלעכע רעסורסן".

די לעצטע צוויי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אַ דירעקטער בריק פון סאָציאַל־פאַשיזם צום פאַשיזם, באַשטעטיקן די אינערלעכע נאָענטקייט פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס און די איינהייט פון זייערע ענדצילן, וואָס אַנט־פּלעקט זיך באַזונדערס בולט אינעם פּעריִאָד, ווען דער יאַפּאַנישער אימ־פּעריִאַליזם טרעט אַריין אין אַ נייער רויבערישער מילכאָמע אַפן ווייטן מיזרעך.

מע דאַרף אָבער באַמערקן, אַז ניט געקוקט אפן ברייטן פאַרנעם פון דער שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עס אָרגאַניזירן די רעגירנדיקע קלאַסן פון יאַפּאָניע, בלייבט די גרונט־מאַסע פונעם אַרבעטער־קלאַס און פונעם פּויערטום פיינטלעך צו דער פאַשיסטישער באַוועגונג.

ניט געקוקט אף דער גאַנצער שווערער אַרטילעריע פון סאָציִאַלער דע־מאַגאָגיע, וואָס די פאַשיסטן פאַרשפּרייטן, באַזונדערס אין דאָרף, לאָזט אָבער

ניט איבער די אומגליקלעכע לאגע פונעם יאפּאָנישן פּויערטום און די לעקציעס פון קלאסנקאמפּ קיין אָרט פארן אופקום פון דויערנדיקע איליוזיעס אין די מאסן מיקויעכ דער עמעסער ראָליע פון די רעאקציאָנערע פארייניקונגען. אין שטאָט ווערט דער דאָזיקער פּראָצעס פון זעלבסטדעמאסקירונג פארגיכערט דערמיט, וואָס די פאשיסטן פילן קעסיידער אויס שטרײַקברעכערישע פונקציעס (סיינענדאנ).

די וויכטיקסטע באזונדערקײַט פונעם יאפּאָנישן פאשיזם, מיט וואָס ער שיידט זיך אָפּ פונעם פאשיזם אינעם אייראָפּייִשן באגריף פון וואָרט, איז דער גרויסער טייל פּריצישע עלעמענטן, וואָס גייען ארײַנ סײַ אין דער אָנפירונג פון דער באוועגונג סײַ אויכ צווישן די פּאָשעטע אָנהענגער. אויב אָפּ מײַרעוו באטײַט דער פאשיזם די דיקטאטור פון פינאנץ־קאפּיטאל, וואָס ער פארווירקלעכט קימאט איינער אליין, האגאמ ער דערשלאָגט זיך די דיקטאטור מיט די הענט פון די ברייטע שיכטן קליינבורזשואזיע, איז אין יאפּאָניע טרעט דעס פאשיזם ארויס אלס טרעגער פון דער אידיי פונעם אבסאָליוטיזם, וואָס דריקט אויס די אומבאגרענעצטע הערשאפט פונעם בלאָק פון די פּריצים און קאפּיטאליסטן.

די מיליטעריש־ביוראָקראטישע און האלב־פּעאָדאלע עלעמענטן, וועלכע זײַנען צונויפגעשמאָלצן מיט דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, שטרעבן צו שפּילן די ערשטע ראָליע אינעם דאָזיקן בלאָק. דערמיט דערקלערט זיכ, אינ א באדײַטנדיקער מאָס, די אויבערמאכט פון די מיליטאריסטן אויכ אין דער פאשיסטישער באוועגונג.

אויסער דעם, זײַנען די מיליטאריסטן (דאָס אָפיצערנטום) אינ זייער גרעסטער מערהײַט קליינפּריצישער אדל, וואָס האָט געליטן פונעם קריזיס און איז בלוטיק פארינטערעסירט „צו רעקאָנסטרויִרן״ יאפּאָניע אזוי, אז דאָס זאָל פארזיכערן פאר זיי די אומבארירלעכקײַט פונעם ערד־אייגנטום און די העכערונג פון דער האכנאָסעדיקײַט פון דער לאנדווירטשאפט.

די רייד פון די מיליטערישע פאשיסטן וועגן דעם, אז זיי פאָדערן גיכע הילפ-מיטלען פאר דער לאנדווירטשאפט, וואָס ווערט פאראָרעמט, האָבן בלויז איין ציל: צווינגען די רעגירונג געבן הילפ אפּנ מעלוכישן כעזשבן די ערד-אייגנטימער, הויפּטזאכלעכ די קליינע און מיטעלע פּריצים און באלעגופים.

אין די סאמע דעמאגאָגישע דאָקומענטן פונעם יאפּאָנישן פאשיזם קאָנ מענ קיינ וואָרט ניט געפינען וועגן די ארענדאטערס — די גרונט־מאסן פון אָנערדישן יאפּאָנישן פּויערטום. אנ אויסנאמ איז, עפּשער, די דעקלאראציע

פונ דער געזעלשאפט סומעראגיקיי (אימפעראטער־געזעלשאפט), וואָס די מיליטאריסטנ האָבנ ניט לאנג אָרגאניזירט פונ די רעזערוויסטנ. אינ דער דאָזיקער דעקלאראציע קענ מענ געפינענ א „ווערטפולע" אייצע, וויאזוי צו לייזנ די אנטשטייענדיקע אגראר־קאָנפליקטנ „מיט דער הילפ פונ מאָראלישער רעקאָנסטרוקציע אונ ניט מיט מאטעריאליסטישע מעטאָדנ".

געוויינלעכ שפילט די אנטי־קאפיטאליסטישע דעמאגאָגיע אנ אונטערגעאָרדנטע ראָליע פאר די מיליטעריש־פאשיסטישע גרופירונגענ, וועלכע שטרעבנ אויסצוניצנ די אומצופרידנקייט פונ באשטימטע שיכטנ קליינבורזשואזיע אונ פונ א טייל פויערטום בלויז צו פארפעסטיקנ זייערע פאָזיציעס אינעמ מעלוכישנ אפאראט, אונ ניט אפ ארויסצוטרייבנ פונ דאָרטנ די פאָרשטייער פונ די קאָנצערנס.

אָבער די מיליטאריסטנ, אדאנק זייער קלאסנ־נאָענטקייט צו די פריצימ, באזונדערס די אונטערשטע שיכטנ פונ די מיליטאריסטנ, האָבנ ניט קיינ באזונדערע סימפאטיע צו די אָנפירנדיקע גרופנ פונ דער שטאָט־בורזשואזיע. דעריבער איז די סאָציאלע דעמאגאָגיע פונ אייניקע פאשיסטישע פאריינקונגענ, וועלכע נעמט אָנ די פאָרמ פונ „דירעקטע טאטנ" — טעראָריסטישע ארויסטרעטונגענ, וואָס זיינענ געווענדט קעגנ די אָנגעזעענע פאָרשטייער פונעמ פינאנצ־קאפיטאל אונ קעגנ די טוער פונ די פאָליטישע פארטייענ, וועלכע זיינענ פארבונדנ מיט אימ, — די דאָזיקע סאָציאלע דעמאגאָגיע רופט קעסיידער ארויס א שווייגנדיקע שטיצע אָדער אפילע אנ אָפענעמ מיטגעפיל־אויסדריק מיצאד דער מערהייט מיליטעריש קרייזנ (באזונדערס בולעס ווייזט זיכ דאָס ארויס מיצאד די מיליטערלייט, וואָס שטאמענ פונ די קליינבורזשואזע שיכטנ, וועלכע זיינענ גענייגט צו פירנ „א קאמפ קעגנ די קאפיטאליסטנ"). דאָס באווייזט, אז דער יאפאָנישער פאָרעצ, באזונדערס דער מיטעלער אונ קליינער, איז ניט צופרידנ מיט דער לאגע, ווענ א קליינע שיכט פריווילעגירטע גרויסע ערד־אריסטאָקראטיע אונ איבערהויפט די אָנפירנדיקע מאָנאָפאָליסטישע קאָנצערנס אונ בענק באקומענ א קאָלאָסאלנ כיילעק פונ יענער מאסע „גוטס", וואָס די סיסטעמ פונ דער קאָמבינירטער בורזשואז־פריצישער עקספלואטאציע גיט, אונ וואָס ווערט פארווירקלעכט אונטער דער ספעציעלער פראָטעקציע פונ דער מעלוכע־מאכט.

די פעטיציע־באוועגונג אינ יאפאָניע צו באשיצנ די באשולדיקטע אינעמ פראָצעס פונ „15־טנ מיי 1932" (די דערמאָרדונג פונעמ פרעמיער אינוקיי אונ דער פרווו פונ א מיליטערישנ פוטש), וועלכע האָט באקומענ א גרויסנ פארנעמ אונ האָט ארומגעכאפט די סאמע ברייטע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג אונ די גאנצע ארמיי זאָגט וועגנ דעמ, אז די אנטיקאפיטאליסטישע שטימונג איז גענוג טיפ איינגעווארצלט אינ די קרייזנ פונ דער קליינבורזשואזיע אונ אפילע אינ באזונדערע שיכטנ פונ די פריצימ, וועלכע גע־

הערנ צום הערשנדיקנ קלאסנבלאָק. ס'איז אָנ סאָפעק, אז די עכטע לידערס
פונעם פאשיזם אינ יאפאָניע, דאָס הייסט, די מענטשנ פונעם טיפ כירא־
נומא אונ אראקי, זײַנענ לאכלוטנ ניט פארינטערעסירט צו געבנ פרײַ־
הײַט דעם אויסדריק פונ די שארפע סינע־געפילנ צו דער גאנצער סיסטעם
פונ דער בורזשואז־פריצישער הערשאפט, מיט וועלכער עס זײַנענ דורכגע־
דרונגענ די ארויסטרעטונגענ פונ אײנצלנע קלײנבורזשואזע „רעפאָרמאטערס“,
וועלכע רופנ צו ראטעווענ יאפאָניע פונ דער „גיריקער כאַפטע פארקויפטע
פאָליטיקער אונ קאפיטאליסטנ“. פארקערט, דער פאשיזם שטרעבט בא־
ווּסטזיניק צו באגרענעצנ די מאָס פונ אָנווענדנ אנטי־קאפיטאליסטישע
אונ באזונדערס אנטי־מעלוכישע דעמאגאָגיע, מוירע האָבנדיק, אז די ניט־
מעסיקע אָנפאלנ אפ די קאפיטאליסטנ אונ פריצים וועלנ ארויסרופנ אזא
מעכטיקנ רעזאָנאנס אינעם גאנצנ לאנד, אז עס וועט אנטשטײנ א געפאר
פאר דער פארהעלטעניש־סיסטעם, וואָס דער פאשיזם איז פארינטערעסירט
צו פארפעסטיקנ. אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ די אָנפירנדיקע קרײַזנ
פונעם פאשיזם אינ יאפאָניע פארינטערעסירט אונטערצוטרײַבנ דעם
פראָצעס פונ פאשיזירנ דעם מעלוכישנ אפאראט, וואָס ווערט קעסײדער
דורכגעפירט מיט שטארק ווירקנדיקע אויסערלעכע פאקטאָרנ, וואָס צו זײ
געהערט אויכ די דראָונג מיט טעראָר.

וועגנ דער נאָענטקײַט אונ דער קעגנזײַטיקער פארבינדונג פונ די צוויי
ליניעס פונעם יאפאָנישנ פאשיזם — דעם מיליטעריש־ביוראָקראטישנ אונ נא־
ציאָנאל־סאָציאליסטישנ אונ אויכ וועגנ דער פירנדיקער ראָליע פונעם מי־
ליטערישנ פאשיזם דערציילט דער פאקט פונ אויסניצנ די טעראָריסטישע
אָרגאניזאציעס (פונ נאציאָנאל־סאָציאליסטישנ טיפ) אינ די אינטערעסנ פו־
נעם מיליטערישנ איבערשיכט. די געשיכטע פונ די געשעענישנ פונ „15־טנ
מײַ 1932 יאָר“ באווײַזט, אז די מיליטאריסטנ האָבנ געשטרעבט אײַנצו־
שטעלנ זײער דיקטאטור, דירעקט זיכ אָנשפארנדיק אפ די טעראָריסטישע
גרופנ.

די הויפט־באשולדיקטע אינעם פראָצעס פונ „15־טנ מײַ 1932 יאָר“ האָבנ
גאנצ קאָנקרעט אָנגעוויזנ אפ דעם גענעראל אראקי, ווי אפ דעם מענטשנ,
וועלכער איז באשטימט צו שפילנ די ראָליע פונ א מיליטערישנ דיקטאטער
אינ יאפאָניע אינ פאל פונ אנ אײַנגעגעבענער איבערקערעניש.

דער קאָמפראָמיס־כאראקטער, וואָס עס טראָגט סאיטאָס קאבינעט, וועל־
כער איז אָרגאניזירט געוואָרנ נאָכ די געשעענישנ פונ „15־טנ מײַ 1932
יאָר“, אונ ווו עס איז ארײַנ דער זעלביקער אראקי, זאָגט אײדעס וועגנ
דעם, אז די אָנפירנדיקע קרײַזנ פונ דער יאפאָנישער מאָנארכיע (אונ די
קאָנצערנענ, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט זײ) נעמענ א קורס אפ פאשיזירנ
דאָס לאנד, האָגאם אינ באשטימטע ראמענ. נאטירלעכ, דאָס האָט ניט גע־

קאָנט ניט פארשטארקן דעם ספעציפישן געוויכט פון אראקי אין דער רעגירונג, וואָס איז געשאפן געוואָר׳ן אפ צו „ליקווידירן" די אָנגעשטרענגטע אינערלעך־פּאָליטישע לאגע אין יאפּאָניע. דער פאקט גופא פון צוציִען אראקין אינעם נייעם קאבינעט האָט באוויזן, אז די מיליטעריש־פאשיסטישע באוועגונג אין יאפּאָניע האָט באקומען אזא קראפט, אז די רעגירנדיקע קלאסן קאָנען ניט און ווילן ניט דערשטיקן זי און ניט איגנאָרירן זי.

די יאפּאָנישע מיליטאריסטן זיינען אין קלאסן-הינ־זיכט מיט ענגסטע קנופּן פארבונדן מיט די פּריצים. דאָס אָפיצערנטום, וואָס שטאמט פון די קליינבורזשואזע שיכטן פון דער באפעלקערונג, האָט ביז דער לעצטער צייט ניט פארנומען קיין גרויסע קאָ־מאנדע-פּאָסטנס אין דער ארמיי. אָבער אלס אינסטרומענט פון דער יאפּאָנישער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק זיינען די מיליטאריסטן באהעפט דורך דער אייניקייט פון די קלאסן־אינטערעסן מיט דער גאנצער סיסטעם פונעם מאָנאָפּאָ־ליסטישן קאפּיטאל אין יאפּאָניע.

די מיליטאריסטן זיינען דער אָרגאניזירנדיקער צענטער פון דער פא־שיסטישער באוועגונג אין יאפּאָניע טאקע דערפאר, וואָס אין דער לאגע פונעם אלגעמיינעם קריזיס פונעם קאפּיטאליזם און פונעם אלוועלטלעך־עקאָנאָמישן קריזיס האָט זיך די אגרעסיוויקייט פונעם יאפּאָנישן אימפּעריאליזם באדייטנד פארשטארקט. די שטרעבונג צו דער מאקסימאלער קאָנצענטראציע פון דער מאכט — צו דער דיקטאטור אפ צו דערדריקן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, פּאָרט זיך אין יאפּאָניע מיט דער פאָדערונג אונטערצוווארפן דאָס גאנצע לעבן פונעם לאנד אונטער די אינטערעסן פון דער אימפּעריאליס־טישער מילכאָמע. דעריבער איז דאפקע די מיליטערישע אָנפירונג אנטשפּרעכט אָביעקטיוו די דאָזיקע פאָדערונגען. די זעלבשטענדיקייט פון די מיליטאריסטן טרעט ארויס אלס אומפארמיידלעכער רע־זולטאט פון דער פארשארפונג פון די אינערלעך-קאפּי־טאליסטישע און אויסערלעכע ווידערשפּרוכן אינעם יא־פּאָנישן אימפּעריאליזם.

דער יאפּאָנישער מיליטערישער פאשיזם שטרעבט צו שטיין אין דער שפּיץ פון דער גאנצער פאשיסטישער באוועגונג אין לאנד. ער טרעט דעריבער ארויס פאר איינשטעלן די דיקטאטור פון א מיליטערישער רעגירונג ניט בלויז קעגן דער סיסטעם פון די עקזיסטירנ־דיקע פּאָליטישע פּארטייען, וועלכע האָבן זיך קאָמפּראָמעטירט פאר די מאסן מיט זייער בעפיירעשער פינאנציעלער אָפּהענגיקייט פון די מאָנאָפּאָליסטישע טרעסטן. ער טרעט אויך ארויס קעגן דער פעאָדאלער הויפ־קאמארילע (גענראָ סאיאָנדזי און דעם היטער פון דעם שטעמפּל מא־

קינאָ), וואָס רופט ארויס סינע אין די ברייטע שיכטן קליינ-בורזשואזיע דערמיט, וואָס זי האָט „אוזורפירט די מאכט פונעם אימ-פעראטער". ענדלעך, טרעט ער אויך ארויס קעגן דער אלמעכטיקייט פון די גרעסטע קאפיטאליסטישע קאָנצערנס — „מיצוי" און „מיצוביסי", וועלכע זיינען צוליב זייער הערשאפט פארהאסט פון די ברייטע מאסן ארבעטנדיקע, אזוי אויך פון א באדייטנדיקן שיכט בור-זשואזיע און פריצים, וועלכע באטראכטן די דאָזיקע קאָנצערנס אלס בארויבער פון זייער „כיילעק".

אזויארום איז דער יאפּאָנישער מיליטערישער פאשיזם, קעמפנדיק פארן איינשטעלן זיין הערשאפט אין מעלו-כישן אפאראט פון דער יאפּאָנישער מאָנארכיע, און ארויס-גייענדיק דערביי פון ספעציפישע אינטערעסן (קאסטע-אינטערעסן פונעם אָפיצערנטום פליוס קלאסן-אינטערעסן פונעם שיכט קליינע און מיטעלע פריצים, וועלכע בילדן די אָפיצערישע קאדרען), שפּארט זיך אָן אף די ברייטע שיכטן קליינבורזשואזיע פון שטאָט און דאָרף און פּרווט געפינען אן אָנשפּאר אין נאָך מער ברייטע שיכטן אר-בעטנדיקע — צווישן פראָלעטאריאט און פויערטום.

אָביעקטיוו שטרעבט דער פאשיזם אויסשליסלעך צו פארברייטערן די סאָציאלע באזע פון דער יאפּאָנישער מאָנארכיע — דעם אָרגאן פון דער דיקטאטור פון די פריצים און בורזשואזיע — און דערמיט אליין צו פארפעסטיקן די דאָזיקע דיקטאטור, נאָכמער זי צו פארשארפן קעגן די מאסן פראָלעטאריאט און פויערטום, וואָס רעוואָליוציאָניזירן זיך.

אין העסקעם דערמיט, ווייזן ניט ארויס די הערשנדיקע קלאסן קיין ערנסטן ווידערשטאנד קעגן די פּרעטענזיעס פון די מיליטאריסטן, ווייל זיי שאצן ניכטער אָפּ דעם מעהאלעך צווישן דער פאשיסטישער ראדיקאלער פראזעאָלאָגיע (די דעמאגאָגישע דראָונגען אפן אדרעס פון די קאפיטאליסטן און די „פּריווילעגירטע" קלאסן) און דער מעגלעכקייט זיי אויסצונוצן.

דער פאשיזירונג-פּראָצעס פון די בורזשואזן-פריצישע פּאָליטישע פאר-טייען באוואָרנט די רעכטצייטיקע „איבערבויונג" פון זייערע אָנפירנדיקע עלעמענטן מיטן פּאָנעם צו דער מיליטערישער דיקטאטור און שליסט אויס די מעגלעכקייט פון אקטיוון קאמף פון זייער זייט קעגן פאשיזם.

די פעאָדאל-ביוראָקראטישע הויף-קרייזן האָבן צופיל אלגעמיינע באריר-פּונקטן מיט די מיליטאריסטן, אז זיי זאָלן ארויסטרעטן אין דער ראָליע פון אן אומבעשאָלעמדיקן סוינע זייערן. די אייניקייט פון זייער קלאסן-באטור לאָזט בלויז איבער אן אָרט פאר א טיילווייזן ווידערשטאנד מיצאד דעם אלטן אָליגארכישן אויבערשיכט קעגן דעם, אז די „יונגע" קאדרען

פון אראקיס טיפּ זאָלן קומען צו דער אָנפירונג, וואָס שטאמט פון ניט וועלן טיילן דעם מעלוכישן קוכן מיט די „קאריעריסטן" פון דער מיליטערישער סוויווע.

די אמערסטן ערנסטע קראפט, וועלכע שטייט דערוויַיל קעגן די פאַשיסטישע פרעטענזיעס אף מיליטערישער דיקטאטור, זיַינען די טרעסטן. אויסהאלטן די מיליטאריסטן קאָסט די קאָנצערנען „מיצוי" און „מיצוביסי" טיַיערער, איידער אויסהאלטן די פארלאמענטישע קאבינעטן. אָבער די לאָגיק פון דעם זיך פארשארפנדיקן קלאסנקאמף, די אומפארמיַידלעכקיַיט פון דער פארטיפערונג פון דער אימפעריאליסטישער אגרעסיע און די מילכאָמע־פערספעקטיוון קאָנען ניט ניט צווינגען דעם יאפּאָנישן פינאנץ־קאפיטאל סאָפקאָלסאָף אויסקליַיבן טאקע די מיליטערישע דיקטאטור. אף וויפל ביידע „פירנדיקע" מאָנאָפּאָליסטישע קאָנצערנס בויען, אין א באדיַיטנדיקער מאָס, זייער הערשאפט אף דער מיליטערישער אינדוסטריע, זיַינען זיי אין א גרויסער מאָס אליין פארבונדן מיט די אָנפירנדיקע מיליטער־און יאם־קריַיזן. די מיליטאריסטן שפילן א צו גרויסע ראָליע אינעם גורל פונעם יאפּאָנישן אימפעריאליזם, אלס וויכטיקסטער אינסטרומענט פון אימפעריאליסטישער עקספאנסיע און אלס זיכערער אָנשפאר פונעם בורזשואז-פריצישן בלאָק.

פון דער אנדערער זיַיט, זיַינען די מעלוכיש־קאפיטאליסטישע טענדענצן שטענדיק געווען גענוג שטארק אין יאפּאָניע און די קאָנצערנס זיַינען אלעמאָל געווען פעסט פארבונדן מיטן מעלוכישן אפאראט פון דער יאפּאָנישער מאָנארכיע. אף וויפל דער יאפּאָנישער פאשיזם פארמעסט זיך ניט אף צו צעברעכן דעם דאָזיקן אפאראט, זיכערט עס פון פאָרויס די גרינגקיַיט איַינצושטעלן א פולקומע „מיטארבעטערשאפט" און קעגנזיַיטיקע שטיצע צווישן דער דיקטאטורישער מיליטערישער רעגירונג און די מאגנאטן פונעם פינאנץ־קאפיטאל.

אז די בורזשואזע געזעלשאפטלעכע מיינונג פון יאפּאָניע איז שוין צוגעגרייט צום איַינשטעלן די פאשיסטישע דיקטאטור, וועגן דעם זאָגט אייַדעס די גאנצע יאפּאָנישע פרעסע, וועלכע דערקלערט איַינגעשפּארט די מאסן, אז דער פארלאמענטאריזם און די דעמאָקראטיע טויגן שוין ניט און אז עס איז נייטיק „אָן איַיזערנע האנט" אין דער אָנפירונג, קעדיי צו פירן א מילכאָמע און קעדיי צו דערשטיקן די קאָמוניסטישע געפאר.

א זייער כאראקטעריסטישער לייטארטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער ציַיטונג „קאָקומין סימבון" אין נומער פון 14-טן סענטיאבער 1933. דער ארטיקל רעקאָמענדירט דירעקט צו אנערקענען די נויטוועדיקיַיט פון דורכפירן אראקיס מיליטעריש־פאשיסטישע פראָגראם. דער ארטיקל זאָגט: „די אידעאָלאָגישע געפאר מיצאד רוסלאנד און די געפאר פון א אינוואזיע מיצאד דער פעלקער־ליגע שטייען קעגן דער היַינטציַיטיקער יאפּאָניע אלס

סאמע געפערלעכע פײַנט. בענעגײע צום ערשטנ איז נויטווענדיק אנ אידײיִשע שוצ, בענעגײע צום צווײטנ איז נויטווענדיק א מיליטערישע שוצ. וועגנ דער נויטווענדיקײַט פונ די דאָזיקע צווײ מינימ מעלוכע-שוצ רעדט איצט דער קריג־מיניסטער אראקי. זײַנע פאָדערונגענ באזירנ זיכ אפנ פארשטײנ די עפּאָכע. די איצטיקע צײַט פאָדערט ניט קײנ ווערטער, נאָר טאטנ, ווי עס האָט געזאָגט מוסאָליני: „מיר אָפּערירנ אונ ניט מיר ארגומענטירנ". אָט דאָס איז דער פּרינציפּ פונ פאשיזמ, אונ אפ צו ראטעווענ אונדזער לאנד זײַנענ קײנ אנדערע וועגנ ניטאָ".

אינ זײַנ בוכ „צום יאפּאָנישנ פאָלק" ברענגט דער גענעראל אראקי קרילאָווס מאָשל „א כאזער אונטערנ דעמב", אונ אדרעסירט עס צו די „געשעפּט-קרײַזנ". ער ווײַזט אָנ, אז יענע אלע, וועלכע באקומענ רעוועכ אונ פירנ דורכ א רײנ עגאָיסטישע פּאָליטיק פונ אײגנטימער, וואָס זאָרגנ ניט וועגנ דער מעלוכע, וועלכע באוואָרנט די מעגלעכקײַט צו באקומענ אָט דעמ דאָזיקנ רעווע כ, זײַנענ גלײַכ צו קרילאָווס כאזער, וועלכער גראָבט אונטער מיט זײַנ שנוק די וואָרצלענ פונעמ דעמב.

די דאָזיקע קלײנע דעטאל אנטפּלעקט גאנצ גוט אראקיס באציונג צו די טרעסטנ. מע קענ עס כאראקטעריזירנ, ווי אנ אומרו מיקויעכ דעמ וווילשטאנד פונ די „כאזײרים", — אויב מע זאָל געברויכנ אראקיס בילדערישע שפּראכ, — אונ די שטרעבונג צו ווערנ זײער פּאסטעכ.

די רעגירנדיקע קלאסנ פונ יאפּאָניע קאָנענ ניט אקטיוו זיכ קעגנשטעלנ קעגנ אײַנשטעלנ די מיליטערישע דיקטאטור אינ די איצטיקע באדינגונגענ. זײ זײַנענ פארינטערעסירט דערינ, אז זײערע פּאָזיציעס זאָלנ פארפעסטיקט ווערנ אפילע פארנ פּרײַז פונ מאכנ האנאָכעס די מיליטאריסטנ, אָפּגעבנדיק זײ די איבערווענגדיקע ראָליע אינעמ מעלוכישנ אפּאראט. די פארברײטערונג פונ דער סאָציאלער באזע פונ דער יאפּאָנישער מאָנארכיע, וואָס דער פאשיזמ דארפ ברענגענ, ווערט באטראכט אלס מיטל צו ראטעווענ די הערשאפט פונעמ בורזשואז־פּריצישנ בלאָק. דעריבער שטעלנ זיכ קעגנ דעמ אײַנשטעלנ די מיליטעריש-פאשיסטישע דיקטאטור בלויז אײניקע גרופּירונגענ פונ די רעגירנדיקע קלאסנ, וועלכע האָבנ מוירע אָפּצוטרעטנ די מאָנאָפּאָל פונ דער מעלוכישער מאכט.

די אָנפירנדיקע קרײַזנ פונעמ יאפּאָנישנ אימפּעריאליזמ ווילנ זיכ בלויז דערשלאָגנ, אז דער איבערגאנג פונ דער גאנצער מעלוכע-מאכט אינ די הענט פונ די מיליטאריסטנ זאָל פאָרקומענ ניט „פאר דער צײַט", נאָר אינ מאָמענט פונ דער העכסטער פארשארפונג פונ דער פּאָליטישער לאגע אונ ניט אפ א צוואנג־אויפנ. די נײַסטע יאפּאָנישע געשיכטע ווײס פונ פילצאָליקע בײַשפּילנ פונ פארווירקלעכנ א דויערנדיקע דיקטאטור פונ די מילי־

טערישע עלעמענטנ אפ אנ אלגעמײנ-אנערקענטער קאָנסטיטוציאָנעלער באזע (יאמאגאטא, קאפורא).

„דער נאטירלעכער וועג" פונ אײַנשטעלנ א רעגירונג פונ מיליטערישער דיקטאטור אינ יאפּאָניע ווײַזט אויס צו זײַנ גאנצ װאַרשײַנלעכ, אפ וויפל די אָנפירנדיקע קרײַזנ פונ דער פאשיסטישער באוועגונג אינ יאפּאָניע זײַנעז שוינ ארײַנגעוואקסנ אינ מעלוכישנ אפאראט אונ קלײַבנ זיכ ניט ערנסט צו וואקלענ די מעלוכישע יעסוידעס.

שוינ אָפּגערעדט פונ דעמ, אז אינ די באדינגונגענ פונ דער סאמע אינטענסיווער צוגרייטונג צו א נײַער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע ריזיקירנ ניט אפילע די ראדיקאלסטע קרײַזנ פונ די יאפּאָנישע מיליטאריסטנ אָפּצושוואכנ די מעכטיקײַט פונ דער מעלוכע־מאשינ דורכ ווײַטגייענדיקע דעמאגאָגישע ארויסטרעטונגענ.

עס איז א סאכ וויכטיקער די וואקסנדיקע שטרעבונג פונ די מיליטאריסטנ „פאר דער צײַט" אויסצוניצנ די דאָזיקע מעלוכע־מאשינ מיטנ צוועק אמגיכסטנ דורכצופירנ זייערע פלענער, הויפּטזאכלעכ די אויסערלעכ-פּאָליטישע.

דער מיליטערישער פאשיזמ אינ יאפּאָניע שטעלט מיט זיכ פאָר אנ ערנסטע געפאר פארנ שאָלעמ. די אויסערלעכ-פּאָליטישע פּראָגראמ פונ יאפּאָנישנ פאשיזמ פאָדערט „אינ א פארטיפּערטער פאָרמ" אמשנעלסטנ צו רעאליזירנ די פּראָגראמ-מאקסימומ פונעמ יאפּאָנישנ אימפּעריאַליזמ. די נעפּלדיקע פראזנ וועגנ דער „היסטאָרישער מיסיע פונ יאפּאָניע", וועגנ דער נויטווענדיקײַט אנטשלאָסנ דורכצופירנ „דעמ אימפּעראטערישנ וועג", באטײַט בא דער נאָענטסטער פאנאנדערשיפרונג: ערשטנס, אנטיסאָוועטישע אגרעסיע, וועלכע שטעלט זיכ דעמ ציל צו פארכאפּנ די סאָוועטישע פּרימאָריע מיט אירע רײַכטימער, וואלד־אונ פיש-אויצרעס, 2) פאָרזעצנ אונ אנטוויקלענ די יאפּאָנישע עקספּאנסיע אינ כינע מיטנ צוועק צו פארענדיקנ דעמ יאפּאָניש־מאנדזוריש-כינעזישנ „עקאָנאָמישנ בלאָק", 3) א מילכאָמע קעגנ די פארייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע, אונ אינ דער פּערספּעקטיוו אויכ קעגנ ענגלאנד פאר דער הערשאפט אינ שטילאָקעאנישנ באסײנ, אונ דערנאָכ—פאר דער וועלט-הערשאפט.

אראקיס דערקלערונג וועגנ דער נויטווענדיקײַט צו אנעקסירנ די אויסערלעכע מאָנגאָליע באווײַזט, אז דער יאפּאָנישער אימפּעריאַליזמ וויל פארשפּרייטנ זײַנע זשאנדארמישע פונקציעס אפ נײַע אָביעקטנ. די יאפּאָנישע צײַטונגענ דערציילנ מיט היספּײַלעס וועגנ די קאָלאָניזאציאָנעלע מעגלעכקײַטנ

פון דאָרעם־אמעריקע און אפריקע. די אַלטע פאַן-אַזיִאַטישע לאָזונגען פון דער „געזעלשאַפט פון שווארצן דראַקאָן" זײַנען ווידער געלאָזן געוואָרן אין גאַנג, קעדיי אויפצוווּעקן „דעם געזעלשאַפטלעכן צאָרן" בײַ די אונטער־דריקטע פעלקער פון מיזרעך קעגן דעם אײראָפּייִשן אימפּעריִאַליזם, אין דער ערשטער רײ, קעגן ענגלישן און אמעריקאַנישן.

די אידיי „ארויסצושטויסן די ווײַסע ראַסע פון אזיע", וואָס די יאַפּאַ־נישע פאַשיסטן האָבן הויך אופגעהויבן און וועלכע שילדערט די פּערספּעק־טיוו צו פארוואַנדלען יאפּאָניע אין א העגעמאָן איבער די אזיאַטישע לענ־דער, קאָן, ווײַזט אויס, ניט ארויסרופן קיין באַזונדערע היספּײַלעס ניט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, ניט אין ענגלאַנד, ניט אין פראנקרײַך. די ניט-רעאַלקײַט פון די דאָזיקע פּלענער בײַ הײַנטיקן טאָג קאָן אָבער ניט דינען פאַר א גאראַנטיע, אז זיי וועלן ניט ווערן קיין קוואַל פון וועלט־קאָנפליקטן און מילכאָמעס שוין אין די נאָענטסטע יאָרן.

דער לייט-מאָטיוו פון קימאַט אַלע ארויסטרעטונגען פון די באַשולדיקטע אויפן פּראָצעס פון „15־טן מײַ 1932 יאָר" איז געווען — די אומצופרידנקײַט מיט דער נאָכגיביקײַט פון יאפּאָניע אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ אין 1930 יאָר, איבער דער פראַגע וועגן די פאַרהעלטענישן פון די יאַם-באַוואָפענונגען צווישן יאפּאָניע, פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע און ענגלאַנד. אויב מע זאָל גלייבן, וואָס די באַשולדיקטע האָבן געזאָגט, איז דער איינציקער מאָ־טיוו פאַרן דערמאָרדן אזא „אידעאַל־ריינעם מענטשן", ווי כאַמאַגוטי, געווען דער צאָרן פון דער נאַציע „צוליבן שאַנד פון דער לאָנדאָנער פאַרשטענדי־קונג".

אויב די ארמיי איז דער הויפּט-באַגײַסטערער פון די אַנטיסאָוועטישע לאָזונגען פונעם יאפּאָנישן פאַשיזם און פון דער אידיי, אז אויפן גורל פון יאפּאָניע איז אויסגעפאַלן די ראָליע פון א מאָשיעך אויף צו באַפרײַען די מענטשהײַט פון דער רויטער געפאַר, איז דער יאַפּאַ־נישער פלאָט דער פאַרפלאַנצער פון אַנטי-אמעריקאַ־נישער (און טיילווײַז אַנטי-ענגלישער) פּראָפּאַגאַנדע. דאָס האָט מיט דער פולער באַשײַמפּערלעכקײַט זיך ארויסגעוויזן אין גאַנג פון דעם פּראָצעס פון די יונגע יאַם־אָפי־צערן — די אָנטיילנעמער אין דער ארויסטרעטונג פון „15־טן מײַ 1932 יאָר". די שטרעבונג צו פאָרסירן די יאפּאָניש־אמעריקאַנישע מילכאָמע, די פּראָיעקטן צו אָרגאַניזירן אויף די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן פּראָוואָקאַציע־אָנפאַלן, וואָס האָבן זיך אנטפּלעקט אויפן פּראָצעס, דערציילן גאַנץ גענוג וועגן דעם, אז דער יאפּאָנישער פאַשיזם איז דער געפער־לעכסטער טרעגער פון מילכאָמע.

די ערנסטקייט פון דער דאָזיקער געפאר איז נאָכמער באשײַמפּערלעך, אויב מע זאָל נעמען אין כעזשבן די אטמאָספער פון ברייטן מיטגעפיל וואָס האָט ארומגערינגלט די באשולדיקטע אינעם פּראָצעס פארן פּרווו פון א מיליטערישער איבערקערעניש. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז זייער כאראקטעריסטיש די פּאָזיציע פון דער יאפּאַנישער פּרעסע באם אָפּשאצן דעם פּראָצעס. דער אויסערגעוויינלעך ווייכער אורטייל — 4 יאָר טפיסע פאר דערהארגענען א פּרעמיער־מיניסטער — זאָגט איידעס וועגן די פּסיכאָלאָגישע אומשטענדן פון אומבאשטראָפטקייט, וואָס איז באשאפן געוואָרן פאר די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס אין יאפּאַניע. עס איז כאראקטעריסטיש, אז אין רעזולטאט פון דער אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן אין פּראָצעס, וועלכע איז געווען געווענדעט קעגן דעם ווירקזאמסטן מענטש אין יאפּאַניע, דעם לאָרד — אָנפארטרויטער פון אימפּערישן שטעמפּל — *מאקינאָ*, וואָס שטייט בעראָש פון די פעאָדאלע הויף־אריסטאָקראטישע קרייזן אין יאפּאַניע, אז אין רעזולטאט פון דער דאָזיקער אומצופרידנקייט האָט מאקינאָ אָנגעגעבן אין דעמיסיע, זיך אונטערוואַרפנדיק דעם פאשיסטישן ווילן.*

איבער אינגאנצן פארשטענדלעכע סיבעס טראָגט די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פונעם יאפּאַנישן פאשיזם א סאך א ווייניקער בולטן כאראקטער איידער די גראנדיעזע אויסערלעך־פּאָליטישע פּלענער. די *גרונט־אידיי פון דער עקאָנאָמישער פּראָגראַם איז דער געדאנק וועגן דער נויטווענדיקייט איינצושטעלן א מעלוכישן קאָנטראָל איבער די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און בענק*. מע דארף אונטערשטרייכן, אז די יאפּאַנישע מעלוכע פארהיט נאָך ביז היינט אירע אייגענע אונטערנעמערישע פונקציעס אין באדייטנדיקע מאסשטאבן, הויפּטזאכלעך אין דער מיליטערישער אינדוסטריע. אויב מע זאָל אָפּוואַרפן די שאָלעכץ פון דער אנטיקאפּיטאליסטישער דעמאגאָגיע, וועט דער גרינטלעכער עקאָנאָמישער לאָזונג פונעם פאשיזם זײַן — מיליטאריזאציע פון דער אינדוסטריע און — קאָנצענטרירן אין די מעלוכישע הענט דעם קאָנטראָל

---

* עס איז אָן שום צווייפל, אז מאקינאָ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די מאָנאָפּאָל פון באשטימטע ביוראָקראטישע קליקעס אף דער אָנפירנדיקער ראָליע אין דער אבסאָליוטער מאָנארכיע, און אין דעם דאָזיקן זין איז ער געווען א שטערונג פאר דער „דעמאָקראטיזאַציע" פון מעלוכישן אפּאראט, וואָס די פאשיסטן האָבן ארויסגערוקט. איבערהויפּט נאָך, אז מאקינאָס לאגע באם הויף — די ראָליע פונעם ערשטן ראטגעבער פונעם אימפּעראטער — האָט דירעקט ווידערשפּרעכט דער פאשיסטישער „דאָקטרינע" וועגן דער נויטווענדיקייט צו צעשטערן דעם באריער צווישן דעם מאָנארך און פאָלק.

די גרייטקייט צו גיין אף האנאָכעס די מיליטערישע קרייזן מיצאד מאקינאָ איז זייער סימפּטאָמאטיש אין דעם זין, וואָס זי אנטפּלעקט די אָפּוועזנקייט פון ערנסטן קאמף פאר דער מאכט צווישן דעם אָנגרייפנדיקן פאשיזם און די אלטע אָליגארכישע גרופּירונגען.

איבער דער פאָלקווירטשאפט מיטן צוועק צו באוואָרענען די איינהײַט פון די מיליטעריש-עקאָנאָמישע מאָסמיטלען.

אלס אויסגעצייכנטן מוסטער פאר דער עקאָנאָמישער סיסטעם, וואָס עס שטרעבט דורכצופירן דער מיליטערישער פאשיזם, קאָן דינען די דערפארונג פון דעם איצטיקן יאפּאַנישן באלעבאטעווען אין מאנדזשוריע. דער הויפּט־הייבער „פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג" פון מאנדזשוריע בלײַבט דער קאָנצערן פון דער „דאָרעם־מאנדזשורישער אײַזנבאן", וואָס האָט פארהיט די טראדיציאָנעלע נאָענטקײַט צום מיליטערישן אמט. אלע ווירטשאפטלעכע מאָס־מיטלען, וואָס ווערן דורכגעפירט אין מאנדזשוריע, ווערן קאָנטראָלירט פונעם שטאב פון דער קוואנטונער ארמיי, אדאנק דעם, וואָס די פונקציעס פון דער העכסטער מיליטערישער און פּאָליטישער מאכט אין מאנדזשוגאָ זײַנען פאראייניקט אין די הענט פונעם אזויגערופענעם אויסעראָרדנטלעכן געזאנדטן און דעם מיטגליד פון העכסטן מיליטערישן ראט פון יאפּאַניע, דעם גע-נעראל כ י ס י ק א ר י. אין אָנהייב סענטיאבער 1933 יאָר האָט דאָס באקו-מען אויך אן אָרגאניזאציאָנעלע אויספאָרמירונג אין דער פאָרם פון שאפן א ספּעציעלן „עקאָנאָמישן שטאב" בא דער קאָמאנדירונג פון דער קוואנ-טונער ארמיי. זײַן אופגאבע איז אויסצוארבעטן מאָסמיטלען און „געזעצ-פּראָיעקטן" פאר מאנדזשוריע וועגן די פראגן: 1) פון פינאנצן און געלט־צירקוליאציע, 2) טראנספּאָרט און קאָמוניקאציע, 3) לאנדווירטשאפט, 4) אינ-דוסטריע, 5) סאָציאַלע געזעצגעבונג און 6) קאָלאָניזאציע.

ס'איז נאטירלעך, וואָס דאָס באלעבאטעווען פון די מיליטאריסטן אין מאנדזשוריע באטײַט אין קיין מאָס ניט דאָס ערנסטע פארשמעלערן די אינטערעסן פון יאפּאַנישן פינאנץ־קאפּיטאל, וועלכער באוואָרנט פאר זיך דורך דער זעלביקער דאָרעם-מאנדזשורישער אײַזנבאן זײַן כיילעק אין די קאָלאָניאַלע רעוואָכים (יאסודא, אָקורא). אויב עס הערן זיך יאָ פּראָטעסטן פון די פאָרשטייער „פון דער געזעלשאפטלעכער וועלט" קעגן דעם ווילקיר פון די מיליטאריסטן אין מאנדזשוריע, זײַנען זיי פריִער פאר אלץ באדינגט פון קאָנקורענטן-קאמפּ צווישן פארשיידענע קאפּיטאליסטישע גרופּירונגען, און אויך צוליב דער אויסערגעוויינלעכער טײַערקײַט פון דעם מיליטעריש-קאָלאָניאַלן אפּאראט, וואָס די ארמיי האָט געשאפן.

באזונדערע פאָרשטייער פון די פינאנץ־קאפּיטאליס־טישע טרעסטן אין יאפּאַניע — קוכארא — באהאלטן שוין ניט אפ דער איצטיקער סטאדיע פון דער פאשיסטישער באוועגונג אין יאפּאַניע זייער פולע סימפּאטיע צו איר און זייער גרייטקײַט איר צו געבן וועזנטלעכע הילף.

דער פאשיזירונג-פּראָצעס איז דער אויסדריק פון די אָביעקטיווע אינטערעסן פון די רעגירנדיקע קלאסן.

דער פאשיזירונג-פּראָצעס אין יאפּאָניע קומט דעריבער פאָר ניט בלויז אין אַלע רינגען פון דער מעלוכישער מאשין, נאָר ער דרינגט אויך אריין אינווייניק אין די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּארטייען, צווישן דעם אויך אין אזעלכע, וועלכע האָבן זיך געהאלטן פאר טראדיציאָנעלע טרעגער פון די „דעמאָקראטישע" פּרינציפּן.

אויב מע זאָל ניט רעכענען די סאָציאַל-פאשיסטישע פּארטייען, וועלכע פּאסן זיך צו לויט זייער גאנצן מעהוס צום פאשיזם, און שפּילן ניט קיין אקטיווע פּאָליטישע ראָליע אין יאפּאָניע, עקזיסטירן דריי פּאָליטישע פּארטייען, וועלכע שפּיגלען אָפּ די אינטערעסן פונעם הערשנדיקן בלאָק פון די פּריצים און קאפּיטאליסטן: סייוקיי, מינסייטאָ און „קאָקומין דאָמיי".

סייוקיי איז די שטארקסטע פּארטיי, וועלכע האָט די עלטסטע געשיכטע, און איז פארבונדן מיטן פּראָצעס פון אנטוויקלען דעם שווינדזוכטיקן יאַפּאָנישן פּארלאמענטאריזם. דער קויעך פון סייוקיי באשטייט דערין, וואָס די דאָזיקע פּארטיי איז אן אָנשוילעכער אויסדריק און פאָרשטייער פונעם בלאָק פון די פּריצים און קאפּיטאליסטישע טרעסטן. סייוקיי שטעלט פאָר די אינטערעסן פונעם גרעסטן מיליטאריסטישן קאָנצערן „מיצוי", וועלכער האָט זייער ברייטע פארבינדונגען מיט די האנדל-קאפּיטאליסטישע עלעמענטן פונעם יאפּאָנישן דאָרף (מיט די עקספּאָרטיאָרן פון רוי-זייד), די אינטערעסן פון דעם קאָנצערן קוכארא און א ריי קאָלאָניאַלע בענק און אין א געוויסער מאָס אפילו דעם קאָנצערן פון דער דאָרעם-מאנדזשורישער אייזנבאן. די אויבערמאכט פון די פּריצים, וועלכע זיינען באהעפט מיט דיווירקזאמע גרופּירונגען פונעם פינאנץ-קאפּיטאל, באשטימט דעם זייער רעאקציאָנערן כאראקטער פון דער פּארטיי סייוקיי, איר נאָענטקייט צו די מיליטאריסטן און אירע שטארקע סימפּאטיעס צום פאשיזם.

עס איז גענוג אָנצווייזן דערויף, אז פיל פון די רעאקציאָנערע פּארייניקונגען, וועלכע געהערן צום „פאשיסטישן פראָנט" אין יאפּאָניע, ווערן אקטיוו געשטיצט און פינאנסירט פון דער פּארטיי סייוקיי. דער איצטיקער לידער פון דער פּארטיי סודזוקי אליין איז א מיטגליד פון דער פאשיסטישער אָרגאניזאציע „קאָקונכאָנסיא", וואָס מיט איר פירט אָן דער באראָן כיראנומא. גלייכצייטיק איז סודזוקי איינער פון די פּראָטעזשירער פון די יוגנט-אָרגאניזאציעס פונעם פאשיסטישן טיפּ. די גאנצע פארגאנגענע טעטיקייט פון סודזוקי, וועלכער איז „א צו רעכטער", אפילו פאר אזא פארברענטן פאָרשטייער פון די רעאקציאָנערע מיליטאריסטן, ווי דער גענעראל טאנאקא, וועלכער איז געווען געצוווּנגען אפילו אראָפּצונעמען סודזוקין פונעם פּאָסט פון אינערן-מיניסטער, — איז א גאראנטיע דערפאר, אז די פּארטיי, מיט וועלכער

ער פירט אָן, האָט אינגאַנצן אַ סך געמאַכט צו די רעשטלעך פון איר „דעמאָקראַטיזם“.

די נייַע פּאָליטישע פּראָגראַם פון סייַיוקייַ, וואָס איז ניט לאַנג פּובליקירט געוואָרן, זאָגט קלאָר וועגן דעם, אַז אירע סימפּאַטיעס צום פאַשיזם האָבן געבראַכט צו איבערנעמען אַזאַ אָדיאָזן פּונקט פון די פאַשיסטישע „פּראָגראַמען“, ווי די „פאָדערונג בייַצוקומען די פעלערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק“.

אויסער סודזוקין איז אינווייניק אין סייַיוקייַ פאַראַן אַ ווירקזאַמע גרופּירונג, וועלכע פאָדערט דאָס אומבאַדינגטע אונטערהאַלטן די מיליטאַריסטן און שאַפן אַן איינפּאַרטייַישע סיסטעם אין יאַפּאָניע. בעראָש פון דער גרופּירונג שטייט קוכאַראַ, אַ קאַפּיטאַליסט און דעמאַגאָג.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס סייַיוקייַ, אַלס עלטסטע פּאַרטיי פון יאַפּאָנישן פּאַרלאַמענטאַריזם, האָט געהאַט אויסצושטיין פון דירעקטע אָנפאַלן און איז אפילו געווען אַן אָביעקט פון אַטענטאַטן מיצאַד דער מיליטעריש-פאַשיסטישער יוגנט דעם 15-טן מיי 1932 יאָר, האַלטן אָבער אירע סימפּאַטיעס צום פאַשיזם אין איין אָנוואַקסן.

סייַיוקייַ נעמט, אונטער דעם דרוק פון די מיליטאַריסטן, די איניציאַטיוו דורכצופירן „די אויסערפּאַרטייַישע“ פּאָליטיק, אַרויסגייענדיק פון די אומשטענדן פון דער „אויסעראָרדנטלעכער לאַגע“. סודזוקי, וואָס האָט פריִער אַרויסגערוקט די אידיי פון אַ קאָאַליציע־קאַבינעט, באַציט זיך סימפּאַטיש צו אַראַקיס פּלענער וועגן פולשטענדיקן אָפּשאַפן די פּאַרטייַישע ווירקונג אין דער רעגירונג, וועגן שאַפן אַ שטאַרקע „אויטאָריטעטע“ מעלוכישע אָנפירונג.

האַגאַם די ניט-פּאָפּולערקייַט פון סייַיוקייַ אין די מאַסן און די אָפּוועזנקייַט פון פולשטענדיקער אייניקייַט אין דער אָנפירונג מאַכן די דאָזיקע פּאַרטיי פונעם הערשנדיקן בלאָק פאַר אומפייִק דורכצופירן דירעקט אַן אָפענע פאַשיסטישע דיקטאַטור אין יאַפּאָניע, איז אָבער איר ראָליע אין צוגרייטן די דאָזיקע דיקטאַטור אויסערגעוויינלעך גרויס.

די צווייטע גרויסע פּאָליטישע פּאַרטיי אין יאַפּאָניע — מינסייטאָ — איז אין גרונט אַ פאָרשטייער פון די אינטערעסן פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל און פון די באַנק־קרייַזן, וועלכע אָריענטירן זיך אפן קאָנצערן „מיצוביסי“. די פאַרבינדונג פון די פּריצים ווערט אין דער פּאַרטיי מינסייטאָ פאַרווירקלעכט הויפּטזאַכלעך דורך די פעאָדאַל-ביוראָקראַטישע שיכטן און דורך אייניקע קרייַזן פון דער הויפישער גרויסער ערד־אַריסטאָקראַטיע. מינסייטאָ, וואָס איז „ליבעראַלער“ פאַר סייַיוקייַ, רעכנט זיך „פאַרן לעצטן אָנשפּאַר“ פון יאַפּאָנישן פּאַרלאַמענטאַריזם קעגן די פאַשיסטישע שטימונגען. אָבער אויך אָט דער „לעצטער אָנשפּאַר“ האַלט ניט אויס.

מינסייטאָ שטיצט אונטער אַן רעזערוואציעס דעם איצטיקן קאבינעט פון סאַיטאָ, האָפנדיק אויסצומיַידן דעם איבערגאנג פון דער גאנצער מאכט אין די הענט פון די מיליטאריסטן.

מינסייטאָ ריזיקירט ניט שארפ ארויסצוטרעטן קעגן דער מיליטערישער דיקטאטור, און די איינציקע פאָרם פון ארויסדריקן איר אָפּאָזיציע דינען די שמועסן וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציע און דאָס קעגנשטעלן קעגן דער עקסטרעמער פאשיסטישער „יוגנט", בעראָש מיט אראקין, א מער „סאָלידע" און פאָרזיכטיקע קאנדידאטור פאר א דיקטאטער, דעם גענעראל אונאקי,* וועלכער פערזאָניפיצירט דעם קאָנסערוואטיזם פון די אלטע אָליגארכישע קרייַזן פון יאפּאַניע.

דער האלביקער ליבעראליזם פון מינסייטאָ, וואָס איז א רעזולטאט פון נעם באדייַטנדיקן פּראָצענט בורזשואזער שטאָטישער אינטעליגענץ אינעם באשטאנד פון דער דאָזיקער פּארטיי, האָט געבראכט דערצו, אז פון איר זייַנען אוועקגעגאנגען די אמערסטן אוואנטיוריסטישע עלעמענטן, וועלכע זייַנען פארבונדן מיט די מיליטאריסטן און וואָס האָבן געשאפן א דריטע בורזשואזע פּארטיי אין יאפּאַניע — „קאָקומין דאָמיי".

די נאָענטקייַט פונעם לידער פון „קאָקומין דאָמיי" צום גענעראל אונאקי מאכט די דאָזיקע פּאָליטישע גרופּירונג פאר זייער אן ערנסטע, טאקע אין דער סיסטעם פון די פּארייניקונגען, וואָס שטייען נאָענט צום פאשיזם.

די מיטיילונג, וואָס האָט זיך ניט לאנג באוויזן אין דער יאפּאַנישער פרעסע, אז אדאטי פירט אונטערהאנדלונגען מיט קוכארא וועגן געמיינזאמען שטיצן דעם פּלאן צו בילדן דעם דיקטאטורישן קאבינעט, בעראָש מיטן באראָן כיראנומא, באווייַזט, אז „קאָקומין דאָמיי" איז אן אקטיווער דורכפירער פון דער פאשיזירונג פון יאפּאַניע.

דאָס אלץ באשטעטיקט די האנאָכע, אז די פאשיסטישע באוועגונג אין יאפּאַניע איז ניט נאָר וואָס זי שטעלט זיך ניט אנטקעגן, נאָר זי געפינט זיך אין אן אָרגאנישער פארבינדונג מיט דער עקזיסטירנדיקער מעלוכישער סיסטעם און מיט אלע עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע גרופּירונגען פון די הערשנדיקע קלאסן.

די סימפּאטיע פון דער פּארטיי סייוקייַ צום פאשיזם דינט פארן בעסטן באווייַז, אז דער גרעסטער מאָנאָפּאָליסטישער קאָנצערן פון יאפּאַניע „מיצוי" באציט זיך אויך מיט סימפּאטיע צו דער אידיי פון מיליטערישער דיקטא־

* דער גענעראל־גובערנאטער פון קאָרייע.

באמערקונג פון דער רעדאקציע.

טור און, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז דערהארגעט געוואָרן איינער פון זייַנע דירעקטאָרן, דער באראָן דאַן, מאכט ער אָבער קיין טאָעס ניט וועגן דער עמעסער סאָציאַלער נאַטור פון די פאשיסטישע „רעפאָרמיסטן".

דאָס אָנראכמאָנעסדיקע צעגראָמירן די לינקע באַוועגונג, דער קאמף אפן אידעאָלאָגישן פראָנט קעגן קאָמוניזם און אינטערנאציאָנאליזם, צוזאמען מיטן פיזישן פארניכטן דעם איינציקן פייַנט פון די יאפּאָנישע קאַפּיטאליסטן און פריצים — די קעמפער פון דער יאפּאָנישער קאָמוניסטישער פארטיי, דאָס צוגרייטן א מילכאָמע — אָט דאָס זייַנען די הויפּט־אויפגאבן פונעם יאפּאָנישן פאשיזם.

ארויסרוקנדיק אפן ערשטן פּלאן די יאפּאָנישע מאָנארכיע, אלס מעכטיקן אויסדריק פונעם בלאָק פון די פריצים און בורזשואזיע, שטרעבן די רעאקציאָנערע מיליטאריסטן — דער הויפּט־רוקנביין פונעם דאָזיקן בלאָק — צו פארפעסטיקן זייער הערשנדיקע לאגע אינעם מעלוכישן אפּאראט, קעדיי צו באוואָרענען פאר זיך א זעלבשטענדיקע ראָליע אין אונטערדריקן די יאפּאָנישע און קאָלאָניאַלע ארבעטער־פּויערשע מאסן.

דער וועג פון פאשיזם אין יאפּאָניע — דאָס איז דער וועג פון ווייַטערדיקן רויִנירן מיליאָנען ארבעטנדיקע, א וועג פון אַן אימפעריאַליסטישער מילכאָמע און אַנטיסאָוועטישער אינטערווענץ.

קארל ראדעק

דינאמיט אפנ ווייטנ מיזרעכ

די וועלט־פּרעסע, וועלכע ווידמעט גאנצע זײַטנ אפ איבערצוקײַענ דאָס, וואָס די צווישנפעלקערלעכע דיפּלאָמאטיע האָט צעקײַט, האָט זייער ווייניק געשריבנ וועגנ דעמ פּראָצעס קעגנ די מערדער פונעמ יאפּאָנישנ פּרעמיער-מיניסטער אינוקײַ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ מיליטערישנ געריכט פונ טאָקיאָ. דער פאקט גופא פונ דערמאָרדנ א פּרעמיער-מיניסטער פונ א גרויסער מעלוכע וואָלט געדארפט באוואָרענענ דעמ פּראָצעס נרויס אופמערקזאמקײַט אינ דער גאנצער וועלט, איבערהויפּט נאָכ, אז דער דאָזיקער מאָרד איז פאָרגעקומענ גלײַכ נאָכנ דערמאָרדנ דעמ פינאנצ־מיניסטער אינאָויע אונ נאָכנ דערמאָרדנ דעמ הויפּט פונעמ גרעסטנ יאפּאָנישנ קאָנצערנ „מיצוי״ — דאנענ. נאָכ מער, ווי עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ זײַנענ די מערדער געווענ א גרופּע יאפּאָנישע אָפיצערנ. עס האָט זיכ געדוכט, אז דאָס אלצ וואָלט גענוג געווענ, אז דער פּראָצעס זאָל ווערנ אנ אָביעקט פאר דער סאמע אָנגעשטרענגסטער אופמערקזאמקײַט פונ דער גאנצער וועלט. אָבער דאָס האָט ניט פּאסירט. עמעס, די יאפּאָנישע פּרעסע האָט געדרוקט לאנגע פּאטריאָטישע טריאדעס פונ די באשולדיקטע, האָט געדרוקט די אדרעסנ פונ די אָפיצערנ אונ אנדערע „פּאטריאָטנ״, וואָס סאָלידאריזירנ זיכ מיט די באשולדיקטע, אָבער זי האָט זיכ **שטארק באמיט אויסצומײַדנ צו באלײַכטנ דעמ גאנצנ מעכאניזמ פונ אָרגאניזירנ דעמ מאָרד.**

דער פּראָצעס האָט זיכ געענדיקט. די הויפּט־באשולדיקטע זײַנענ פארמישפּעט געוואָרנ צו טויטשטראָפ,* א טייל — צו טפיסע, אונ די דאָקומענטנ

---

* דער טויטשטראָפ איז פארביטנ געוואָרנ מיט אנ אויסערגעוויינלעכ לײַכטנ אורטייל. רעד.

פונעם דאָזיקנ פּראָצעס קאָנ מענ באהאלטנ אינ שרײַבטיש. אָבער די דאָזיקע דאָקומענטנ זײַנענ א באשרײַבונג פונ א דינאמיט־גראנאט פונ קאָלאָסאלער קראפט, וועלכע קענ זיכ אופרײַסנ יעדנ טאָג אונ אופרײַסנ די גאנצע וועלט. די באשולדיקטע האָבנ מוידע געווענ, אז זיי האָבנ אגעוו באטראכט די פראגע וועגנ דערמאָרדנ דעמ אמעריקאנישנ געזאנדטנ גריו אונ דעמ אמעריקאנישנ גענעראל־קאָנסול גרייס, קעדיי צו פארגיכערנ די אמעריקאניש־יאפּאָנישע מילכאָמע, ווײַל זיי האָבנ געהאלטנ, אז די דאָזיקע מילכאָמע וואָלט איצט פאָרגעקומענ אינ מער גינסטיקע באדינגונגענ פאר יאפּאָניע, איידער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. ווײַזט אויס, אז בלויז די פארשארפונג פונ אינערלעכנ קאמפּ צווישנ די אימפּעריאליסטישע קליקעס אינ יאפּאָניע, וועלכע האָט געשטויסנ די יונגע אָפיצערנ צו אנ אטענטאט אפנ יאפּאָנישנ פּרעמיער־מיניסטער אינוקײַ, האָט פארהאלטנ צו פארווירקלעכנ דעמ אטענטאט אפנ אמעריקאנישנ געזאנדטנ, אונ דער דאָזיקער מאָרד וואָלט געקענט אָפּשפּילנ אינ דער אנטוויקלונג פונ די געשעענישנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ די זעלביקע ראָליע, וועלכע דער מאָרד פונעמ ערצ־הערצאָג פראנצ־פערדינאנד אינ סארײַעווע זומער 1914 האָט אָפּגעשפּילט אינעמ אויסברוכ פונ דער וועלט־מילכאָמע פונ 1914—1918 יאָרנ. ווער קענ זײַנ זיכער, אז די מיליטעריש־פאשיסטישע אָרגאניזאציעס פונ יאפּאָניע וועלנ ניט אָנעמענ אינ א ליאדנ טאָג א באשלוס אויסצופירנ אנ אטענטאט אפּ א פאָרשטייער פונ דער אָדער יענער גרויסער מעלוכע, וועמענ זיי האלטנ פאר יאפּאָניעס א סוינע?

יאפּאָניע שוויבלט אונ גריבלט מיט פארשווערישע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבנ פאָרשטייער אינ דער ארמיי, צווישנ דער קליינבורזשואזער אינטעליגענצ אונ באאמטנטומ, — מיט אָרגאניזאציעס, פונ וועלכע עס ציענ זיכ פעדעמ צו זייערע ווירקזאמע קליקעס. עס זײַנענ פאראנ ניט בלויז דינאמיטישע גראנאטנ אונ צערייצטע פאשיסטישע טעראָריסטנ, עס זײַנענ פאראנ דראָטנ, וועלכע פירנ צו ווירקזאמע גרופּעס, וואָס קעמפנ פאר דער מאכט אונ ארבעטנ פאנאנדער פאנטאסטישע פּלענער צו פארכאפּנ דעמ אזיאטישנ קאָנטינענט. די שפּיל מיט דינאמיט אינ יאפּאָניע איז א וועלט־געפאר, אונ דער איינפאכער כויוו פונ דער אלוועלטלעכער געזעלשאפטלעכער מיינונג איז — זיכ צוקוקנ אופמערקזאמ דערצו, וואָס עס האָט באוויזנ דער פּראָצעס פונ אינוקײַס מערדער.

די ערשטע פראגע: ווער זײַנענ אזוינס אינוקײַס מערדער, צוליב וואָסערע אידייענ האָבנ זיי זיכ געכאפּט פארנ רעוואָלווער? דאָס זײַנענ יונגע אָפיצערנ, וועלכע שטאמענ פונ פאמיליעס פונ אָפיצערנ, פּריצימ אונ באאמטע. די אידייענ, צוליב וועלכע זיי זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ די פארשווערישע אָרגאניזאציעס אונ צוליב וועלכע זיי האָבנ געמאכט

זייער אטענטאט, האָבן זיי אליין פאָרמולירט אין א ריי אופרופן, וואָס זיי האָבן ארויסגעלאָזט בייסן אטענטאט. אינעם פלוג־בלעטל, וואָס איז פובליקירט געוואָרן דעם 16-טן מײַ, פון דער „נאַציאָנאלער פעדעראַציע פון די יונגע אָפיצערן", האָבן זיי געשריבן:

„יאפּאָנישע נאציע! פארניכט אין נאָמען פונעם אימפעראַטער די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּארטייען, וועלכע זײַנען דער אלגעמיינער סוינע פון דער נאציע. דערמאָרד די קאפּיטאַליסטן, באַשטראָף די מאכט, וואָס וואָנדט אָן ווילקיר, צערײַס אַף טויט די כיטרע פריצים און דעם ספּעציעל פּריווילעגירטן קלאַס. פּויערים, ארבעטער און די גאנצע נאציע, פארטיידיקט זיך און באשיצט אײַער היימלאנד! אונטער דער אָנפירונג פון פייקן און געטלעכן אימפּעראַטער דאַרפן מיר אופשטעלן דעם ווירקלעכן גײַסט פון אונדזער אימפּעריע. מיר דאַרפן פארווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון זעלבסטפארוואלטונג. עס איז נייטיק צוזוציען פייקע מענטשן. צוליב דער גרויסער רעקאָנסטרוקציע איז נייטיק א פולע פארניכטונג. מיר באוויינען די איצטיקע לאגע אין יאַפּאָניע... ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידן, אז מיר זײַנען ניט קיין סאָציאַליסטן, ניט קיין עקסטרע נאַציאָנאַליסטן. שטיי אוף, פאָלק, און שטעל אוף די געפאַלענע יאַפּאָניע!"

די פּראָקלאַמאַציע ענדיקט זיך מיט די לאָזונגען:

„קעגן די פּאָליטישע פּארטייען, וועלכע זאָרגן בלויז וועגן דער מאכט, בלויז וועגן די אייגענע אינטערעסן. קעגן די קאפּיטאַליסטן, וועלכע געפינען זיך אין א בלאָק מיט די פּאָליטישע פּארטייען, קעדיי אונטערצודריקן זייערע אייגענע לאנדסלייט. קעגן דער ווייכליַביקער דיפּלאָמאַטיע, קעגן די געפערלעכע געדאַנקען, פאר די פּויערים און ארבעטער, וועלכע געפינען זיך אין דער גרעסטער נויט!"

אין א צווייטער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אונטערגעשריבן: „מיינונג־כאַווײַרים, פּויערים און יונגע אָפיצערן פון דער ארמיי און פלאָט", — ווערט געזאָגט:

„יאפּאָניש פאָלק! ווו איז אין דער פּאָליטיק, אין דער דיפּלאָמאַטיע, אין דער עקאָנאָמיק, אין דער פאָלקבילדונג, אין די אידייען, אין דער מיליטערישער קונסט — פאראן דער געשטאלט פון דער הייליקער יאפּאָניע?

יאפּאָניע מאטערט זיך צוליב דעם, ווײַל די פּאָליטישע פּארטייען זײַנען אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין די פראגן פון פּאָליטישער מאכט און פּארטיי־אינטערעסן, ווײַל די פּלוטאָקראַטן אין בונד מיט די פּארטייען ציען אויס דעם שווייס און בלוט פונעם פאָלק, ווײַל די מאכט האלט זיי אונטער און מיט יעדן טאָג פארגרעסערט זי די רעפּרעסיעס, ווײַל די

אויסערלעכע פּאָליטיק איז א שוואכע, הײַל די פאָלק־בילדונג געפינט זיכ אינ א צושטאנד פונ יערידע און ווײַל עס קומט פאָר אג אידייִשע צעפאלונג.

יאפּאָניע האלט שוינ איצט באַם אראָפּגליטשנ זיכ אינ טהאָם. אויב איצט וועט ניט אָנקומענ דער מאָמענט פונ רעפאָרם, וועט יאפּאָניע אומקומענ. פאָלק! נעמ דאָס געווער און שטיי אופ. דער אײנציקער וועג פונ באפרײַונג איז איצט — „ד י ד י ר ע ק ט ע א ק צ י ע“: קיינ אנדער וועג איז ניטאָ. פאָלק! אינ נאָמענ פונ אימפּעראטער דערמאָרד די שלעכטע באאמטע פונ אימפּעראטערישנ הויפ, דערהארגע די פּלוטאָקראטנ און די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּארטייענ, וואָס זײַנענ סאָנים פונ פאָלק. באשטראָפּ די מאכט, וואָס מאכט מיסברויכנ, דערהארגע דעמ פּארטעטערישנ פּריווילעגירטנ קלאס!

פויערים, ארבעטער, דאָס גאנצע פאָלק, פּארטײדיק דײַנ היימלאנד — יאפּאָניע. קער זיכ אומ צומ גײַסט פונ בויענ די מעלוכע אונטער דער שיצ פונעמ אימפּעראטער. שטעל אוועק אפּ מעלוכישע אמטנ מענטשנ, וועלכע זײַנענ דורכגעדרונגענ מיטנ גרויסנ נאציאָנאלנ גײַסט, בוי א ליכטיקע, אופגעלעבטע יאפּאָניע!

פאָלק! טראכט וועגנ דער דאָזיקער בויונג. פריִער פארניכט, צעשטער די מיִעסע פּארטייענ, וואָס עקזיסטירנ איצט. פאר דער גרויסער בויונג איז נייטיק א קארדינאלער ברוכ. ריזיקירנדיק מיט דער איצטיקער לאגע פונ יאפּאָניע, ווילנ מיר אָנצינדנ די שײַנ פונ סיאָוועס רעסטאווראציע. עס פארשטייט זיכ, מיר וועלנ זיכ ניט בייגנ ניט צו דער זײַט פונ די רעכטע, ניט צו דער זײַט פונ די לינקע עקזיסטירנדיקע אָרגאניזאציעס. דער אופּבליִ אָדער די פּאלונג פונ יאפּאָניע געפינט זיכ ניט אינ אָפּהענגיקײַט פונ אונדזערע (אוואנגארד פונ דער נאציע) פּארווידקלעכונגענ. ער הענגט אָפּ פונ דײַנע טאטנ — פאָלק, וואָס דו ביסט אָנגעפילט מיט אונדזער גײַסט. הייבט זיכ אופ, שטייט אופ, לאָמיר שאפנ די עכטע יאפּאָניע!“

וואָס באהאלט זיכ אונטער דעמ דאָזיקנ געמיש פונ פאָלקיסטישע פויערישפילישע פראזנ, אונטער די דאָזיקע באשולדיקונגענ קעגנ די קאפּיטאליסטנ, צונויפגעמישטע מיט קלאָלעס אפּ די יאפּאָנישע בורזשואזע פּארטייענ, אפּ דער יאפּאָנישער דיפּלאָמאטיע און מיט די פעסטע האָפענונגענ אפנ אימפּעראטער?

יאפּאָניע איז א לאנד פונ די ג ר ע ס ט ע ק ל א ס נ - ו י ד ע ר ש פ ר ו כ נ. פונ איינ זײַט, א פינצטערע אָרעמקײַט פונעמ פויערטומ, וואָס באטרעפט 91 פּראָצענט פונ דער גאנצער צאָל ערד-באזיצער און עס האָט ניט מער ערד, ווי פינפ טויזנט גרויסע און 2 הונדערט טויזנט קליינע פּריצים און איז געצווונגענ צו ארענדירנ בא די פּריצימ ערד, צאָלנדיק

זיי מיט געלט און אין נאָמען פֿון דער וועלט ווי א העלפֿט פֿון דער גערעטעניש. דאָס דאָזיקע פּויערטום איז פּראַקטיש פֿון כּיוועס, וואָס באַטרעפֿן 7 מיליאַרד יען, האָט ניט די מעגלעכקייט צו קויפֿן ניט קיין בעהיימעס, ניט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס און אַרבעט מיט פּרימיטיווסטע אַרבעט-געצייג. די יאַפּאַנישע לאַנדווירטשאַפֿט לעבט שוין לאַנג איבער א טיפֿכטן קריזיס, וואָס זינט נאָך דער מילכאָמע פֿאַרשאַרפֿט ער זיך קעסיידער. דער לעצטער קריזיס האָט א קלאַפּ געטאָן איבערן פּויערטום באַזונדערס שטאַרק, פֿאַרקלענערנדיק מער ווי אַפֿ העלפֿט די פּרייַז אַפֿ רייַז און זייַד — די הויפּט-פּראָדוקטן פֿון דער פּראָדוקציע פֿונעם יאַפּאַנישן פּויערטום. אָבער ווען אינוקייס מערדער שרייַען וועגן פּויערטום, טראַכטן זיי פּריִער פֿאַר אַלץ וועגן זייערע עלטערן — די פּריצים.

דער יאַפּאַנישער פּריצישער קלאַס איז א פּאַראַזיטישע שיכט, וואָס בייס יאַפּאַניעס אַריבערגיין אַפֿ קאַפּיטאַליסטישע רעלסן האָט זי ניט נאָר פֿאַרהיט פֿאַר זיך די ערד און פֿאַרוודכיילט די פּויערים צו דער לאַגע פֿון אַרענדאַטאָרס, נאָר זי האָט אויסגענוצט די גאַנצע מאַכט, וואָס איז געבליבן בא איר אין די הענט, קעדיי פֿאַרצוזעצן די האַלב-פֿעאָדאַלע עקספּלואַטאַציע פֿונעם פּויערטום. פֿאַרן שטיקל ערד, וואָס די פּריצים זייַנען געוועזן געצוווּנגען אָפּצוגעבן דעם פּויער, האָבן זיי אים געצוווּנגען צו באַצאָלן אויסקויף-געלט, וואָס איז געגאַנגען אַפֿ ספּעקולאַציע, אַפֿ וווּכערייַ און אַפֿ ווילטיק. ס'איז קיין ווונדער ניט, וואָס איינגיכן איז א באַדייַטנדיקער טייל פֿון די קליינבאַזיצערישע אַדעליקע געבליבן אָן ערד. די דאָזיקע אַדעליקע האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט די שטענדיקע מאַטאָנעס פֿון דער מעלוכע, ניט באַנוגנט מיט די עוטער, וואָס זיי באַקומען אין מעלוכע-אַפּאַראַט און האָבן אָנגעהויבן שטויסן יאַפּאַניע אַפֿ צו כּאַרכאַפּן פֿאַרמאָגע, קאַרייע און שפּעטער אויך כינע. דער קליין-אַדעליקער, וועלכער האָט אָפּגעשוינדן די הויט פֿונעם יאַפּאַנישן פּויערטום, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די ברעקלעך, וואָס פֿאַלן פֿונעם טיש פֿונעם יונגן קאַפּיטאַליזם, און איז געוואָרן דער הויפּט-טרעגער פֿון די אידייען פֿון דער אימפּעריִאַליסטישער עקספּאַנסיע פֿון יאַפּאַניע נאָך לאַנג פֿריִער, איידער ס'איז אַנטשטאַנען דער יאַפּאַנישער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם מיט זייַנע הייַנטצייַטיקע אימפּעריִאַליסטישע טענדענצן.

די אַנטוויקלונג פֿונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם האָט ניט געראַטעוועט דעם פּאָרעצ. זי האָט צוגעגעבן צו דער פֿעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע די עקספּלואַטאַציע פֿונעם פּויערטום מיצאַד די טרעסטן און קאָנצערנס. דער גאַנצער האַנדל מיט רייַז און רוי-זייַד איז קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון עטלעכע גרויסע פֿירמעס מיטן קאָנצערן

„מיצוי” בעראָש. זיי פארקלענערנ די פרײַזנ אפ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ, העכערנ גלײַכצײַטיק די פרײַזנ אפ אינדוסטריעלע אויסארבעטונגענ, אינ דער ערשטער ריי אפ באמיסטיקונג, וואָס אָנ דעמ קענ זיכ ניט באגיינ די יאפאָנישע לאנדווירטשאפט.

דער טאָפלטער יאָכ פונעמ פאָרעצ אונ פינאנצ-קאפיטאל, דער וווקס פונ די שטײַערנ פאר דער קעסיידער שטײַגנדיקער באוואָפענונג אונ פאר דער וואקסנדיקער קנופיע באאמטע, האָט ארויסגערופנ דעמ וווקס פונ דער פאראָרעמונג פונעמ פויערטומ, האָט געמאכט דעמ הונגער פאר א כראָנישנ גאסט אינ דאָרפ.

דאָס האָט געמוזט זיכ אָפרופנ אויכ אפ די פריצימ. דער פויער האָט ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו באצאָלנ פאר ארענדע שוינ פארנ לעצטנ קריזיס; דאָס האָט ארויסגערופנ א שטענדיק וואקסנדיקע צאָל קאָנפליקטנ. דאָס פאלנ פונ די פרײַזנ אפ לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ, וואָס דער לעצטער קריזיס האָט ארויסגערופנ, האָט געבראכט צו דער פארקלענערונג קימאט אפ א העלפט פונעמ פאָרעצס האכנאָסע. די פרוווּנ צו פארגרעסערנ די צאָל פראָדוקטנ, וואָס ווערט אײַנגעמאָנט פונעמ פויער אינ דער פאָרמ פונ רענטע, אָדער די פרוווּנ צו פארגרעסערנ די געלט-רענטע, האָט זיכ אָנגעשטויסנ אפ גרענעצנ, ווו ווײַטער קענ מענ שוינ ניט גיינ.

דאָס יאָר 1932 איז געווענ אנ איידעס פונ צעגראָמירנ אונ אונטערצינדנ פריצישע מאיאָנטקעס, פונ דערהארגענענ די געריכט-אויספאָרשער. גלײַכצײַטיק פאלנ די פרײַזנ אפ ערד: פאר א טאנ רײַזפעלד באצאָלט מענ איצט 399 יענ, אָנשטאָט 546.

די גרויסע פריצימ, וועלכע האָבנ האכנאָסע פונעמ אָנטייל אינ דער אינדוסטריע, אינ די בענק, וואָס באקומענ געהאלט אלס מיטגלידער פונ דער העכסטער ביוראָקראטיע, קאָנענ טראכטנ וועגנ ארעפוזעצנ די ארענדאטאָרנ פונ זייער ערד, וועגנ דער קאפיטאליסטישער לאנדווירטשאפט מיטנ אָנווענדנ די ארבעט פונ באטראקעס אונ קאָרייער. פאר די קליינע פריצימ איז דער דאָזיקער וועג פארמאכט.

אונ דער קליינער פאָרעצ בעטלט בא דער רעגירונג סובסידיעס, פאָדערט א פארכאפערישע פאָליטיק, וואָס וואָלט אימ דערלויבט אלס מיליטערמאנ אונ באאמטנ צו עקספלואטירנ דאָס פויערטומ פונ אנדערע לענדער.

ווענ די פריצישע שווארצמייעדיקע אָרגאניזאציעס זאָגנ צו דעמ יאפאָנישנ פויערטומ ערד אינ כינע אָדער אינ סיביר, ווייסנ זיי אויסגעצייכנט, אז דאָס איז אָפנארערײַ, ווײַל דער פויער האָט ניט קיינ געלט אפ צו באצאָלנ זײַנע כויוועס, שוינ אָפגערעדט אפ צו גרינדנ א נײַע ווירטשאפט אפנ אזיאטישנ קאָנטינענט.

אָבער פאר די פריצים עפנט די מילכאָמע א וועג אפ ארויסצוגיינ פונעם פערזענלעכ קריזיס. פונ די הויכע געהאלטנ, וועלכע עס באקומענ די באאמטע אונ מיליטער־לייט, וואָס ווערנ געשיקט קיינ מאנדזשוריע, קאָנ מענ באצאָלנ די כויוועס, אונ די פארשולדיקטקייַט פונ די פריצים באטרעפט צוויי א האלבנ מיליארד יענ.

די מיליטערישע יוגנט, וואָס איז אופגעבראכט קעגנ דער ווייכלייַביקער דיפלאָמאטיע אונ וואָס קעמפט פאר א מילכאָמע אפ צו „באפרייַענ אזיע", דריקט אויס די דאָזיקע שטרעבונגענ פונעם פריצישנ קלאַס.

א צווייטער טייל פונ דער מיליטעריש־פאשיסטישער יוגנט דריקט אויס די שטימונגענ פונ דער רוינירטער קליינבורזשואזיע. זי שטעלט פאָר מיט זיכ א קאָלאָסאלע שיכט בא 10 מיליאָנ מענטשנ (מיט די פאמיליעס), אונ צו דעם דארפ מענ נאָכ צוגעבנ דרייַ א האלב מיליאָנ אָנגעשטעלטע אונ אינטעליגענטנ. די דאָזיקע שטאָטישע קליינבורזשואזיע, וואָס באטרעפט קימאט א דריטל פונ דער יאפּאָנישער באפעלקערונג, לייַדט פונעם וווּקס פונ די שטייַערנ, וואָס ווערט ארויסגערופנ דורכ דער באוואָפענונג, זי לייַדט פונעם יאקרעס. דער קריזיס, וועלכער האָט געבראכט אויכ צו דער פארקירצונג פונ דער צאָל אָנגעשטעלטע אונ צום באנקראָט פונ די קליינע אונטערנעמונגענ, האָט א קלאפּ געגעבנ איבער איר זייער שארפ. וואָס איז שייַעכ דער אינטעליגענצ, איז גענוג אָנצווייַזנ אפ דעם פאקט, אז אינ איינ טאָקיער ראיאָנ זייַנענ פאר די לעצטע דרייַ יאָר געוועזנ 55 טויזנט ארבעטלאָזע אינטעליגענטנ, וועלכע האָבנ געשאפנ א געזעלשאפט, וואָס האָט געמעלדעט וועגנ דער גרייטקייַט אָנצונעמענ יעדע ארבעט פאר 20 יענ א כוידעש. דערפונ קענ מענ פארשטיינ, וואָס פאר א דערנערונג־סוויווע פאר די מיליטעריש־פאשיסטישע טענדענצנ די דאָזיקע מענטשנ זייַנענ.

זיי זענענ קאָלאָסאלע רייַכטימער, וואָס די גרויסע קאפּיטאליסטישע קאָנצערנס אונ טרעסטנ האָבנ אָנגעזאמלט.

אינ 1929 יאָר האָט די יאפּאָנישע אָפיציעלע סטאטיסטיק אָנגעצייכנט דרייַ טויזנט פערזאָנ, וועלכע פארמאָגנ מער ווי צו א מיליאָנ יענ.

„די מערהייַט פונ די דאָזיקע מיליאָנערנ לעבט אינ טאָקיאָ, אלנפאלס די מערהייַט פונ די 50 גרעסטע גווירים פונ יאפּאָניע. אינ טאָקיאָ באטרעפנ זיי 39, אינ אָסאקא 5, אינ נאגויא, ניגאטא, אָטארא, קאָבע, פוקאָקא אונ יאמאגאטא צו איינעם. בעראָש פונ די יאפּאָנישע מיליאָנערנ דארפ מענ שטעלנ דעם באראָנ איוואסאקי כיסאיא, דעם געוועזענעם דירעקטער פונעם קאָנסאָרציום „מיצוביסי" אונ ברודער פונעם איצטיקנ דירעקטער. אינ קייַלעכדיקע ציפערנ באטרעפט זייַנ פערזענלעכער פארמעגנ 5 הונדערט מיליאָנ יענ. אפ דעם זעלביקנ שטאפל געפינענ זיכ כאשימאָראָנ מיצוי, דער הויפּט פונעם קאָנסאָרציום „מיצוי". דערנאָכ גייענ: דער בא־

דאָן איוואַטאַקי פּאָיאַטאַ, א ברודער פונעם ערשטן איוואַסאַקי און דער איצטיקער דירעקטער פון „מיצוביסי“ — ער פאַרמאָגט 4 הונדערט דרײַסיק מיליאָן יען. דערנאָך — מיצוי געגעמאָן, דער פּאָרזיצער פונעם באַנק „מיצוי“, דער באַראָן סומיטאָמאַ קישיזעמאָן, דער פּאָרזיצער פונעם קאָנסאָרציום מיט דעם זעלביקן נאָמען — זיי פאַרמאָגן צו 200 מיליאָן יען יעדערער.

ווײַטער: מיצוי מאָטאָפּאָזוקי, דער פּאָרזיצער פון דער באַרג־אינדוסטרי־עלער קאָמפּאַניע פונעם קאָנצערן „מיצוי“ — פאַרמאָגט 170 מיליאָן יען. יאַסודאַ זעטשזשיראָ, דער פּאָרזיצער פונעם קאָנצאָרציום „יאַסודאַ“ — 160 מיליאָן. דער באַראָן מיצוי טאַקאַיאַסו, איוואַסאַקי כיקויאַטאַ, א זון פונעם באַראָן כיסאַיאַ איוואַסאַקי און דער צוקינפטיקער פּאָרזיצער פונעם קאָנסאָרציום „מיצוביסי“, דער באַראָן אָקוראָ קישיכיראָ, דער פּאָרזיצער פון דער קאָמפּאַניע מיטן זעלביקן נאָמען — זיי אַלע פאַרמאָגן צו 150 מיליאָן יען. דער באַראָן פורוקאַווא טאָראַנאַזוקי, דער פּאָרזיצער פון דער קאָמפּאַניע מיטן זעלביקן נאָמען — 130 מיליאָן יען. אויסער די דאָזיקע קיניגן פון דער פינאַנץ־און געשעפט־אַריסטאָקראַטיע איז נאָך פאַראַן א צענדליק פּערזאָנען, וואָס פאַרמאָגן צו הונדערט מיליאָן יען. אזוי אָדער אַנדערש געהערן זיי צו דער פּאַמיליע איוואַסאַקי (מיצוביסי), אָדער מיצוי, אויסער דעם ה׳ נאַקאַנאָ שוטאַראָ פון נײַגאַטאָ, וואָס רעכנט זיך פאַרן סאַמע גרעסטן ערדבאַזיצער. פון דער זעלביקער איבערזיכט קאָן מען זען, אז צוויי פּאַמיליעס — מיצוי (11 מיטגלידער) און איוואַסאַקי — באַזיצן די גרעסטע פאַרמעגנס אין יאַפּאָניע, וואָס יעדערער פון זיי ווערט אָפּגעשאַצט אין $1\frac{1}{2}$ מיליאַרד יען, ניט איבערשטײַגנדיק איינער דעם צווייטן. אפ א גאַנץ ווײַטן מעהאַלעך פון זיי שטייען: די פּאַמיליע יאַסודאָ מיט 625 מיליאָן יען, דערנאָך די פּאַמיליעס סומיטאָמאָ, אָקוראַ, פורוקאַווא. די דאָזיקע קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס זײַנען געשאַפן געוואָרן נאָך דער רעסטאַווראַציע פון דער אימפּעריע אין 1868 י. די איוואַסאַקיס זײַנען געווען פּאָשעטע פויערים אין דינסט בא דײַמיאָ טאָזאַ — יאַמאַנוטשי. פאַרקערט, די מיצויס זײַנען געווען מער ווי 200 יאָר סאָכרים אין דער פּראָווינץ איזע און האָבן געבאָרגט געלט אפ רײַז די סעניאָרן, וואָס האָבן באַקומען טשינשן מיט רײַז.

אָט איז, ווײַטער, א צעטל פון געשעפטמאַכער, באַנקירן אאַז., וואָס האָבן סאָלידע פאַרמעגנס: נעזו קײַשיראָ — 80 מיליאָן יען, כאַטאָרע קינטאַרע — א גרויסער יוּוועליר אין גינזאַ — 70 מיליאָן, דער באַראָן קאָנאָיקע זענעמאָן, א באַנקיר אין אָסאַקאַ — 50 מיליאָן, נאָמוראַ טאָקושיכי — פון אָסאַקאַ — 40 מיליאָן, איטאָ זשיראָזעמאָן, הויפּט פון די גרויסע מאַגאַזינען „מאַצאַזוקאַיאַ פון נאַגאַיאַ“ — 35 מיליאָן, כאָמאַ מיצוי, ערדבאַזיצער פון יאַמאַגאַטאַ — 30 מיליאָן, קאָזשימאָ אײַזשיראָ, אייגנטימער פון קוילנשאַכטעס אין פוקואָקאַ, אָכאַשי שינטאַראָ א סויכער פון טאָקיאָ—30 מיליאָן יען".

פול מיט האס און קינע קוקט די יאפאָנישע קליינבורזשואזיע און דאָס קליינבאזיצערישע אדלטום אפנ יאפאָנישנ פינאנצ-קאפיטאל, אָבער זיי פילנ זיכ ניט קיינ קיעכ אימ צו דערקלערנ אנ אָנראכמאָנעסדיקנ קאמפ, זיי קאָנענ ניט ארויסרוקנ קיינ פראָגראמ פונ עקספראָפּריִרנ די עקספראָפּריאטערס פונ יאפאָנישנ פאָלק. דעריבער איז, שילטנדיק די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע, רוקנ זיי ארויס הומאָניסטישע פּראָגראמעס פונ מעלוכישנ קאָנטראָל איבער די גרויסע קאפיטאליסטנ, וואָס דארפ זיי צווינגענ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ פארמעגנס העכער א מיליאָנ, דארפ באגרענעצנ די גרייס פונ די קאפיטאלנ פונ די טרעסטנ ביז 10 מיליאָנ און ביכלאל צווינגענ זיי צו ארבעטנ צוליבנ „פאָלקנוצנ”. אָבער אויב די קליינבורזשואזע מאסע קאָנ גלייבנ אינ אזעלכע מייסעס, ווייל דער דאָזיקער גלייבנ איז א רעזולטאט פונ איר אומפייִקייט צומ קאמפ מיטנ קאפיטאל, פארשטייענ אָבער אויסגעצייכנט די אָנפירער פונ דער פאשיסטישער באוועגונג, וואָס פאר א ווערט די דאָזיקע פּראָגראמעס האָבנ. אינ זיינ בוכ „איבערזיכט פונ דער פאשיסטישער באוועגונג אינ יאפּאָניע” שרייבט דער יאפּאָנישער פאשיסט זאמא:

„אפנ איצטיקנ עטאפּ האָט דער נאציאָנאליזמ א מיסיע פונ קאמפ קעגנ די סאָציאַלע טענדענצנ. קעדיי צו פארהיטנ די אָנפירונג מיט די אָפּאָזיציאָנעלע באָלשעוויזירטע קלאסנ אינעווייניק אינ לאנד, דארפ מענ ארויסטרעטנ ניט פּאָשעט אונטער דער פאָנ פונ נאציאָנאליזמ, נאָר ארויסרוקנ לאָזונגענ פונ נאציאָנאלנ סאָציאליזמ און פונ מעלוכישנ סאָציאליזמ. דאָס פאָדערט די גאנצע לאגע”.

די אָנפירער פונ דער פאשיסטישער מיליטערישער אָרגאניזאציע פארשטייענ די געפאר, וואָס עס טראָגט אינ זיכ די צעפּוילונג פונעמ יאפּאָנישנ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפיטאליזמ, זיינ אומפייִקייט צו קאָנקורירנ מיט דעמ מער מעכטיקנ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפיטאליזמ פונ די פאריייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע מיט „נאָרמאלע” מיטלענ, און אויכ דער טיפער אגראר-קריזיס. זיי פירנ א דעמאגאָגישע אגיטאציע קעגנ די טרעסטנ און קארטעלנ און קעגנ די בורזשואזע פּאָליטישע פארטייענ, וועלכע זיינענ דאָס געווער פונ די דאָזיקע אָרגאניזאציעס, קעדיי איינצוהאלטנ די פאָלקמאסנ פונעמ ווירקלעכנ קאמפ פאר זייערע אינטערעסנ און צו פארדעקנ מיטנ צודעק פונ פאָלק-אינטערעסנ די פּאָליטיק פונ אימפּעריאליסטישער פארכאפּונג, וואָס ווערט אונטערגענומענ בלויז אינ די אינטערעסנ פונ די גרויסע פריצימ, טרעסטנ און קארטעלנ.

עס איז גענוג אָנצוווייזנ אפ דעמ פאקט, אז דערווייל האָבנ פונ פארכאפּנ מאנדזשוריע פארדינט בלויז דער קאָנצערנ „יאסודא”, וואָס פינאנסירט

די דאָרעמ-מאַנדזשורישע אײַזנבאַנ, אונ די קאַפּיטאַליסטישע גרופּנ, וואָס זײַנענ מיט אימ פאַרבונדנ; אַז פונ די יאַמ-באַוואָפענונגענ פאַרדינענ הונדערטער מיליאָנענ דער קאָנצערנ „מיצוביסי" אונ די קאָנצערנס פונ דער שווערער אינדוסטריע, מיט וועלכער די אָנפירונג פונ דער מיליטעריש־פאַשיסטישער באַוועגונג לעבט זייער גוט אונ פונ וועמענ די פאַרשיידענע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס באַקומענ פינאַנצ-מיטלענ ניט בלויז אַפּ פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אַפילע אויכ אַפּ טעראָריסטישע אַקטנ.

דאָס שטערט אָבער ניט די פאַשיסטנ צו וועקנ אינ די קליינבורזשואזע מאַסנ אַ האָפענונג, אַז די טעריטאָריעס, וואָס ווערנ פאַרכאַפּט אַפּנ אַזיאַטישנ קאָנטינענט, וועלנ ניט עקספּלואַטירט ווערנ דורכנ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַל, נאָר וועלנ אויסגענוצט ווערנ דורכנ יאַפּאַנישנ פאָלק.

די פאַשיסטישע באַוועגונג שטעלט מיט זיכ פאָר אינ יאַפּאָניע, אויב מע זאָל נעמענ אינ אַכט די מאַסע אָנהענגער אירע, צערויִנירטע מאַסנ פונ דער קליינבורזשואזיע אונ פונ קליינבאַזיצערישנ אַדלטומ, אָבער זי איז אַ געווער אינ די הענט פונ אַ טייל פונ דער העכסטער ביוראָקראַטיע, פונ די גרויסע פּריצימ, מיליטאַריסטנ אונ פונ פאַרשיידענע גרופּעס פונ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, וועלכע זײַנענ געקומענ צו דער איבערצײַגונג, אַז פאַר דער פּאָליטיק פונ דער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע טויגנ שוינ ניט די אַלטע יאַפּאָנישע מעלוכישע אַנשטאַלטנ מיטנ פּאַרלאַמענט, מיט די פּאָליטישע בורזשואזע פּאַרטייענ. לויט זייער מיינונג האָבנ די דאָזיקע אַנשטאַלטנ פאַרלאָרנ דעמ צוטרוי פונ די פאָלק־מאַסנ אונ זײַנענ ניט פייִק צו פירנ קיינ ענערגישע פאַרכאַפּונג־פּאָליטיק, ווײַל זיי זײַנענ געוואָרנ אַנ אָרט פונ שטענדיקע רײַסערײַענ צווישנ פאַרשיידענע גרופּעס פּריצימ, קאַפּיטאַליסטנ אונ ביוראָקראַטנ. די דאָזיקע פאַשיסטישע עלעמענטנ פּרוּוונ מיט דער הילפ פונ אָרגאַניזירנ אַ מאַסנווע פאַשיסטישע באַוועגונג אונ פאַשיסטישע טעראָריסטישע גרופּנ פאַרגיכערנ דאָס פאַרייניקנ די גאַנצע מאַכט אינ די הענט פונ די מיליטאַריסטנ אונ אינ די הענט פונ די מער־אַנטשלאָסענע גרופּעס פונ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, וואָס זײַנענ מיט זיי פאַרבונדנ. פּונקט ווי אינ דײַטשלאַנד האָבנ באַדײַטנדיקע שיכטנ פונ דער גרויס־בורזשואזיע מוירע געהאַט צו פאַרטרויענ די מאַכט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטנ, אַזוי איז אינ יאַפּאָניע זייער ווירקזאַמע גרופּנ פונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַליזמ האָבנ מוירע פאַר דער דיקטאַטור פונ די מיליטאַריסטנ, וועלכע קאָנענ מיט זייער ניט־פאָרזיכטיקער פּאָליטיק אַ קלאַפּ טאָנ גלײַכצײַטיק אינ פיל ריכטונגענ אונ ברענגענ צו דער איזאָליאַציע פונ יאַפּאָניע.

אונ פּונקט אַזוי ווי אינ דײַטשלאַנד האָט אַ טייל פונ דער אַלטער ביוראָקראַטיע אונ פונ דער מיליטערישער ביוראָקראַטיע (עס איז גענוג צו־

צורופנ דעם פעלדמארשאל הינדענבורג און דעם גענעראל שלייכער) א לאנגע צײַט זיך ניט באשלאָסנ אפנ פאשיסטישנ עקספערימענט, אזוי אויכ אינ יאפאָניע איז צווישנ די סאמע אויבערשטע שיכטנ פונ דער ביוראָקראטיע (עס איז גענוג אָנצורופנ דעם גענראָ סאיאָנדזי און דעם היטער פונ אימפעראטארישנ שטעמפל מאקינאָ) באגעגנט די שטרעבונג פונ די מיליטערישע פאשיסטישע גרופנ צו דיקטאטור שטערונגענ און א ווידערשטאנד. און די מאסנווע פאשיסטישע באוועגונג און די טעראָריסטישע אָרגאניזאציעס זײַנענ א געווער פונ קאמפ פונ די מיליטעריש-פאשיסטישע גרופנ קעגנ די דאָזיקע שטערונגענ, וועלכע שטייענ אפ זייער וועג צו דער מאכט, וואָס איז זיי נייטיק אלס מיטל צו פארגיכערנ דעם אָנקום פונ דער מילכאָמע אפ צו פארכאפנ דעם אזיאטישנ קאָנטינענט. די דעמאָנסטראציעס פונ די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס און די טעראָריסטישע אטענטאטנ, וועלכע זײַנענ הײַנט א מיטל פונ קאמפ פאר מאכט, קאָנענ מאָרגנ ווערנ א מיטל פאנאנדערצוביינדנ די מילכאָמע-קויכעס, וואָס וואָלט פארשטענדלעכ פארגיכערט די קאָנצענטראציע פונ דער מאכט אינ די הענט פונ די מיליטאריסטנ. דאפקע אָט די צײַט איז זאָרגזאם פארטעמירט געוואָרנ סײַ אינ די פריערדיקע פראָצעסנ פונ די טעראָריסטישע אָרגאניזאציעס סײַ אינעם לעצטנ פראָצעס.

די גאנצע וועלט איז איצט א דורכויסיקער פולווער-קעלער, אָבער עס זײַנענ פאראנ ערטער אינ דער דאָזיקער וועלט, ווו עס איז צונויפגעזאמלט די גרעסטע צאָל פולווער און ווו צום דאָזיקנ קעלער פירנ דירעקטע עלעקטרישע דראָטנ פונ זייער ווירקזאמע קליקעס. צו די דאָזיקע ערטער געהערט אויכ יאפאָניע. דער פראָצעס פונ אינוקײַס מערדער סיגנאליזירט ניט בלויז וועגנ דער געפאר פונ די גרעסטע אופטרייסלונגענ, וואָס דראָענ יאפאָניע, נאָר אויכ א געפאר, אז די וועלט וועט אופגעריסנ ווערנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ. יענע, וואָס האָבנ נאָכ א האָפענונג, אז דער אופרײַס אפנ ווײַטנ מיזרעכ וועט בלײַבנ לאָקאליזירט, האָבנ א גרויסנ טאָעס: די וועלט שטעלט פאָר מיט זיך א גאנצנ איינס, און אויב דער פײַערשטראָם וועט אופלאקערנ אינ איינ פונקט, וועט ער ארויסרופנ קאטאסטראָפעס אינ דער גאנצער וועלט.

ס. כיראטא

וויאזוי מיר וועלנ מילכאָמע האלטנ

„וואורערא ווא מאָיע! טאטא קאהאבא"
ס. כיראטא· טאָקיאָ· 1933·

פונ דער רעדאקציע

דער אווטער פונעם בוכ איז א באוווסטער מיליטערישער פובליציסט, וואָס איז זייער נאָענט פארבונדנ מיטנ יאפאָנישנ גענעראלשטאב אונ מיט די רעאקציאָנערע קרייזנ. כיראטא איז א מיטארבעטער אינ דער פאטריאָטישער צייטונג „ניכאָנ", וואָס אירע ארטיקלענ וועגנ פססר טראָגנ געווײנלעכ א טענדענציעזנ כאראקטער; דאָס שילדערט גענוג זײַנ פאָליטישע פיזיאָנאָמיע. זײַנע ביכער אונ ארטיקלענ זײַנענ אָפענע פראָגראם-פלענער פונ די מער אגרעסיווע מיליטאריסטישע גרופנ, וועלכע שפיגלענ, אזוי אָדער אנדערש, אויכ אָפ די מיינונגענ פונעם גענעראלשטאב. זיי זײַנענ א מוסטער פונ דער צוגרייטונג פונ דער געזעלשאפטלעכער מיינונג פאר א מילכאָמע קעגנ פססר,—די צוגרייטונג, וואָס קומט איצט פאָר אינ יאפאָניע. דאָס, נאטירלעכ, רופט ארויס א אינטערעס צו כיראטאס ווערק אויכ בא אונדז, באזונדערס איצט, ווענ דער יאפאָנישער אימפעריאליזמ דראָעט דירעקט ארונטערצורײַסנ אונדזער פרידלעכע פאָליטיק.

אינ 1931 יאָר, א האלב יאָר פארנ אָנהייב פונ די מאנדזשורישע געשעענישנ, איז דערשינענ כיראטאס בוכ „די ווײַטמיזרעכדיקע מילכאָמע אונ דער פלאָט פונ די פארייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע". אינ דעמ דאָזיקנ

בוך איז געגעבן געוואָרן א גענויער אנאַליז פונעם באשטאנד פון די מיליטערישע קרעפטן און יאם-קויכעס פון יאפּאָניע און אמעריקע, עס איז באַשריבן געוואָרן דער מעגלעכער גאנג פון די אָפּעראציעס אפן שטילן אָקעאן. גלייכצייטיק האָט כיראטא אונטערגעשטראָכן דעם געדאנק, אז „פארן ארייַנטרעטן אין קאמף מיטן אמעריקאנישן אימפּעריאַליזם דארף יאפּאָניע באַוואָרענען פאר דער דאָזיקער מילכאָמע א רויווארג-באזע און א הינטערלאנד. און דאָס זייַנען פאר יאפּאָניע מאנדזשוריע, צאָפּן-סאכאלין און פרימאָריע (דאָס איז כיראטאס פּראָגראם-מינימום), און אינעם פאל פון א נויטווענדיקייט אויך די פריאמורער געגנט, קאמטשאטקע און טראנסבייַקאל...“ דעריבער האלט דער אווטער „פאר מעגלעך“ א מיליטערישן צוזאמענשטויס מיט פססר. זייַענדיק צוגעווינט ניט בלויז צו די פילאָלאָגישע, נאָר אויך צו די איבעריקע באזונדערקייטן פון דער שפּראך-סטרוקטור פונעם יאפּאָנישן אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט זיך „פארטיידיקט“ אין מאנדזשוריע קעגן די כינעזער, קענען מיר פאָרמולירן די אויסערלעך-פּאָליטישע פּראָגראם, וואָס כיראטא שטעלט ארויס, אפן פאָלגנדיקן אויפן:

דער ערשטער פּעריאָד — באארבעטן די געזעלשאפטלעכע מיינונג פאר א מילכאָמע קעגן ראטנפארבאנד, דער אָנהייב פון „פרידלעכן באהערשן“ מאנדזשוריע דורך „זעלבסטשוץ“.

דער צווייטער פּעריאָד — א מילכאָמע קעגן פססר צו פארטיידיקן „די דוירעסדיקע רעכט פון יאפּאָניע“ אפ דער כינעזיש-מיזרעכדיקער אייַזנבאן, צאָפּן-סאכאלין, קאמטשאטקע, פרימאָריע און אפ די אנדערע געגנטן פון סאָוועטישן ווייַטן מיזרעך.

דער דריטער פּעריאָד — א מילכאָמע קעגן די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע „צו פארטיידיקן די פעלקער פון אזיע פונעם אימפּעריאַליזם און זיי פאראייניקן אונטער די פליגלען פון דער גרויסער יאפּאָנישער אימפּעריע“.

די צווייטע העלפט 1931 און דאָס 1932 יאָר האָבן אונדז „באַרייַכערט“ מיט אייניקע ארטיקלען פון כיראטאן אין זשורנאלן און צייַטונגען וועגן דער ארבעטער-פּויערישער רויטער ארמיי. אויסער דעם האָט כיראטא, אינעם פּעריאָד בייס דאָס יאפּאָנישע מיליטער איז ארייַנגעדרונגען אין צאָפּנמאנדזשוריע, ארויסגעגעבן זייַן בוך „די רויטע ארמיי אָפּס אונדזער סוינע“, ווו די צוקינפטיקע מילכאָמע פון יאפּאָניע קעגן סאָוועטישן ווייַטן מיזרעך ווערט געשילדערט אלס א לייַכטער מיליטערישער שפּאציר. ענדלעך, איז ניט לאנג, אין די לעצטע טעג פון אווגוסט פאָריקן יאָר, דערשינען זייַנער א נייַ בוך „וויאזוי מיר וועלן מילכאָמע האלטן“.

דער דאָזיקער בוך טיילט זיך אפ דרייַ טיילן (דער ערשטער טייל — די שטיל-אָקעאנישע מילכאָמע, דער צווייטער — די מילכאָמע אפן ווייַטמיזרעכדיקן קאָנטינענט, און דער דריטער — די אלגעמיינע מאָביליזאציע פון יאפּאָניע), מיט אן ארייַנפיר אונטערן טיטל „יאפּאָניע דארף פארטיידיקן דעם

װײַטנ מיזרעכ". כיראטא מערקט ניט אָנ אינ זײַנ בוכ דעמ קעגנזײַטיקנ סיידער „פונ די געשעעניש", אָבער ער שטרײַכט ניט אײנ מאָל אונטער, אַז די מאנדזשוריער אָפעראציעס פונ דער יאפּאָנישער ארמײ זײַנעג א סטראטעגישע צוגרייטונג צו א מילכאָמע קעגנ דעמ ראטנפארבאנד.

איבערלאָזנדיק אָנ באזונדערע קאָמענטאריעס דעמ אײגנארטיקנ מעטאָד פונ אונטערכעזשבענענ די קויכעס, װאָס כיראטא װענדט אָנ, װעלנ מיר װײַטער ברענגענ א געקירצטע איבערזעצונג פונעמ צװײטנ טײל בוכ „װיאזוי מיר װעלנ מילכאָמע האלטנ".

די מילכאָמע אפנ װײטנ מיזרעכ

װאָס שטעלט מיט זיכ פאָר די װײַטמיזרעכדיקע רויטע ארמײ

דער אװאנגארד פונ דער רויטער ארמײ אפנ װײַטנ מיזרעכ איז די אָ ק ד װ א (באזונדערע רויטפאָניקע װײַטמיזרעכדיקע ארמײ). פונקט אזוי װי די אזיאטישע עסקאדרע פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע, איז אויכ די דאָזיקע ארמײ װײַט ניט קײנ שװאכע.*

אירע קויכעס באשטײענ, װי ס'איז געװענ פובליקירט אינ אויסלאנד, פונ פינפ אינפאנטעריע־דיװיזיעס אונ צװײ קאװאלעריסטישע בריגאדעס.

איכ װײס ניט, ס'קענ זײַנ, אז אײניקע האלטנ, אז פינפ דיװיזיעס זײַנענ ניט קײנ באדײַטנדיקע קויכעס, אָבער װאָס זשע איז פאראנ צו היטנ אינ סיביר, װו ארומ אונ ארומ זײַנענ בלויז פאראנ אומענדלעכע ניט גערירטע װעלדער?

דער באציִרק, װאָס די אָ ק ד װ א היט אָפּ, דאָס איז די טראנסבײַקאלער געגנט, די אמורער געגנט אונ די פרימאָריער געגנט. די דאָזיקע דרײַ געגנטנ רינגלענ ארומ, װי מיט א דוהע, די גרענעצנ פונ מאנדזשוגאָ פונ מיזרעכ צו צאָפנ. אפ צאָפנ ציִענ זיכ טויזנטער מײַל שטרעקעס, װעלכע שפארנ אָנ אינעמ אײַז פונעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאנ. די באפעלקערונג באטרעפט דאָ אינגאנצנ אײנ מיליאָנ 800 טויזנט מאנ.

אפ אָפּצוהיטנ א מיליאָנ מיט 800 טויזנט מאנ זײַנענ פינפ דיװיזיעס צו פיל. בא אונדז איז אפ אָפּצוהיטנ כאָקײדאָ, װו די באפעלקערונג באטרעפט בא 3 מיליאָנ מאנ, אינגאנצנ פאראנ אײנ אסאכיגאװער דיװיזיע.**

---

* װעגנ דער אזיאטישער עסקאדרע פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע אונ װעגנ די יאמ־אָפּעראציעס רעדט כיראטא אינעמ ערשטנ טײל בוכ.

** אָפּהאלטנדיק זיכ פונ אָפּשאצנ דעמ אײגנארטיקנ מעטאָד פונ אונטערכעזשבענענ די קויכעס, װילנ מיר דערמאָנענ, אז פינפ יאפּאָנישע דיװיזיעס „באשיצנ אינ מאנדזשוריע דאָס לעבנ אונ פארמעגנ" פונ 200—250 טויזנט יאפּאָנישע רעזידענטנ. ר ע ד.

אָבער פאקטיש זײַנענ, ווײַזט אויס, פאראנ ניט קיינ פינפ דיוויזיעס, באָר בא 8 אינפאנטעריע־דיוויזיעס און בא א פיר קאוואלעריסטישע בריגאדעס.

די רויטע ארמיי האלט זיכ באַם פרינציפ פונ העכסטער קאָנספיראציע און באהאלט די דיסלאָקאציע פונ אירע טיילנ. לויט מײַנ מיינונג, אפ וויפל מיר האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פארגלײַכנ די אָנגעוויזענע ציפערנ מיט פארשיידנארטיקע אָנגאבנ, איז אָבער א צווייפל, צי זיי שיידנ זיכ באדייטנד אונטער פונ דערווירקלעכקײַט.

ווי נאָר עס ווערט אָפגעגעבנ א באפעל איבער דער סיבירער אײַזנבאנ, וועלנ דרינגענד אריבערגעפירט ווערנ דרײַ דיוויזיעס פונעם מײַרעוו־סיבירישנ קרײַז און פינפ דיוויזיעס פונעם בײַוואָלגער קרײַז. גלײַכ נאָכדעמ וועלנ צענ מאָסקווער דיוויזיעס אויכ אריבערגעוואָרפנ ווערנ איבערנ אוראל.

אינעמ שטאב פונ דער רויטער ארמיי איז מענ איבערצײַגט, אז „אינעמ פאל פונ א מילכאָמע וועלנ מיר ווייניקער ווי אינ א יאָר אריבערפירנ אפנ וויַיטנ מיזרעכ מער פונ א מיליאָניקער ארמיי".

אינ העסקעמ מיטנ דאָזיקנ פלאנ ווערט די סיבירער אײַזנבאנ רעקאָנסטרוירט אינ א צוויי־ליניישער.

די עלעקטריפיקאציע פונ די אײַזנבאנענ ווערט ביסלעכווײַז דורכגעפירט, אָבער נעמענדיק אינ אכט די מעגלעכקײַט, אז אינ מילכאָמע־צײַט וועט דער סוינע קאָנענ כאָרעוו מאכנ די עלעקטרישע סטאנציעס און די ליניעס פונ דער עלעקטראָ־לייטונג, ווערנ אינ א גרויסער צאָל פארגרייט דיזל־לאָקאָמאָטיוונ, וועלכע ארבעטנ אפ נאפט.

אזויארום וואקסט אויס אָקדווא, וואָס אירע קויכעס קענ מענ ניט אוועקמאכנ אונטערנ האנט אפילע אינ דער פרידלעכער צײַט, אינ א קאָלאָסאלער ארמיי אינ דער צײַט פונ מילכאָמע.

דער קאָמאנדיר פונ דער דאָזיקער ארמיי איז דער ערשטער העלד פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי — בליוכער. דאָס איז א מענטש, וועלכער פארמאָגט פיר אָרדענס פונ דער רויטער פאָנ, דאָס הייסט דעמ רוסישנ „גאָלדענעמ שפארבער" אָדער „אײַזערנעמ קרייצ". אויסער דעמ איז ער דער ערשטער ספעציאליסט איבער די ווײַטמיזרעכדיקע אָפעראציעס.

אינ דער צײַטונג פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי „קראסנאיא זוועזדא" ווערט געדרוקט א לאָזונג: „אינ דער איצטיקער צײַט זײַנענ די כמארעס, וואָס פארהילנ די וועלט, גרויזאמע ווי קיינמאָל ניט! יאפאָניע וואָרפט אנ אויג אפ סיביר. אָבער אונדזער ווײַטמיזרעכדיקע רויטע ארמיי קאָנ ארויסטרעטנ אינ יעדער מינוט. מיר פארמאָגנ אויכ א שטארקע אוויאציע און אינ דער כימישער שלאכט וועלנ מיר דעמ סוינע ווײַזנ וואָס מיר קענענ".

דעם מאָראַלישנ צושטאנד פונ דער ווײַסמיזרעכדיקער ארמיי קענ מענ זיכ לײַכט פאָרשטעלנ. איבער גאנצ רוסלאנד קלינגט דער נאָמענ: „ווײַסמיזרעכדיקע שלאַכט־ארמיי“.

בליוכערס אידיי פונ אנ אײַזערנער ארמיי באגעגנט אומעטום גרויס אופמערקזאמקײַט. אינ כינע האָט בײַ־צינ־קײַ אָנגערופנ די 19־טע ארמיי „אײַזערנע“. אזויארום איז די ווײַסמיזרעכדיקע ארמיי א מינ רוסישע 19־טע ארמיי, אָבער די צאָפנדיקע אײַזערנע ארמיי איז א סאכ א שטארקערער קעגנער, איידער די דאָרעמדיקע אײַזערנע ארמיי.

איז לאָמיר אזויארום ווארפנ א בליק אפנ לאגער פונ דער ארבעטער־פויערישער רויטער ארמיי.

די ווײַסמיזרעכדיקע רויטע ארמיי איז צעטיילט לויט דרײַ ריכטונגענ.

די ערשטע — די מיזרעכדיקע פרימאָריער געגנט, דער באסיינ אוסורי.

די צווייטע — די צאָפנדיקע אמורער געגנט, בלאגאָוועשטשענסקער ראיאָנ.

די דריטע — צו צאָפנ־מײַרעוו פונ מאנדזשוריע, די טראנסבײַקאלער געגנט, מיטנ צענטער אינ טשיטא.

מיר וועלנ אָנהייבנ אונדזער איבערזיכט פונ דער פרימאָריער געגנט. דאָ זײַנענ קאָנצענטרירט באדײַטנדיקע קויכעס, אפילע לויט די אָנגאבנ, וועלכע זײַנענ פובליקירט אינ דער אויסלענדישער פרעסע.

וולאדיוואָסטאָק ווערט אָנגערופנ „דער צווייטער פאָרט־ארטור“ אונ, הא‌גאמ זײַנע פעסטונגענ זײַנענ פונ אנ אלטנ טיפ, קענ מענ זיכ צו זיי ניט באציִענ מיט ביטל. א געוויסע צײַט זײַנענ זיי געוועזנ צעשטערט, אָבער פאר די לעצטע יאָרנ האָט מענ זיי פולשטענדיק אופגעשטעלט.

די רויטע ארמיי האלט, אז אהער וועלנ די יאפּאָניער דערלאנגענ דעמ ערשטנ קלאפ. אזוי, לעמאָשל, זאָגט דער שטאב־גענעראל סורינ: „די אײַזנבאנ פונ צאָפנ־קאָרייע אונ מיזרעכ־מאנדזשוריע זײַנענ אויסגערעכנט אפ א קלאפ איבער די וולאדיוואָסטאָקער פעסטונגענ. די קאָרייִשע פאָרטנ ראסינ אונ סייִשינ קענענ שטענדיק ווערנ באזועס פארנ פלאָט...“.

די שטאָט, וואָס געפינט זיכ אפ א האלבינדזל, איז ארומגערינגלט מיט 11 פאָרטנ אינ דער שפּיצ מיטנ רוסישנ אינדזל. עס זײַנענ אויסגעבויט פיל ארטילערישע פלעצער פאר דער ברעג־שוצ.

פונ דער בוכטע „פּראָסוועט“, וואָס געפינט זיכ צו מײַרעוו צו פונ דער שטאָט, ביז גראָדעקאָווא אפ דער קאָרייִשער אונ מאנדזשורישער גרענעצ, זײַנענ אויסגעבויט האלב־צײַטווײַליקע פעסטונגענ. אינ דער קריגס־צײַט וועלנ פונ איינ פאָרט צומ צווייטנ אויסגעגראָבנ ווערנ שוצ־גראָבנס מיטנ צוועק צו פירנ א דויערנדיקע פּאָזיציאָנעלע מילכאָמע.

די אופגאבע פונ דער ספאסקער דיוויזיע איז געבנ א קלאפ אפנ מישאנ דורכ דעמ צאָפנבערג פונ דער אָזערע כאנקא אונ דאָס פארכאפּנ

די כינעזיש־מיזרעכדיקע אײַזנבאנ פונעמ דאָרעמבערג פונ דער אָזערע כאנקא דורכ פאָגראניטשנאיא.

אינ גראָדעקאָווא, וואָס געפינט זיכ ניט ווײַט פונ פאָגראניטשנאיא, שטייט א קאוואלעריסטישע בריגאדע אונ א פאָלק פונ שווערער פעלד־ארטילעריע. די דאָזיקע קאוואלעריסטישע בריגאדע, וועלכע שטאָלצירט מיט דער קונסט פונ דער נײַסטער קאוואלעריסטישער טאקטיק, דארפ צוזאמענ מיטנ אוויאָ־אָטריאד אונ טאנקנ־אָטריאד אויספילנ די פליכטנ פונעמ אוואנגארד, וואָס וועט ארײַנדרינגענ אינ מאנדזשוריע.

אינ כאבאראָווסק געפינט זיכ דער שטאב פונ דער ארמיי, דער שטאב פונעמ קאָרפוס אונ די אינפאנטערישע מיליטערשול. דאָ איז צונויפגעזאמלט דער מארכ פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער ארמיי.

אויסער דעמ, געפינענ זיכ אינ ניקאָלסק, צו דאָרעמ פונ ספאסק, טיילנ פונ אנ אומבאשטימטנ באשטאנד. ווי מע זאָגט געפינט זיכ אינ די קאזארמעס־באראקעס א גאנצע דיוויזיע.

די לופט־קויכעס פארמאָגנ 9 ארעאָדראָמענ אינ פרימאָריער געגנט אונ אינ פאל פונ א מילכאָמע וועלנ זיי פארשאפנ אונדזער ארמיי ביטערע מינוטנ.

צומ שלוס וויל איכ דערמאָנענ, אז מע דארפ ניט פארגעסנ וועגנ די טיילנ פונ געפעו, וואָס אָפערירנ אינעמ בײַגרענעצ־ראיאָנ.

אויסערדעמ זײַנענ נאָכ דאָ קאָנצענטרירט עטלעכע באטאליאָנענ אײַזנבאנ־מיליטער.

דער אומשטאנד, וואָס קעגנ די דאָזיקע גרויסע קויכעס פארמאָגנ מיר בלויז די ראנאנער דיוויזיע אונ א טייל פונ דער קוואנטונער ארמיי, פארשאפט,דוכט זיכ, א געוויסע אומרויִקייט, אָבער אינדערעמעסנ איז פארקערט, די רויטע ארמיי האָט מוירע (?! — ר ע ד.) פאר אונדזערע קליינע טיילנ אפילע.

די אמורער געגנט אונ די טראנסבײַקאלער געגנט

ווי איז די לאגע אינ דער אמורער געגנט?

דאָ, אינ בלאגאָוועשטשענסק, געפינט זיכ די צווייטע בײַאמורער דיוויזיע פונעמ 19־טנ קאָרפוס.

די דאָזיקע דיוויזיע האָט אינ דער רויטער ארמיי איר אלטע געשיכטע. לויטנ אלטנ פלאנ האָט זי געדארפט אריבערגיינ דעמ קליינעמ כינגאנ אונ, מארשירנדיק לענגויס דעמ טײַכ נאָני, אָנפאלנ אפ ציציקאר אונ כארבינ. איצט האָט אונדזער ארמיי איבערגעשניטנ דעמ דאָזיקנ וועג.

אָבער אזוי ווי אינ די גרויסע בלאגאָוועשטשענסקער קאזארמעס קאָנ מענ באזעצנ העכער צוויי דיוויזיעס, איז מעגלעכ, אז דאָ וועט פונ פאר־

פריער צונויפגעזאמלט ווערנ א באדײַטנדיקע ארמיי אונ עס וועט אונטערגענומענ ווערנ אנ אָפּעראציע אפ אריבערצוגייג דעמ טײַכ אמור.

די טראנסבײַקאלער געגנט איז די גרעסטע סטראטעגישע באזע אפנ ווײַטנ מיזרעכ. דאָ שטייט דער 18-טער קאָרפּוס.

ביזנ אָנהייב פונ די מאנדזשוריער געשעענישנ זײַנעג זײַנע קויכעס באשטאנענ פונ: דער 35־טער אירקוטסקער דיוויזיע, 36-טער טשיטער דיוויזיע אונ דער 5־טער באזונדערער דאורער קאוואלעריסטישער בריגאדע. איצט, ווײַזט אויס, איז אינעמ באשטאנד פונעמ קאָרפּוס ארײַנ אויכ די 40-טע קראסנאָיארסקער טעריטאָריעלע דיוויזיע, וואָס געפינט זיכ ווײַטער צו אפנ מײַרעוו.

אינ דאוריע זײַנענ ניטאָ קיינ דיוויזיעס פונ א שטענדיקנ גארניזאָנ, אָבער עס זײַנענ פאראנ גרויסע קאזארמעס, וועלכע גיבנ די מעגלעכקײַט צו אופזאמלענ העכער דרײַ דיוויזיעס. אויסער דעמ ווערנ פאר דער לעצטער צײַט געבויט פיל נײַע באראקעס-קאזארמעס, אזוי אז ווענ עס וועט נייטיק זײַנ, קאָנ מענ דאָ קאָנצענטרירנ גרויסע קרעפטנ.

פרילינג 1933 יאָר איז קאָנצענטרירט געווענ ניט ווייניקער פונ דרײַ אינפאנטעריע-פּאָלקנ, צוויי קאוואלעריסטישע פּאָלקנ, אנ ארטילערישער אָטריאד, א טאנקנ-אָטריאד, א פאנצערצוג-אָטריאד. אינעמ אוויאָ-אָטריאד זײַנענ געווענ אויכ שווערע באָמבע־פירער.

די דאָזיקע גרויסע מיליטערישע קרעפטנ דראָענ דער כינגאנער פּראָווינצ פונ מאנדזשוגאָ. הא׳גאמ א טייל פונ אונדזער קוואנטונער ארמיי געפינט זיכ אינ די סטעפּעס כולונ־בויר אונ צוזאמענ מיטנ מיליטער פונ די מאָנגאָלנ גיט זי אכטונג שטארק אפ דער ארבעטער-פויערשער רויטער ארמיי, אָבער שוועריקײַטנ פאר דער קאָמאנדירונג שטייענ פאָר זייער גרויסע.

א באזונדערס אומאָנגענעמענ געפיל פארשאפט אונדז נאָכ אויכ דער אומשטאנד, וואָס דער נערטשינער ארסענאל פירט זײַנ ארבעט.

אזויווי די טראנסבײַקאלער געגנט וועט שפּילנ א ראָליע פונ א וויכטיקסטער גרענעצ זונ, אזוי ווי אינ די שלאכטנ אינ כינגאנער ריכטונג, וועט זי אנטשיידנ דעמ אויסגאנג פונ דער מילכאָמע, דארפ מענ דעריבער, לעזער, אָפּגעבנ געהעריג אופמערקזאמקײַט דעמ דאָזיקנ ראיאָנ.

אויב עס וועט אויסגענוצט ווערנ די אויסערלעכע מאָנגאָליע

באמ אויספאָרשנ די סטראטעגישע לאגע פונ דער רויטער ארמיי טאָר מענ ניט פארגעסנ אויכ וועגנ דער אויסערלעכער מאָנגאָליע.

די אויסערלעכע מאָנגאָליע איז א כינעזישע טעריטאָריע, אָבער כינע איז שוינ פונ לאנגע צײַטנ א ניט־געניטער פּאָליטיקער אונ אינ איצטיקנ

מאָמענט פארמאָגט זי בלויז די נאָמינאלע רעכט אפ דעמ דאָזיקנ קאנט.

אויב אינ מאָמענט פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער מילכאָמע וועט די רויטע ארמיי פארמאָגנ אלס באזע אולאנ־באטאָר, וועט זי דורכ דעמ אווטאָמאָביל־טראקט אפ אודע קענענ ארײַנדרינגענ אינ די ראיאָנענ טשאכאר אונ זשעכע. אינעמ דאָזיקנ פאל קענ זי דערלאנגענ א קלאפ אונדזער ארמיי פונעמ הינטערלאנד (דערבײַ וועלנ אויכ די טיילנ פונ דער רויטער ארמיי אפשוואכנ זייערע קויכעס, צוליב צעשפליטערונג).

אויסערדעמ איז פאראנ א מעגלעכקײַט פונ דער דאָרעמדיקער ריכטונג צו דערלאנגענ א קלאפ אונדזערע צוויי גרעסטע באזעס: מאנדזשוריע אונ כיילאָר דורכנ טראקט, וואָט גייט לענגויס דעמ טײַכ קערולענ אונ וואָס ווערט אָנגערופנ „דער גרויסער מיזרעכדיקער וועג".

פונעמ סטראטעגישנ שטאנדפונקט איז די אויסערלעכע מאָנגאָליע א שטארק וויכטיקער באצירק.

איכ בינ דערשטוינט, פארוואָס מאנדזשוגאָ לאָדט נית איינ די אָרטיקע מאָנגאָלנ אלס מיטגלידער פונ דער נײַער מעלוכע?

מאנדזשוגאָ איז, ווי עס ווערט אבסאָליוט קלאָר אָנגעוויזנ אינ דער „דעקלאראציע וועגנ אָרגאניזירנ די מעלוכע", דאָס פאָטערלאנד פונ פינפ ווײַטמיזרעכדיקע פעלקער: כינעזער, מאנדזשוריער, מאָנגאָלנ, יאפאָניער אונ קאָרייער. כינע — דאָס איז א באזונדערע פראגע, אָבער די אויסערלעכע מאָנגאָליע אונ טשאכאר דארפנ אומ יעדנ פרײַז אײַנגעשלאָסנ ווערנ אינעמ באשטאנד פונ דער נײַער מעלוכע.

די נית־פאָרזיכטיקע אײַנשטעלונג: „מאָנגאָלנ פונ כינגאנער פראָווינצ אונ זשעכע, גייט צו אונדז! פאָלק פונ דער אויסערלעכער מאָנגאָליע, טו ווי דו פארשטייסט!" — איז ווערט צו באדויערנ פאר די אָנהענגער פונעמ „אימפערישנ וועג".

מאנדזשוגאָ, קעדיי זי זאָל ווערנ „דער אייביקער קוואל פונ ליכט פאר מיזרעכ־אזיע", ווי עס איז געזאָגט געוואָרנ אינ איר „דעקלאראציע וועגנ אָרגאניזירנ די מעלוכע", דארפ אײַנשליסנ אינ איר באשטאנד די אויסערלעכע מאָנגאָליע, ווי רוסלאנד זאָל זיכ נית ווידערשטעלנ קעגנ דעמ.

איכ קענ נית נית טפילע טאָנ (נית בלויז פונ סטראטעגישע מאָטיוונ, נאָר אויכ פונ שטאנדפונקט פונ צוועקמעסיקײַט) וועגנ דעמ, אז די אויסערלעכע מאָנגאָליע זאָל וואָס גיכער פארייניקט ווערנ צו מאנדזשוגאָ.

סאכאלינ אונ קאמטשאטקע

לויט דעמ פאָרטסמוטער אָפמאכ פונ 1905 יאָר דארפנ נית רוסלאנד, נית יאפאָניע נית בויענ קיינע פעסטונגענ אפ סאכאלינ. דעריבער האלט דאָ נית אונדזער לאנד קיינ איינ סאָלדאט.

ניט געקוקט דערויף, האָט רוסלאַנד אַרויסגעשיקט מיליטער אינעם ראיאָנ פונ די נאַפט-געווערבנ אונ אויפ די בײַגרענעצ-באַצירקנ, וועלכע דראָענ אונדזער דאָרעמ־סאַכאַלינ. אַנ אַקט אַבסאָליוט אַנ אומגעזועצלעכער!

פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער קעגנלופט־פאַרטיידיקונג פונ אונדזער לאַנד קאָנ מענ ניט פאַרשווײַגנ דעמ אומשטאַנד, וואָס פונ כאַבאַראָווסק איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ אַ לופט-ליניע דורכ פרימאָרער געגנט אויפ אַלעקסאַנ-דראָווסק. די רייסנ מאַכנ די אַעראָפּלאַנענ „אַנט".

אויפנ עקסטנ צאָפנ-האַלבינדזל — קאַמטשאַטקע — ווערט די וואַך געטראָגנ פונעמ מיליטער פונ אָגעפּעו אונ פונעמ פלאָט. זומער, ווענ עס קומט פאָר די פישפאַנגערײַ אינ די צאָפנדיקע וואַסערנ, באַטרעפנ די דאָזיקע קויכעס אַ בריגאַדע, אונ ווינטער, ווענ דאָס אָרט איז פאַרהאַמעוועט אינ אײַז אונ אינ שניי, בלײַבנ דאָ בלויז איבער קליינע טיילנ, אָבער די וואַך אונטערנ קלוטשעווער בארג ווערט געפירט קעסיידער.

אונדזערע פישפאַנג־שיפנ פונ די צאָפנדיקע יאַמענ לײַדנ שטענדיק פונ די באַלגײַוועס, וואָס זײַנענ געקליידט אינ גרויע שינעלנ.

אונדזער פלאָט שיקט אַרויס פונ פרילינג ביז האַרבסט אויפ צו באַוואַכנ דעמ פישפאַנג אַנ אָטריאַד עסמינצעס, אָבער אַזויווי רוסלאַנד דערלויבט ניט אַרויסצוזעצנ אויפנ ברעג די מאַטראָסנ, זײַנענ זיי געצוווּנגענ די גאַנצע צײַט אויפהאַלטנ זיכ אויפ אַ מעהאַלעכ פונ העכער דרײַ מײַל פונעמ ברעג. אונ גרויס איז פאַר די מאַטראָסנ די שוועריקײַטנ צו קעמפנ מיט די שטורמישע כוואַליעס פונ בערינגער אונ אָכאָטסקער יאַמענ.

דער ווײַטמיזרעכדיקער פלאָט איז פאַר אונדז ניט קיינ קעגנער

אויבנ האָבנ מיר אינ אַלגעמיינע שטריכנ באַטראַכט די רייענ פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער אַרמיי. בלײַבט איבער דער פלאָט. אָבער דער דאָזיקער פלאָט שטייט נידעריקער אַפילע פאַרנ כינעזישנ פלאָט. עס איז פאַראַנ אינגאַנצנ דרײַ קאַנאָנענ-שיפלעכ פונ אַלטנ טיפ אונ איינ מינענ־שיפ פונ אַ נעבעכדיקנ אויסזענ, אינ פאַרגלײַכ מיט דער מעכטיקײַט פונ די וולאַדי-וואָסטאָקער פעסטונגענ.

זאָלנ זיי נאָר אַ פרווו טאָנ אָנפאַלנ אויפ אונדזער פלאָט אונ קיינ זייכער ווערט פונ זיי ניט איבערבלײַבנ.

די שיפנ, וועלכע שטייענ אינ וולאַדיוואָסטאָק, קאָנענ בלויז אַרויסגייִנ אינ ברעג-ראיאָנ פונ צאָפנ-קאָרייע אונ ניט אָנטאָנ קיינ באַזונדערנ שאָדנ. די אַמורער פלאָטיליע, פאַרקערט, פאַרדינט אונדזער אויפמערקזאַמקײַט. זי איז באַדײַטנד גרעסער פונ דער טײַכ-פלאָטיליע פונ מאַנדזשוגאָ.

פיר געפאַנצערטע קאַנאָנענ-שיפלעכ, בעראָש מיט „לענינ", האָבנ פיר

צוועלפ-סאנטימעטערדיקע הארמאטנ אונ זײַנענ גענוג מעכטיק קעגנ דער פעלד-ארטילעריע.

אויסער דעמ גייענ ארײַנ אינ באשטאנד פונ דער פלאָטיליע דרײַ קאנאָנענ-שיפלעכ, 8 קאטערס אונ איינ אוויאָ-טרעגער, וועלכער איז איבער-געניצעוועט פונ א קליינעמ קאנאָנענ-שיפ.

אפ דער אָזערע כאנקאָ איז אויכ פאראנ איינ קליינ קאנאָנענ-שיפ פונ טיפ „פוסימי".

דער גרעסטער טייל פונ דער אמורער פלאָטיליע איז בעקויעכ מיטנ אָנקומ פונ פרילינג, ווענ דער ניוואָ פונעמ וואסער הייבט זיכ אופ, ארויס-צוגיינ אינ די לעפצנ פונ סונגארי.

וויאזוי קענ פירנ דעמ קאמפ מיט זיי אונדזער יאמ-אָפטייל, וואָס געפינט זיכ אינ מאנדזשוריע אונ וואָס באשטייט פונ פינפ אלטע קאנאָנענ-שיפלעכ אונ פונ עטלעכע קאטערס בעראָש מיט „דאמונ" אונ „לימינ"?*

די שלאכטנ אינ פרימאָריער ריכטונג. דער קאמפ פאר די וולאדיוואָסטאָקער פעסטונגענ

פונעמ באטראכטנ די דיסלאָקאציע פונ דער ווײַטמיזרעכדיקער ארמיי איז צו זענ, אז די דאָזיקע ארמיי כאפט ארומ אונדזער שוצ-ליניע אינ מאנדזשוריע.

דעריבער וועט אינ פאל פונ א ווײַטמיזרעכדיקער מילכאָמע די רויטע ארמיי פירנ די מילכאָמע לויט די אויסערלעכע אָפעריר-ליניעס אונ די יאפאָנישע ארמיי — לויט די אינערלעכע.

די ערשטע צוזאמענשטויס-פונקטנ פונביידע ארמייענ וועלנ זײַנ: ערשטנס, די ריכטונג פאָגראניטשנאיא—וולאדיוואָסטאָק, צווייטנס, די בלאגאָ-וועשטשענסקער ריכטונג אונ, דריטנס, די ריכטונג מאנדזשוריע—דאוריע.

לאָמיר באטראכטנ פריער פאר אלצ דעמ קאמפ פאר די וולאדיוואָס-טאָקער פעסטונגענ. דערלאָזנ דאָ א פעלער איז ניט דערלאָזבאר. יאפאָניע מוז זיכ האלטנ באמ געדאנק אונ טאָר אפ א מינוט ניט אָפטרעטנ פונעמ דאָזיקנ געדאנק וועגנ פארכאפנ די איניציאטיוו אינ אָנגריפ אפ די דאָזיקע פעסטונגענ. איכ וויל, אז איר זאָלט באטראכטנ, וואָס וועט פאסירנ, אויב די סאָוועטנ וועלנ צו אונדזער אומגליק אָנהייבנ א מילכאָמע.

עס זײַנענ פאראנ דרײַ וועגנ פונ אָנגריפ קעגנ די דאָזיקע פעסטונגענ.

---

* דאָ ווײַזט ארויס כיראטא „באשיידנקײַט": „דאמונ" אונ „לימינ" צוזאמענ מיט די איבעריקע קאנאָנענ-שיפלעכ זײַנענ אראָפגעלאָזנ געוואָרנ אינ וואסער אינ 1933 יאָר. וועגנ דעמ דערציילנ די צײַטונגענ, צומביישפיל, „מאנדזשורי דיילי ניוס".

דער ערשטער וועג — פונ פּאַגראַניטשנאַיאַ אפ ניקאָלסק אונ אינ הינטערלאַנד פונ די פעסטונגענ. דער דאָזיקער וועג איז דער סאַמע שווערער, א וועג פונ דורכרײַסנ עטלעכע שוץ-ליניעס פונ דער רויטער ארמיי.

דער צווייטער וועג — פונ קאָרייע אריבערגיינ איבערנ טײַכ טאָמאַני, נעבנ יאָרסקער ברעג. וועגנ דער דאָזיקער ריכטונג איז אויכ פאַראַנ א געפאַר צו באַגעגענענ אפנ וועג דעמ סוינעס פּאָזיציעס. א באַזונדערס אומאָנגענעמער פּאַרטניאָר פאַר דער אָנגרייפנדיקער ארמיי וועט זײַנ די אוויאָ-באַזע פּאָסיעט.

דער לעצטער וועג — אָרגאַניזירנ אונ אָפּערירנ מיט א דעסאַנט אינ ברעג, צו מיזרעכ פונ די פעסטונגענ, אונ היטנ די טראַנספּאָרטנ מיצאַד דעמ פלאָט.

ווײַזט אויס, אז דער מאַרש וועט אָנגעהויבנ ווערנ גלײַכצײַטיק אינ דרײַ ריכטונגענ, אָבער יעדע פונ זיי, דוכט זיכ, וועט האָבנ אירע שוועריקײַטנ. ווי עס זאָל ניט זײַנ, פאַרמאָגט דער סוינע אוויאַציע. עס וואָלט געווענ געפערלעכ ניט אָנצוהייבנ דעמ קאַמפ פריִער פאַר אַלצ קעגנ דער אוויאַציע.

אינ דער ערשטער ריי איז נייטיק צו באָמבאַרדירנ אונ אומברענגענ די ספּאַסקער לענינשע אוויאָ-בריגאַדע, ווײַל די ארויסטרעטונג פונ א שטאַרקער בריגאַדע, וואָס באַשטייט פונ 150 אעראָפּלאַנענ, וועט ברענגענ אונדזער ארמיי שטאַרקע פאַרלוסטנ, אונ ניט בלויז אינ פראָנט-טייל, נאָר אויכ אינ די ערטער, ווו עס ווערנ דיסלאָצירט די טיילנ אינ קאָרייע אונ אינ גירינער פּראָווינצ.

ס'איז מעגלעכ, אז דרייסטע לײַט וועלנ אונטערנעמענ אויכ א נאַכט-אַטאַקע אפ כאַרבינ אונ טשאַנטשונ.

דעריבער דאַרפ אויכ אונדזער ארמיי ארויסרוקנ אוויאָ-באַזעס אינ די ראַיאָנענ פונ צאָפנ-קאָרייע, קאַנטאָ, גירינ אונ מודאַנצזיאַנ, צונויפזאַמלענ קרעפטנ, וואָס זאָלנ ניט זײַנ קלענער פונ דער לענינשער בריגאַדע, אונ ארײַנטרעטנ אינ אַנ אַנטשלאָסענעמ קאַמפ קעגנ דעמ סוינעס אוויאַציע.

אָבער דער סוינע פאַרמאָגט נאָענט פונעמ גרענעצ זעניט-אַרטיאַדנ אונ זײַנע אויכשפּיר-אעראָפּלאַנענ פירנ דורכ קעסיידער אויכשפּירונגענ. אָט פאַרוואָס דער אָנפאַל פונ אונדזער אוויאַציע אפ ספּאַסק וועט ניט דורכגיינ אזוי גרינג, ווי דאָס באָמבאַרדירנ כאַנ-דזשאָו בײַס די שאַנכײַער שלאַכטנ.

אונ אָט, איבער די געדיכטע וועלדער, אינ דער לופט, איבער דער אָזערע כאַנקאָ וועט זיכ פאַנאַנדערפלאַקערנ א ניט-געזעענע אפנ ווײַטנ מיזרעכ לופט-שלאַכט. עס פאַרכאַפּט דער אָטעמ, ווענ דו שטעלסט זיכ פאָר דאָס בילד, ווי די רויטע אעראָפּלאַנע פונ קאַלינינס טיפּ וועלנ פאַלנ, ארומגענומענ פונ א פלאַקער, אינ דער אָזערע ארײַנ, וויאַזוי אונדזערע פאַרניכטער 91 וועלנ, גיכ זיכ ארונטערלאָזנדיק, אָנהייבנ פאַרניכטנ דעמ

סוינע, וואָס באהאלט זיכ אינ די וועלדער. אָבער באשליסנ די פראגע, ווער עס וועט זיגנ אינ דער דאָזיקער לופט־שלאכט איז ניט אזוי גרינג.*

אָנ שומ צווייפל איז בלויז איינס, אז אונדזער אוויִאציע מוז אומ־ברענגענ די לענינשע אוויִאָ־בריגאדע, אויב אפילע איר וועט אויסקומענ צו פארלירנ אלע אירע עראָפּלאנענ.

דער לענינשער אעראָדראָמ איז זייער א וויכטיקער פונקט פאר דער פרימאָריער רויטער ארמיי.

דער ציל פונ אונדזער אוויִאציע: ערשטנס — די לענינשע בריגאדע, אונ, צווייטנס — ווידער די לענינשע בריגאדע. עס וועט ניט זײַנ קיינ באזונדערס גרויסע גוזמע צו זאָגנ, אז די פראגע וועגנ דעמ אויסגאנג פונ דער ווײַט־מיזרעכדיקער מילכאָמע ווענדט זיכ פונעמ דורכפאַל אָדער אומדערפאָלג אינ פולנ אומברענגענ די דאָזיקע בריגאדע, פונקט אזוי ווי די פראגע פונ אויסגאנג פונ דער שטילאָקעאנישער מילכאָמע ווענדט זיכ פינ דעמ, צי וועט צעקלאפּט ווערנ די אויסשפּיר־עסקאדרע פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע.

די אָפּיצערנ פונ דער רויטער אוויִאציע (עמעס, ניט אינ דער זעלבי־קער מאָס ווי דער איטאליענישער גענעראל־מאיאָר באלבאָ) טראכטנ צו פירנ א ווויסנשאפטלעכ-פאנאנדערגעארבעטנ אָנפאל. דעריבער איז, אויב אונד־זער אוויִאציע וועט זיכ פארהאלטנ אונ וועט פארשפּעטיקנ מיטנ לופט־אָנ־פאל אפ ספּאסק, איז מעגלעכ, אז די באָמבע־פירער „אנט" וועלנ ארי־בערפליִענ איבער די וואסערנ פונ יאפּאָנישנ יאמ אונ וועלנ אונטערנעמענ אנ אטאקע קעגנ דער באזע מיידזורו אונ קעגנ די נאפט־פעלדער פונ ני־איגאטישנ ראיאָנ. איכ ווייס ניט, ס'קענ זײַנ, אז זיי קלײַבנ זיכ, אפילע בא דערפאלגרײַכע באדינגונגענ, דורכצוורײַסנ די קייט פונ די יאפּאָנישע אלפּנ אונ אטאקירנ טאָקיאָ. אָבער באזונדערס געפערלעכ, אינ היגזיכט פונ א נאכט־אָנפאל מיצאד זייער אוויִאציע, זײַנענ די ראיאָנענ אָסאקא-קאָבע, אונ דאָ טאָר מענ ניט אָפּשוואכנ די וואכ.

ארויסגייענדיק דערפונ, קומענ מיר צומ באשלוס, אז מע וועט זיכ מוזנ אונטערטײַלנ מיטנ צעגראָמירנ די לענינשע אוויִאָ-בריגאדע.

לאָמיר דערלאָזנ, אז די גרעסטע העלפט אירע איז אומגעבראכט. נאָכ־דעמ וועט די רויטע ארמיי ניט אויסהאלטנ דעמ גיכנ דראנג פונ אונדזער אוויִאציע, וואָס האָט פארכאפּט די הערשאפט אינ דער לופט, אונ וועט

---

* עס איז אינטערעסאנט צו דערמאָנענ, אז אינ סענטיאבער 1932 האָט כיראטא אינ זײַנ ארטיקל „די אָפּעראציעס פונ דער ארבעטער־פויערישער רויטער ארמיי אפנ ווײַטנ מיזרעכ" געשריבנ: „...דער כיסאָרנ פונ דער רויטער ארמיי ליגט סאַמקאָלסאָפּ אינ אירע לופט־קויכעס...". אונ אינ א צווייטנ ווערק האָט ער געהערדט וועגנ א לופט־שלאכט: „...די יאפּאָנישע שפּארבערס וועלנ דערהארגענענ די רוסישע טויבנ...".
ר ע ד.

ביסלעכווײַז אָנהייבנ אָפּטרעטנ. ענדלעכ, וועט אויכ וולאַדיוואָסטאָקער פעסטונג, ארומגערינגלט פונ אלע זײַטנ, זיכ געפינענ אינ דער לאגע פונ א מויז אינ זאק, ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק האָט פּאסירט מיט פּאָרט-ארטור.

פאַרענדיקנדיק די ארומרינגלונג, וועט, פארשטייט זיכ, אונדזער ארמיי אריבערגיינ צו באלאגערונג. די באָמבע-פלירער, די שווערע ארטילעריע מיט די סאפּיאָרנ וועלנ באווײַזנ זייער קויעכ, אונ פונעמ יאמ וועט אונדזער פלאָט אָנהייבנ באשיסנ פונ זײַנ ארטילעריע די פּאָרטנ פונ רוסישנ אינדזל אונ וועט פונ די אוויִאָ-טרעגער ארויסשיקנ אעראָפּלאנענ, קעדיי צו דערלאנגענ דעמ לעצטנ קלאַפּ.

רוסלאנד האָט זייער שטארק מוירע פאר באשיסונג מיצאד דער שווערער ארטילעריע פונ אונדזער „מוצו" אָדער „יאמאסיראָ". עס פארשטייט זיכ, אונדזער פלאָט וועט ניט שיקנ אלע זײַנע ליניִישע קויכעס, וועלכע זײַנענ באשטימט פאר דער אנטשיידענער יאמ-שלאכט, אינ דער אָפּעראציע קעגנ די ברעג-פעסטונגענ, נאָר מיטנ ציל מאָראליש אויפצווירקנ אפנ סוינע וועט מעגלעכ זײַנ צו שיקנ איינע אָדער צוויי פונ די גרויסע שיפנ.

אזויארומ, צי וועט וולאַדיוואָסטאָק פאלנ איצט, צי וועט ער פאלנ אינ א וואָכ ארומ, אָדער ער וועט זיכ האלטנ א כוידעש, אָדער בא א יאָר, ווי פּאָרט-ארטור? די דאָזיקע פראגע קענ ניט געלייזט ווערנ ביז עס וועלנ ניט אָנקומענ די געשעענישנ, אָבער עס דוכט זיכ, אז די באלאגערונג וועט זיכ ניט פארציִענ זייער לאנג. די אוויִאציע פונ דער רויטער ארמיי וועט זיכ לאנג ניט קענענ פארטיידיקנ.

דער סוינע וועט אונדז נאָכ פארשאפנ פארלוסטנ פונ דער שווערער ארטילעריע, אָבער דאָס פאלנ פונ וולאַדיוואָסטאָק וועט שוינ זײַנ אומפארמײַדלעכ. דער סאָפ פונ פארטיידיקנ די דאָזיקע פעסטונג וועט זײַנ, — אָדער אנ ארויסגעוואָרפענע ווײַסע פאָנ, ווי דאָס האָט פּאסירט אינ פּאָרט-ארטור, אָדער א ביטערע האנט-שלאכט פונ דער אינפאנטעריע אינ קעגנגאזנ, אָדער (אונ דאָס וועט זײַנ א קאָוועד פאר דער רויטער ארמיי) וולאַדיוואָסטאָק וועט פארנומענ ווערנ נאָכנ פולשטענדיקנ פארניכטנ זײַנ גארניזאָנ.

די פארטיזאנישע מילכאָמע

וואָס פאר א קויכעס פארמאָגט דער וולאַדיוואָסטאָקער גארניזאָנ? איכ רעכנ, עפּשער וועט אימ פארטיידיקנ סאכאקל איינ דיוויזיע. אינדערעמעסנ, אינ רוסישנ גענשטאב האלט מענ, ווײַזט אויס, אז „וויבאלד וולאַדיוואָסטאָקער פעסטונג וועט ארומגערינגלט ווערנ פונעמ סוינע, לוינט בעסער ניט פאר די טיילנ ארײַנצוטרעטנ אינ דער פעסטונג, ס'לוינט מער אוועקגיינ מיטנ אײַזנבאנ אפ בלאגאָוועשטשענסק". אונ בלויז איינ געבלי-

בענע דיוויזיע וועט פארשווערן די אָפעראציעס פונ אונדזער מיליטער אינ די בארגיקע אונ וואלדיקע ערטער, וועט אָפטרעטנ אינ פעסטונג, ווו זי וועט זיכ סטארענ האלטנ וואָס לענגער. אָפציִענדיק אזויארום אינ דער דאָזיקער ריכטונג באדייטנדיקע קויכעס פונ דער יאפאָנישער ארמיי, רעכנט דער שטאב פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי פאר דער דאָזיקער צייט צונויפציִענ א גרויסע ארמיי אפנ דאָרעמ, אינ טראנסבייקאל.

אָבער די פרימאָריער געגנט איז אָרעמ סיי מיט דערנערונג אונ סיי מיט זאכנ פונ מיליטערישער אמוניציע. אונ דעריבער, אז עס וועט צעריסנ ווערנ די פארבינדונג מיטנ צענטער פונעמ לאנד, וועט א גרויסע ארמיי פונ 50 טויזנט אָדער 100 טויזנט מאנ דאָ ניט קענענ פירנ קיינ לאנגדויערנדיקע מילכאָמע.

עט איז דעריבער מעגלעכ, אז די ספאסקער אונ ניקאָלסקער טיילנ וועלנ פארלאָזנ די פעסטונג אונ וועלנ אָנהייבנ צוריקטרעטנ אפנ צאָפנ. צווישנ די טוער פונ דער ארבעטער-פויערשער רויטער ארמיי האלטנ אייניקע אזוי: „זאָל די יאפאָנישע ארמיי פארכאפנ די אוסורישע אייזנבאנ. דעמלט וועלנ מיר אָנהייבנ א פארטיזאנישע מילכאָמע, מיר וועלנ אָנהייבנ ארונטערלאָזנ בארג־ארונטער מיליטער־עשאלאָנענ, מיר וועלנ מאכנ אָנפאלנ אפ די עטאפנ אונ אָבאָזנ“.

די פארטיזאנישע מילכאָמע — איז א מילכאָמע, וואָס ווערט געפירט פונ סאָלדאטנ, איבערגעטאָנענע אינ ציווילע קליידער. אונ די טיילנ פונעמ קעגנער, קעגנ וועמענ עס ווערט געפירט אזא מינ מילכאָמע, וועלנ זיכ געפינענ אינ א שווערער לאגע.

אָבער אויכ אונדזער ארמיי איז צייט דער סיבירער עקספעדיציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ מיט 15 יאָר צוריק, באקאַנט מיט דעמ דאָזיקנ מעטאָד פונ מילכאָמע, אונ פאר די לעצטע יאָרנ האָט זי שוינ עטלעכע הונדערט מאָל געפירט שטראָף־אָפעראציעס אינ מאנדזשוריע. ניט שוינ־זשע וועט זי דערלויבנ אויסצוניצנ איר ניט־גענוגנדיקע וואכזאמקייט? איכ רעכנ, אז די שלאכט־קראפט פונ דער פארטיזאנישער באוועגונג וועט זיכ ניט באדייטנד אויסצייכענענ פונ דער קראפט פונ די מאנדזשורישע באנדיטנ. דער אנאליז פונעמ מעטאָד פונ פירנ מילכאָמע מיצאד דער כינעזישער רויטער ארמיי, ווענ קליינע טיילנ דאָ באווייזנ זיי זיכ אומבאמערקט, דאָ פארשווינדנ זיי אונ באומרויִקנ דעמ שטראָף־מיליטער, ברענגט אונדז צומ אויספיר, אז מיר דארפנ זיכ נאָכ מערער צוגעווינענ צו דעמ דאָזיקנ מינ אָפעראציעס.

די שטראָף־אָפעראציעס קעגנ די פארטיזאנער וועלנ, ווייזט אויס, געפירט ווערנ ניט בלויז פונ דער רעגולערער ארמיי, מיר וועלנ קענענ קעגנשטעלנ די פארטיזאנער אויכ באוואָפנטע קאָלאָניסטנ אונ פרייוויליקע אָטריאדנ.

אין די שאנכײַער שלאַכטן האָבן אונדזערע פּריװויליקע אָטריאַדן אױך נאָכגעיאָגט די איבערגעטאָנענע כינעזישע סאָלדאַטן, און די כינעזער, װאָס האָבן אָנגערופן די דאָזיקע אָטריאַדן אונדזערע „יאַפּאַנישע פּאַרטיזאַנער פון די גרױסע שװערדן", האָבן פאַר זײ שטאַרק מוירע געהאַט.

אין דער עפּאָכע פון די פעאָדאַלע מילכאָמעס פון יאַפּאַניע פלעגן אין הינטערלאַנד, הינטער די הױפּט-קרעפטן אַלעמאָל נאָכגײן „די װילדע סאַ- מורייער". די פּאַרטיזאַנער און פּריװוילִיקע — דאָס זײַנען די הײַנטצײַטיקע „װילדע סאַמורייער". ס'איז נייטיק צו געדענקען, אַז אין דער מילכאָמע מיט דער כינעזישער אַרמײ און קעגן דער רױטער אַרמײ װעט אונדז אױס- קומען זיך צו טרעפן מיט פאַרשיידנאַרטיקע מעטאָדן פון פירן מילכאָמע, מיט פאַרשיידנאַרטיקע אומדערװאַרטע טאַקטישע גענג.

װיאַזױ קאָן מען אַריבערגײן דעם אַמור?

אױב אין די שלאַכט־אָפּעראַציעס אין אַמורער ריכטונג װעט מען ניט אָנעמען די נױטװענדיקע מאָסמיטלען, װעט דער סױנע קאָנען מאַכן אַן אָנגריף אַף ציציקאַר און כאַרבין. עס איז געװונטשן, אַז אונדזער אַרמײ זאָל אין פרידנצײַט אַריבערגײן דעם קלײנעם כינגאַן און זאָל זיך באַ- װײַזן אינעם ראַיאָן פון מאַטשושאַנשאַנער סטאַװקע אין כײכע.

דער דאָזיקער ראַיאָן איז באַדעקט מיט אומענדלעכע װעלדער. דאָ, צװישן די װעלדער פון װײַטע בעריאָזעס, װעלן אַרומשװינדלען קאַװאַליע־ ריסטישע פּאָסטנס און אױסשפּיר-אַעראָפּלאַנען, זײ װעלן זוכן צװישן די װעלדער שפּורן פונעם סױנע.

די רױטע אַרמײ באַרימט זיך, „אַז מיר זײַנען, קלוימערשט, ספּעציאַ־ ליסטן אַף שלאַכט־אָפּעראַציעס אין װאַלדיקע ערטער", אָבער לײענענדיק דעם אָפּטײל „װאַלד־שלאַכט" אין זײער אינפאַנטעריע־סטאַטוט, פילט זיך, אַז די הױפּט-אײַנשטעלונג איז געמאַכט געװאָרן אַף דער פאַרטײדיקונג־שלאַכט.

די רוסישע אַרמײ האָט שױן פון לאַנג אָן אַ געװוינהײַט צו פאַר־ טײדיקונג־שלאַכטן. דעריבער האָט זיך איר קײנמאָל ניט אײַנגעגעבן אָפּצור־ האַלטן אַ גלענצנדיקן ניצאָכן. איך האַלט ניט פאַר שרעקלעך דעם מעטאָד פון פירן די װאַלד־שלאַכט פון דער רױטער אַרמײ. אַ סאַך שװערער איז פאַר אונדז די פּראָבלעם פון אַריבערגײן דעם טײַך אַמור.

אַפן צאָפן־ברעג פון אַמור האָבן זיך אױסגעצױגן װי אַ לאַנגע שלאַנג די פּאָזיציעס פון דער רױטער אַרמײ. צענדליקער האַרמאַטן און הונ־ דערטער קױלנװאַרפער בילדן אַ ליניע פון אַ פאַרצאַמענדיקן קרײץ־פײַער, שאַפנדיק אַ שטאַרקע שוץ־ליניע.

באַם אַריבערגײן דעם טײַך, װעט זיך דאָ פאַנאַנדערפלאַקערן אַ בײ־

טערע שלאכט, וועלכע וועט קענען אָנגערופן ווערן די היינטצייטיקע אוד־זיקאווער שלאכט.

אונדזער ארמיי, וועלכע האָט דערשטוינט די וועלט מיטן אריבערגיין איבערן טייך לואנכע אין מיי 1933 פאר א פרייז פון גרויסע פארלוסטן, באפארבנדיק די וואסערן אין א בלוט-קאָליר, וועט פונדעסטוועגן נעמען די בלאגאָוועשטשענסקער פאָזיציעס.

אין דער דאָזיקער אָפעראציע שפייט פאָר א באזונדערע ארבעט פארן אינזשעניערישן מיליטער. די דרייסטקייט פון די יאפאָנישע אינזשעניער־טיילן, וואָס זיי האָבן ארויסגעוויזן, ארבעטנדיק אונטערן סוינעס די־רעקטן פייער, איז גענוג בוילעט פון די ביישפילן פון דער רוסיש־יאפאָנישער מילכאָמע און פון די שאנכייער שלאכטן.

דער באוווּסטער העלד, גענעראל - מאיאָר וויקאָנט טאקאסימא, וואָס שטאמט פון די אָפיצערן פון אינפאנטעריע, טראָגט ניט קיין העלמ, ער זאָגט: „פאר א סאפיאָר איז עס ניט נייטיק“.

אונדזערע סאפיאָרן זיינען אנדערע מענטשן, איידער די מענטשן פון אינפאנטעריע און קאוואליעריע. אינעם מיליטער זיינען פאראן פיל מענטשן מיט א כאראקטער פון „דרייסטע בראָדיאגעס“, פונקט אזוי ווי אויך צווישן די וועג־ארבעטער. אָן דעם וואָלטן די סאפיאָרן ניט געקענט ארבעטן גלייכגילטיק אונטערן פייער פונעם סוינע. און אין דער הינזיכט זיינען די יאפאָנישע סאפיאָרן די ערשטע אין דער וועלט.

אויב די מילכאָמע וועט פאָרקומען ווינטער, וועט איבערן אייז קענען אריבערגיין אפילע די שווערע 15-סאנטימעטערדיקע ארטילעריע. אָבער דער־פאר וועט אויסקומען צו פירן די שלאכט בא א 40—50 גראדיקן פראָסט, אין ענגע ווינטערדיקע קליידער. אונדזער אינפאנטעריע וועט דארפן דורכ־גיין דורכ די וועלדער אף ליזשעס און שליטנס אין ווייסע מאסקירנדיקע כאלאטן.

די קאוואליעריע וועט פירן די שלאכט-אָפעראציעס, אזוי ווי די מיי־רעוודיקע מיטלאלטערלעכע ריטער, אין פעלערינעס, וואָס פארדעקן סיי דעם רייטער סיי דאָס פערד.

אין דער רויטער ארמיי שטאָלצירט מען: „מיר וועלן ארויסשיקן אָטריאדן ליזשניקעס, באהאלטנדיק זיי אין שמאָלע היילן, און וועלן אָנ־הייבן אנ אָנגריפ אף די אָבאָזן פונעם סוינע“.

א שלאכט פון ליזשניקעס אין דער סיבירער טייגע! פונעם געדאנק אליין קלאפט דאָס הארצ.

אָבער אין די אָפעראציעס פון דער דאָזיקער ריכטונג וועט די רויטע ארמיי האָבן א מאפאָלע, אויב נאָר אונדזער ארמיי וועט ניט דערלאָזן קיין גראָבע פעלערן.

דאָס אָפּרייניקן דעם ראיאָן פון דעם סוינעס קליינע טיילן

עס איז פאראן נאָך א מעגלעכקייט דורכצוגיין פון כאבאראָווסק ארויף צו סונגארי און פון סאנסינג אָנפאלן אפ כארבין. אָבער אויך פאר דעם איז ניטאָ באזונדערס וואָס מוירע צו האָבן.

דאָס מיליטער, וואָס איז אנטלאָפן פון אונטער ספאסק, וועט קענען צושטיין צו דער עקספעדיציע-ארמיי און דעמלט וועלן די קויכעס פונעם סוינע זיין פיל אין צאָל. אָבער פונדעסטוועגן איז ניטאָ וואָס צו נערווירן. אונדזער ארמיי וועט נאָך ביז אָנהייב פון די שלאכט־אָפעראציעס ארויס־רוקן אירע פאָזיציעס אפן דאָרעם-ברעג פון אמור און וועט צעקלאפן די טיילן, וואָס גייען אריבער דעם אמור, און אונדזערע ספעציעלע אָטריאדן וועלן דאָ אריבערגיין איבערן טייך, איבערשניידן די אייזנבאן-ליניע צו מייַרעוו צו פון כאבאראָווסק. דער סוינע וועט אומקומען, אויב דער וועג פון צוריקטריט וועט איבערגעשניטן ווערן. דעריבער וועט דער אָנגריף אפ כארבין זיין אומעגלעך.

די אמורער פלאָטיליע, האָט איך, וועט אָנהייבן פירן אירע אָפעראַ־ציעס אינעם ראיאָן פון דער לעפצונג פון סונגארי, נאָר אויך זי וועט צע-קלאפט ווערן פון אונדזער טייך-פלאָטיליע און פון דער ארטילעריע.

ווען קעגן קאמטשאטקע וועט ארויסטרעטן אונדזער פלאָט, וועט די אָגע־בעו גאָרניט ניט קענען אונטערנעמען.

דער סאכאלינער גארניזאָן, וואָס געפינט זיך דאָ פון פרידנסצייט, וועט אויך פארניכטעט ווערן פון אונדזער ארמיי.

רוסלאנד באטראכט דעם טאטארישן דורכגוס ווי א זאך, וואָס געהערט צו אים, אָבער ווען אין דעם דאָזיקן דורכגוס וועלן אָנקומען די קאנאָ-נען־שיפלעך פונעם יאפּאָנישן פלאָט, וועט די לאגע זיך שטארק ענדערן.

אזויארום וועלן די אָפעראציעס אין דער פרימאָריער און אמורער געגנטן זיך אנטוויקלען אזוי, ווי עס שטעלט זיך אויך פאָר דער שטאב פון דער רויטער ארמיי. אין רעזולטאט וועלן מיר אין מיזרעכ-סיביר ניט זען קיין איין רויטע פאָן! א ראכמאָנעס אפ רוסלאנד, אָבער דערמיט וועט זיך פארענדיקן די ערשטע העלפט פון דער וויַיטמיזרעכדיקער מיל־כאָמע!

די גענשטאביסטן פון דער רויטער ארמיי האָבן, ווייַזט אויס, פון אָנ־הייב אָן, אין די באהעלטענישן פון זייערע הערצער, זיך באשלאָסן אפ א מאפאָלע אין פרימאָריע, און טראכטן אזוי: „אפ די פעלדער פון די אנט־שיידנדיקע שלאכטן צו מייַרעוו פון גרויסן כינגאן וועלן מיר נעמען נע־קאָמע!"

נו, איז וואָס! לאָמיר זיך פרווון פאנאנדערקלייַבן די שלאכט-אָפּע־

ראציעס אפּ די ברייטע פּעלדער פון מאָנגאָליע (איך דאַרף באַמערקן, אַז די שלאַכט־אָפּעראַציעס וועלן זיך אָנהייבן קימאַט גלײַכצײַטיק אין אַלע דרײַ ריכטונגען, בלויז מיט אומבאַדײַטנדיקע אונטערשיידן אין די דאַטעס. אין דעם מאָמענט, ווען אַפּ מיזרעך וועלן מיר אָנגרייפן* אַפּ וולאַדיוואָסטאָק, וועלן מיר אויך אין מײַרעוו דערהערן די דונערן פון די האַרמאַטן־שאָסן).

די אַנטשיידנדיקע שלאַכטן צו מײַרעוו פון כינגאַן. אַ, גרויסער כינגאַן!

דאָס ערשטע אָרט, וווהין די רויטע אַרמיי וועט וואַרפן אירע בליקן, אויב זי וועט זיך באַשליסן אַרײַנדרינגען אין מאַנדזשוריע, — דאָס איז דער גרויסער כינגאַן.

איינער פון מײַנע באַקאַנטע האָט געזאָגט: „גיב מיר קויכעס פון דרײַ דיוויזיעס, און אַפן באַרג־רוקן פון כינגאַן וועל איך מיט די דאָזיקע קוי־כעס קענען אָפּעדירן קעגן אַ 500-טויזנטיקער רויטער אַרמיי".

דער דאָזיקער מענטש איז לאַכלוטן ניט קיין ליבהאָבער צו באַרימען זיך. די באַרג־שפּיצן פון דעם גרויסן כינגאַן זײַנען אַ גרויסע פאַרצאַמונג. עמעס, די בערג זײַנען ניט אַזוי שטאַרק הויך, דאָס זײַנען רייען פון ניט קיין גרויסע בערג, וואָס טיילן אָפּ מיט זייערע כוואַליעס די מאַנדזשורישער פליינען פון די מאָנגאָלישע סטעפּעס. אַפן צאָפן זײַנען די בערג באַוואַקסן מיט וואַלד, אַפן דאָרעם זײַנען עס נאַקעטע סאָפּקעס. עס איז ניט צו פאַר־שטיין, צי איז עס אַ פעסטונג אָדער אַ נאַטירלעכע פאַרצוימונג. לאָמיר אַ קוק טאָן אַפן דאָרעם פון דער סטאַנציע כינגאַן. פאַר אונדז שפּרייט זיך פאַנאַנדער דאָס גרויסע פלאַכלאַנד כולון־בויר, די וויסטענישן און סטעפּעס ציִען זיך ביזן סאַמע האָריזאָנט.

ווען די רויטע אַרמיי וועט אָנהייבן דעם דראַנג אין דער ריכטונג אַפּ כינגאַן, וועט איר אַזוי אָדער אַנדערש אויסקומען דורכצוגיין דורך די סטע־פּעס. דער אַריבערגאַנג פון דאַוריע וועט באַטרעפן בא 250 קילאָמעטער. דעם דאָזיקן אַריבערגאַנג וועט זיי אויסקומען דורכצומאַכן אַפּ אַ פלאַכלאַנד, וווּ עס איז ניטאָ, ווו זיך צו באַהאַלטן.

איז וואָס זשע וועט זיך באַקומען, אויב אונדזער אוויאַציע וועט אַרויס־שיקן גרויסע באָמבע־פירער פון דער באַזע בא דעם מיזרעכדיקן באַרגפוס פון כינגאַן?

די קאַלאָנעס פון דער רויטער אַרמיי וועלן זײַן אַ צילברעט פאַר אונדזערע באָמבעס. אויב אפילע, מוירע האָבנדיק פאַר דער באָמבאַרדירונג, וועלן זיי דורכמאַכן דעם אַריבערגאַנג באַנאַכט, וועט זיך זיי אָבער ניט אײַנגעבן אויסצובאַהאַלטן זיך באַטאָג. מע דאַרף געדענקען, אַז די אײַזנבאַן

וועט, פאַרשטייט זיך, פאַרניכטעט ווערן און וועט ניט טויגן אַפּ צו באַניצן זיך מיט איר.

אָבער לאָמיר אַפּילע דערלאָזן, צום גינסטן פון די אָנהענגער פון דער רויטער אַרמיי, אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן צוצוגיין צום מײַרעוודיקן באַרג־פוס פונעם גרויסן כינגאַן. וועט זיי דאָ דערוואַרטן די יאַפּאַנישע אַרטילע־ריע, וועלכע וועט האָבן אײַנגעשטעלט אירע פּאָזיציעס אין די בעריאָזע־וועלד־לעך און אין די באַהעלטענישן פון די באַרג־פעלדזן.

די רויטאַרמייער וועלן ניט באַוויַזן אָפּצוועטעמען, ווי זיי וועט באַ־גיסן א האָגל גראַנאַטן.

די אַרטילעריע פון דער רויטער אַרמיי, וואָס טרויִמט וועגן נעקאָמע, וועט ניט קאָנען צוגיין צו די בערג, און אויב זי וועט זיך פּרוּוון צוגיין, וועלן די האַרמאַטן־דינער פאַרניכטעט ווערן פריִער, איידער די אַרטילעריע וועט אויפגעשטעלט ווערן אַפּ די פּאָזיציעס.

אויב זיי וועלן אַרויסגיין מיט שווערער אַרטילעריע — וועט זי זײַן אַן אויסגעצייכנטע צילברעט פאַר אונדזער אוויִאַציע. אויב זיי וועלן זיך פּרוּוון מאַכן אַן אָנפאַל אַפּ אונדזערע אַרטילערישע פּאָזיציעס פון זייער באָמבע־פירער „אַ נ ט״ — וועט אונדזער אַרטילעריע, וועלכע האָט באַהאַלטענע פּאָ־זיציעס אין די בערג, זיך געפינען אין די בעסטע באַדינגונגען פון ווידערשטאַנד.

אָט דאָס האָט געגעבן מײַן באַקאַנטן די מעגלעכקײַט צו דערקלערן, אַז „מיט דרײַ דיוויזיעט וועל איך זײַן רויִק״.

אין כינע האָב איך געזאָגט, אַז „באַטראַכטנדיק די מאַנדזשורישע גע־שעענישן פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען אַנערקענען פאַר באַ־זונדערס וויכטיק אונדזער אַריבערגאַנג איבער דעם כינגאַן. דער דאָזיקער אומשטאַנד דערלויבט פאַר יאַפּאַניע, אין פאַל פון א יאַפּאַניש־סאָוועטישער מילכאָמע, אויסצורעכענען אַפּ א ניצאָכן שוין אין די ערשטע שלאַכטן״.

פאַר די דאָזיקע ווערטער זײַנען אַפּ מיר אָנגעפאַלן די יאַפּאַנאָפּאָבישע צײַ־טונגען פון כינע. אָבער ווי פאַר די כינעזער זאָל דאָס ניט זײַן אומאָנגענעם, אָבער קעגן פאַקטן וועסטו גאָרניט מאַכן.

אין מעשעך פון פיל יאָרן זײַנען מיר זייער באַאומרויִקט פון דער פראַגע: „אויב די רויטע אַרמיי וועט פאַרכאַפּן דעם דאָזיקן באַרג־רוקן, וועט פאַר יאַפּאַניע שווער זײַן מילכאָמע צו האַלטן״. אָבער איצטער האָבן מיר ניט וואָס צו נערווירן.

דער כינגאַן, וואָס אין אונדזער פאַנטאַזיע שטעלן מיר זיך אים פאָר אַלס א פעסטע אוואַנגאַרד־ליניע פון פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד, איז באַ־פוצט מיט יאַפּאַנישע פאָנען.*

* אָט די דאָזיקע אָפענע פאַנטאַזיע בייטיקט זיך ניט אין קאָמענטאַריעס. די גאַנצע מאַנ־דזשורישע עפּאָפּייע פון „שטראָף״־עקספּעדיציעס איז א דירעקטע צוגרייטונג צו א מילכאָמע קעגן ראַטנפאַרבאַנד, און כיראַמא לייקנט עס ניט אָפּ.

נאָכן כינגאַן — גייט דאָס מאָנגאָלישע פּלאַכלאַנד. וועסט עס דורכגיין אַפ מײַרעוו, — איז טשיטא און דאָרטן איז ניט ווײַט אויך ביז בײַקאַל. און־דזער אַרמיי וועט ניט בלויז וואַרטן אַפן אָנגריף פון סוינע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַפן כינגאַן. קעדיי זיך צו פאַרטיידיקן, מוז מען אָנ־גרײַפן.

סטראַטעגיש איז אַפּ צו פאַרטיידיקן מאַנדזשוריע מוז מען דערלאַנגען אַ קלאַפּ איבער דער באַזע פון עם סוינע אין טראַנסבײַקאַל. דעריבער וועט אונדזער אַרמיי אויסקומען צו פירן שלאַכטן אין כולון־בויר, דאַוריע און אין די מאָנגאָלישע סטעפּעס.

די שוועריקײַטן פון די שלאַכטן אין דער וויסטעניש

די גרענעץ פון סיביר, כולון־בויר און אויסערלעכער מאָנגאָליע שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאַס פון ווילדן אוראַלטן סטעפּ.

די ליניע פון דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאַן, וואָס ציט זיך צו מײַרעוו פון עם גרויסן כינגאַן, און די אײַזנבאַן־ליניע, וואָס גייט אַפּ מיז־רעך פון טשיטא, באַגעגענען זיך אין מאַנדזשוריע. דאָס אָרט, וואָס ליגט אַפן דאָרעם פון דער דאָזיקער ליניע, און דאָס אָרט, וואָס ליגט צו צאָפן פון איר, זײַנען אינגאַנצן פאַרשיידנאַרטיק.

אַפן צאָפן וועקסט באַגעגענען אַ טײַכן אי בערגלעך אי געדיכטע וועל־דער, דאָ איז דאָס אָרט ענלעך צו דעם צאָפן־מאַנדזשורישן פּלאַכלאַנד.

אַפן דאָרעם אָבער איז בלויז ווילדער סטעפּ.

זומער וואָלט אויסגעקומען מילכאָמע צו האַלטן באַ אַ 40-גראַדיקער היץ, ווינטער — באַ אַ 50-גראַדיקן פראָסט.

דער באַדעקטער מיט גראָז סטעפּ איז דורכגאַנג־פּייִק אויך אָן וועגן און, ווי מיר דוכט, גיט ער געוויסע באַקוועמלעכקײַטן צו פירן די אָפּע־ראַציעס. אָבער צווישן דעם דאָזיקן סטעפּ טרעפן זיך דאָ און דאָרט פּלייץ־ערטער. אין דער זעלביקער צײַט איז דאָ פאַראַן ווייניק טרינק־וואַ־סער, ברייענמער באַגעגנסטו דאָ איינעם אַפּ צוואַנציק אָדער דרײַסיק ריִ.

איז דען אָט דער דאָזיקער אוראַלטער סטעפּ ניט קיין אויסגעצייכנטע נאַטירלעכע פאַרצוימונג קעגן דער רויטער אַרמיי, אַ פאַרצוימונג, וואָס איר וואָלט ניט געקענט פאַרבײַטן איינע אָדער צוויי דיוויזיעס?

זומער וועט דאָס צעגליטע זאַמד ברײַען די פיס פון די סאָלדאַטן און די דורכגעטריקנטע האַלדז וועט מען ניט קענען דורכשווענקען מיט אַ שלונג וואַסער. די וויסטעניש איז אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן איבערן סטעפּ — אַ מיראַזש, וואָס פאַרשטעלט דעם ציל און וואָס שלאָגט אַראָפּ פון וועג...

בא דער נאכט וועט דאָס מיליטער, וואָס איז פארמאטערט פונ מארש, דארפנ פאנאנדערשטעלנ בײַדלעכ, קעדיי זיכ צו ראטעווענ פונ די מאָסקיטנ אונ פערד-פליגנ. די לאגע דערמאָנט אָנגדז אָנ דער לאגע אינ דאָרעמ־אפריקע, וואָס מאטערט אויס די פראנצויזישע ארמיי. אָבער אונדזער הערויִשע ארמיי וועט פארקריצנ די ציינ אונ וועט אריבערטראָגנ אלע שוועריקײַטנ. גרעסערע זאָרג רופט ארויס דער פערד-באשטאנד.

א מענטש, וואָס האָט לאנג געלעבט אינ כולונ־בויר, דערציילט: „גרויסע, שיינע פערד לויטנ אויסזענ, וועלכע זײַנענ ניט געוווינט צו פילנ קיינ מאנגל אינ וואסער, אינ היי, טויגנ דאָ ניט. אָנ דעמ קליינעמ מאָנגאָלישנ פערדל, וואָס טראָגט לײַכט איבער אלע שוועריקײַטנ, וועט מענ זיכ דאָ ניט באגיינ“.

אינ 1929 יאָר, ווענ די רויטע ארמיי האָט געהאט א צוזאמענשטויס מיטנ כינעזישנ מיליטער, זײַנענ בא די כינעזער די פערד געפאלנ באמ צודיקטריט איינער נאָכנ אנדערנ.

אינ דער וויסטעניש טרעפט נאָכ אויסער דעמ א שרעקלעכער אוראגאנ. באמ באגעגענענ זיכ מיט אימ קומט זיכ אויס אנידערוואלגערנ אפ דער ערד מיטנ פאָנעמ ארונטער.

עס זײַנענ אויכ שווער די ווינטערדיקע שלאכט-אָפעראציעס.

אפילע אינ די טעג, ווענ עס שטייט א קלאָרער וועטער, בלאָזט א בייזער צאָפנ-מײַרעוודיקער ווינט, עס דרייענ שניי־ווירבלענ, עס הייבט זיכ אופ אפ צוויי־דרײַ מעטער זאמד־שטויב. פירנ א מארש איז אויכ אזוי שווער, ווי אינ א זאווערוכע.

ביים די באנאכטיקע אָפרוענ, איז ניטאָ קיינ האָלצ. דער מאנגל אינ כראָוויאנט איז גלײַכ סײַ זומער טײַ ווינטער.

די נויטווענדיקײַט צו פירנ די שלאכט-אָפעראציעס אינ אזעלכע ערטער איז זייער א שווערער פאקט. די רויטע ארמיי באריםט זיכ, אז „אויכ אינ אזא אָרט וועלנ מיר באווײַזנ אונדזער פעסטקײַט אונ מיר וועלנ קענענ פירנ מילכאָמע, ארויסווײַזנדיק אומענטשלעכע קויכעס“. אינדערעמעסנ. די סאָלדאטנ פונ דער רויטער ארמיי, אזוי ווי די מאָנגאָלנ, לײַדנ ניט פונעמ מאנגל אינ גרינס, טראָגנ לײַכט איבער סײַ קעלט סײַ היצ, זײַנענ גרייט צו א מילכאָמע אינ דער וויסטעניש.

אָבער אויכ אונדזערע סאָלדאטנ וועלנ אינ אונטערטעניקנ די וויסטעניש באווײַזנ זייער פיזישנ אונ מאָראלישנ קויעכ.

אינ די שלאכט־אָפעראציעס אינ דער וויסטעניש וועט אויסקומענ אָנצווענדנ די גיכגייענדיקע קאוואלעריע, וואָס מאטערט זיכ שווער אײַנ, די פאָרנדיקע אינפאנטעריע, די אָטריאדנ אפ קעמלענ אונ די אויטאָמאָביל־אָטריאדנ. פאר די שלאכט־אָפעראציעס פונ דעמ דאָזיקנ מינ פארמאָגט אונד-

זער ארמיי גענוג געוווינהייטנ פאר די באוועגלעכע מיליטער־פאררייניקונגען. אויכ די אוויאציע איז צוגעווינט צו פליִענ איבער דער וויסטעניש אונ איבערנ ווילדנ סטעפ. עס וועט ניט בלייבנ הינטערשטעליק אויכ דער אָבאָז.

איכ גלייב, אז אונדזער ארמיי וועט קענענ אָנשרעקנ די רויטע אינ באנאכטיקע שלאכט־אָפעראציעס. די רויטע ארמיי וועט, ווייזט אויס, אָנהייבנ אָנגרייפנ מיט אירע צענטראלע קויכעס פונ דאוריע אפ מאנדזשוריע. איר לינקער פלאנג וועט זיכ פרווונ דורכגייכ פונ סרעטענסק צום אויבערפלוס פונ אמור אונ דאָ אריבערגייכ דעמ טײַכ מיטנ ציל צו דערלאנגענ א קלאפ אפ כײַלינ. דער רעכטער פלאנג, וואָס זײַנע הויפט־קויכעס באשטייענ פונ קאוואלעריסטישע פאררייניקונגענ, וועט פונ דער אויסערלעכער מאָנגאָליע זיכ רוקנ צום טײַכ קערולענ.

אונדזער ארמיי, ווידער, וועט אלס ענטפער אפ די דאָזיקע אָפעראציעס געבנ די ערשטע שלאכט מיט אירע אָטריאדנ באמ פארטיידיקנ כינגאנ. גלײַכ נאָכדעמ וועלנ די רעזערוו־אָטריאדנ ביסלעכווייז אָנהייבנ אָנקומענ אפ דער ליניע פונ דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אייזנבאנ, אייניקע טיילנ וועלנ זיכ אײַלנ אָנקומענ אפ אווטאָמאָבילנ פונ טאאָנאנ דורכ מעלונ. אזוי, וועלנ אינ כינגאנער ראיאָנ אונ אינ ראיאָנ פונ די מאָנגאָלישע סטעפעס זיכ צונויפזאמלענ די שלאכט־פאָנענ פונ ביידע צדאָדימ. עס וועלנ זיכ צונויפקלײַבנ זייערע הויפט־קויכעס אונ דער הימל וועט פארציטערט ווערנ פונעמ ראש פונ די גרויסע שלאכטנ.

אינ דער דאָזיקער שלאכט וועט אונטערגעפירט ווערנ דער היסטאָרישער סאכאקל פאר 70 יאָר, וואָס זײַנענ דורכגעגאנגענ צײַט דער רעסטאווראציע פונ מעדזשי. אונדזער ארמיי דארפ דרייסט גייכ צום טויט, פארטיידיקנדיק די שטיל־אָקעאנישע טעריטאָריעס אונ אָפהיטנדיק איר היסטאָרישנ רומ.

די שלאכט־מעכטיקייט פונ דער רויטער ארמיי. זיי שטיצנ אויכ די אידיי פונ די דריי העלדנ

עס איז אומבאוווסט, צי וועלנ פאָרקומענ אינ דאוריע אונ אינ די מאָנגאָלישע סטעפעס פאָזיציאָנעלע אָדער מאניעווירנדיקע שלאכטנ.

די רויטע ארמיי האָט, ווייזט אויס, באשלאָסנ פעסט צו קעמפנ אינ ראיאָנ פונ טשיטא.

די קריגער פונ דער רויטער ארמיי זײַנענ באמ אויספילנ דעמ באפעל פונעמ קאָמאנדיר־באשטאנד פייִק אָפצולייגנ צו פינפ אונ זעקס שאָ אינ בלאָטע.

דער הויפט־קאָמאנדיר וואָראָשילאָוו זאָגט: „אינ דער צוקינפטיקער מילכאָמע וועט דעמ זיג אנטשיידנ ניט בלויז אָדער העראיזמ, נאָר טעכניק". אינ

דער מיליטערישער צײַטונג „קראסנאיא זוועזדא" ווערט אַן אַנדערש מאָל אויסגעלאַכט אונדזער אידיי וועגן די „דרײַ העלדן".* אָבער די וויַיטמיזרעכדיקע רויטע ארמיי אַליין נעמט טאָגטעגלעך די הויפּט־שטעלונג אָפּ „שטאָל און בלוט".

נאָך מער, דער אינפאַנטעריע-סטאַטוט פון דער רויטער ארמיי וואַרפט דעם לאָזונג פון „דרײַ העלדן".

„א נאָענטע שלאַכט — דאָס איז דער גרונט־לאָזונג און דער שלאַכט-מעטאָד פון דער אינפאַנטעריע" — אָט דאָס איז דער גייַסט פון דער רויטער ארמיי.

דער אויספיר פונעם אינפאַנטעריע־סטאַטוט: „די אינפאַנטעריע, וועלכע האָט מוירע פאַר א האַנט-שלאַכט, טויג נים אָפּ צו פאַרכאַפּן די איניציאַטיוו, ווי גוט זי זאָל ניט זיַין צוגעגרייט אין הינזיכט פון שיסן. די אינפאַנטעריע דאַרף זיך אַרייַנרייַסן אין די פּאָזיציעס פונעם סוינע און אין א באַגנעטן-געראַנגל אים פולשטענדיק פאַרניכטן".

עס ווערט אויך געזאָגט: „דער זיג אָדער די מאַפּאָלע אין א באַגנעטן-שלאַכט ווענדט זיך פון דער דרייסטקייט פונעם וווואָד-קאָמאַנדיר". די ווערטער זײַנען גענומען פון אונדזער אינפאַנטעריע־סטאַטוט אָדער פון די „שלאַכט-עלעמענטן".

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. „די אינפאַנטעריע, בא א באַגעגעניש מיט דער אוויאַציע, מיטן כימישן מיליטער, מיט טאַנק-טיילן אאוו. דאַרף זײַן זיכער אין איר ניצאָכן".

די דאָזיקע גרונט־האַנאָכע האַלטן מיר פולשטענדיק אונטער. עס טרעפן מאָמענטן, ווען די אינפאַנטעריע, ווי די פראַנצויזישע, וועלכע קען ניט פירן קיין שלאַכט אָן אַן אַרטילערישער צוגרייטונג, טויג צו גאָרניט.

אין אייראָפּע זאָגט מען, אז „די אינפאַנטעריע קען ניט מיט די אייגענע קויכעס צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער שוץ-פּאָזיציע פונעם סוינע". אָבער צו די וויַיטמיזרעכדיקע באַדינגונגען פאַסט ניט דער דאָזיקער פּרינציפּ.

אין דער רויטער ארמיי גלייבט מען טיף, אז „די באַגנעטן־שלאַכט איז דער גרונט־גייַסט פון מילכאָמע".

בא אונדז איז די אינפאַנטעריע דער הויפּט-מין אינעם מיליטער. פאַר-וואָס־זשע ווערט זי אַנערקענט פאַרן הויפּט־מין? דערפאַר, ווייַל די אינ־פאַנטעריע „רייַסט זיך אַרײַן מיט א באַגנעט־אַטאַקע אין די פּאָזיציעס פו-נעם סוינע".

* אין דער יאַפּאַנישער פּרעסע ווערט שטאַרק געלויבט דער העראָיזם פון די דרײַ אופרייַ־ סער, וועלכע זײַנען אומגעקומען בייס דער אָפּעראַציע אונטער צזיא־וואַנ. וועגן די דאָזיקע „דרײַ העלדן" שרײַבט עס דער אויטער. ר ע ד.

די אטאקע פונ דער אינפאנטעריע שטעלט דעמ מענטשנ אפנ גרענעצ פונ לעבנ אונ טויט.

אינעמ מאָמענט, ווענ דער מענטש פארטרויט זײַנ לעבנ דעמ בלישטשענדיקנ שארפ, אנטפלעקט זיכ אינ זײַנ גאנצנ גלאנצ דער סאמורייער גײַסט, דאָס געשטאלט פונ א פוסגייער אינ באגנעטנ־שלאכטנ מאָלט זיכ מיר אלס דאָס עמעסע געשטאלט פונ א יאפּאָנישנ שלאכט־מאנ.

אינעמ שפּיצ פונ דעמ באגנעט לעבט דער גײַסט פונ סאמוריי.

וויאזוי וועט דעמ דאָזיקנ באגנעט אופנעמענ די אינפאנטעריע פונ דער רויטער ארמיי? צי וועלנ זיי ענטפערנ מיט א קאָנטער-אטאקע, ווי דאָס פּאָדערט זייער סטאטוט? בײַ מיר איז אינ דער הינזיכט פאראנ גרויסע ספּייקעס.

די שוואכע ערטער פונ דער אינפאנטעריע פונ דער רויטער ארמיי דאָס איז — לאנגזאמקײַט, ניט-געשיקטע פארבינדונג אונ שוואכקײַט אינ באנאכטיקער שלאכט. דעריבער האָבנ זיי באזונדערס מוירע פאר דער באנאכטיקער אטאקע. גאָרניט לאנג האָט איינער פונ זייערע אָפיצערנ אינ א שפּאס ארויסגעזאָגט זײַנ אומצופרידנקײַט: „לייענענדיק דעמ יאפּאָנישנ אינפאנטעריע-סטאטוט, זעסטו, אז א באדײַטנדיקע שטעלונג נעמענ זיי אפ דער באנאכטיקער שלאכט. אזויארומ, וועט אונדז באדערנאכט ניט אויסקומענ זיכ אויסצושלאָפנ“.

אָבער די רוסישע אינפאנטעריע אונטערשיידט זיכ שטארק אפילע פונ די טיילנ פונ דער כינעזישער 19-טער ארמיי. פארמינערנ איר קראפט איז געפערלעכ.

וואָס אונדז שטעלט אינ פארלעגנהײַט איז דאָס, וואָס בא זיי איז אינ פרידנצײַט פאראנ 225 פּאָלקנ. די דאָזיקע צאָל אנטקעגנ אונדזערע 70 מעג מענ מעקאנע זײַנ (א גרויסע צאָל אינ פרידנצײַט באטײַט אויכ א גרויסע צאָל אינ קריגצײַט). ביים דער רוסיש-יאפּאָנישער מילכאָמע האָט זייער קאָמאנדיר קוראָפּאטקינ געזאָגט: „די יאפּאָנישע אינפאנטעריע איז שטארק, אָבער, צומ באדוירנ, איז זי קליינ אינ צאָל. דעריבער איז די אינפאנטעריע, וואָס איז אָנגעקומענ צומ סאָפ מילכאָמע, ניט געווענ אזוי שטארק, ווי די, וואָס איז אָנגעקומענ פריער, אונ מיר האָבנ פאר איר קיינ מוירע ניט געהאט“.

די דאָזיקע ווערטער זײַנענ פאר יאפּאָניע אנ אומאָנגענעמע וואָרענונג. א קליינצאָליקע ארמיי ווערט גיכ פארמאטערט.

ס'וועט זײַנ גוט, אויב דער סוינע וועט זיכ אונטערגעבנ ביז דעמ מאָמענט. אָבער וואָס וועט פּאסירנ, אויב דער סוינע וועט זיכ ניט אונטערגעבנ?

קלערנדיק וועגנ דעמ, קענ איכ ניט זיכ ניט דערמאָנענ די באגרינ־

דעטקײַט פונ האלטנ 25 דיוויזיעס, וואָס מיר האָבנ פריִער געטרוימט צו האָבנ.

אויב אָבער דאָס איז אומעגלעך, דארפ מענ זיך אומקערנ צו דער פריִערדיקער לאגע — האָבנ 21 דיוויזיעס.

ס'פארשטייט זיך, אינ דעמ פאל וועט אויסקומענ צו פירנ א באַשטימטנ עקאָנאָמישנ יאָך, אָבער לאָמיר א קוק טאָנ אפ דער רויטער ארמיי. זייער לאנד האָט פונ גאָרניט באשאפנ אינ וואָסערע ניט איז 15 יאָר 75 דיוויזיעס.

איך רעכנ, אז מיר זײַנענ בעקויעך אופצושטעלנ 4 דיוויזיעס. וואָס עס ווארפט זיך מיר אינ די אויגנ אונ רופט ארויס באדויערונג בא מיר, איז דאָס, וואָס פאר אונדזער ארמיי קלעקט שטענדיק ניט קיינ געלט אפ צו באשאפנ ניט בלויז דיוויזיעס, נאָר אפילע אפ אויסצובויענ א טאנק אָדער א באָמבע־פירער.

הערנ, אויב אפילע א דיוויזיע פונ דער רויטער ארמיי איז לויט איר שלאכטמעכטיקייט נידעריקער פונ אונדזערער א דיוויזיע (די פײַער־קראפט איז בא זיי גרעסער), איז אָבער קעמפנ מיט די קויכעס פונ אונדזערע 17 דיוויזיעס קעגנ זייערע 75 דיוויזיעס, מוז מענ זאָגנ, וועט זײַנ שווער.

דער גענעראל אָנאָ־מינאָבו, דערמאָנענדיק זיך וועגנ דער רוסיש־יאפאָנישער מילכאָמע, דערציילט: „מע דארפ זאָגנ, אז די רוסישע ארמיי איז געווענ שטארק. בייסנ שלאכט אונטער שאכע האָט אונדזער ארמיי געהאלטנ זייער שמאָל, אונ עס איז שווער געווענ צו באשליסנ, צי מיר וועלנ זיגנ אָדער זיי. איך דארפ אנערקענענ, אז איך האָב נערווירט אונ געצווייפלט אינ אונדזער ארמיי".

אָט אזא איז די עכטע מילכאָמע. מיר דארפנ זיך באמרויִקנ, אפ וויפל מיר וועלנ קאָנענ קעמפנ מיט אונדזערע קליינע קויכעס.

סטראטעגיע איז סטראטעגיע, באוואָפנטע קויכעס זײַנענ באוואָפנטע קויכעס. ווי געשיקט עס זאָלנ ניט זײַנ די סטראטעגנ, איז באמ מאנגל אינ באוואָפנטע קויכעס וועט אויסקומענ איבערצוטראָגנ שווערע שלאכטנ.

דער גענעראל קלאוזעוויץ זאָגט: „צעשלאָגנ דעמ סוינע מיט קליינע קויכעס, דערצו מוז מענ האָבנ א געשיקטנ גענעראל. אָבער נאָך א מער געשיקטנ גענעראל דארפ מענ דערצו, קעדיי אינ פרידנצײַט צו באשאפנ גרויסע קויכעס".

האָבנ קליינע באוואָפנטע קויכעס איז ניט קיינ קאָוועד פאר א נאציע. איך האלט ניט די יאפאָנישע עקאָנאָמיק אזוי שוואך, אז זי זאָל זיך דערליבנ אופצוהאלטנ בלויז קרעפטנ, וואָס פאסנ פאר א מעלוכע פונ צווייטנ ראנג.

די קאַוואַלעריסטישע שלאַכט אַף די פעלדער פון מאָנגאָליע

אַף די פעלדער פון מאָנגאָליע האָבן די רויטע א פּילצאָליקע קאַוואַ־לעריע — זייער שטאָלצ. די קויכעס פון דער רויטער קאַוואַלעריע באַשטייען פון 18 דיוויזיעס און 9 ספּעציעלע בריגאַדעס און באַטרעפן קימאַט 100 פּאָלקן, און שטייגן, אַזויאַרום, אַריבער לויט דער צאָל די קאַוואַלעריע פון יעדן לאַנד אין דער וועלט.

די קאַזאַקן, וועלכע שטייען איצט אונטער די רויטע פאָנען, זיינען שוין פון לאַנג אָן באַוווּסט מיט זייער קונסט פון דזשיגיטעווען.* די קאַ־וואַלעריסטישע פאַראייניקונגען האָבן אָטריאַדן פון פּאַנצער־אויטאָמאָבילן און פערד־אַרטילעריע, אַזוי אַז זייערע קויכעס דערלויבן ניט צו באַציִען זיך צו זיי לייכטזיניק.

דער קאָמאַנדיר פון זייער קאַוואַלעריע בודיאָני, וואָס האָט דעם טיטל פון א מאַרשאַל, וואָרנט גרויזאַם: „די אויסלענדישע אַרמייען מיינען, אַז די קאַוואַ־לעריע איז אַן אָפּגעשטאַנענער מין מיליטער. מיר וועלן א קוק טאָן, ווי איר וועט אויסהאַלטן אונדזער פייער־שטראָם".

עס זיינען פאַראַן עטלעכע מעטאָדן פון אָנווענדן א פייער־שטראָם. איינער פון זיי איז — די קאַוואַלעריע שיט זיך פּאַנאַנדער פאַרן סוינע אַף רעכטס און אַף לינקס, און פונעם פראָנט באַגיסט מען אים מיט פייער פון די קוילנוואַרפער אַף די טאַטשאַנקעס. אינעם מאָמענט, ווען עס קומט א פאַרלאָרנקייט אין די רייען פונעם סוינע, וואַרפט זיך די קאַוואַלעריע אַף אים מיט בלויזע שווערדן און פּיקעס. דער דאָזיקער מעטאָד פון פירן די שלאַכט פּאַסט פאַר די „ווילדע סאַמורייער".

אַלנפאַלס, זיינען זיי זיכער אינעם דערפאָלג פון זייער קאַוואַלעריע און באַציִען זיך צו יאַפּאָניע מיט פאַראַכטונג.

„דער כיסאָרן פון דער יאַפּאָנישער אַרמיי, — זאָגן זיי, — איז די קליינ־צאָליקייט פון זייער קאַוואַלעריע. קעדיי אין אָנהייב מילכאָמע צונויפצוזאַמלען גרויסע קויכעס אין צאָפן־מאַנדזשוריע און אין סיביר איז אַבסאָליוט ניי־טיק צו האָבן קאַוואַלעריע אַף צו באַשיצן זיך. אָבער יאַפּאָניע פאַרמאָגט אינגאַנצן 4 קאַוואַלעריסטישע בריגאַדעס".

זיי האָבן בעדייע אין מאָמענט פון קאָנצענטרירן אונדזער אַרמיי אין כּולון־בויר דורכצורייסן די פאַרטיידיקונג־ליניע פונעם פלאַנג אָדער פונעם הינטערלאַנד און אַרויסרופן א צערודערונג אינעם יאַפּאָנישן מיליטער. אין דער פאַרגאַנגענער רוסיש־יאַפּאָנישער מילכאָמע האָט מישטשענקאָס קאַוואַ־לעריסטישע פאַראייניקונג געמאַכט א טיפן מאַניעווער און האָט דערלאַנגט א קלאַפּ פון לינקן פלאַנג פון אונדזער אַרמיי.

---

* רייטער־קונסט. א י ב.

איצט וועלן ענלעכע אָפעראַציעס געמאַכט ווערן אין גרעסערע מאַסש־טאַבן.

פונדעסטוועגן גלייב איך אין דער מעכטיקייט פון אונדזער קאַוואַלעריע. די יאַפּאַנישע קאַוואַלעריע וועט אַרויסווייזן איר קונסט, ווי זי האָט דאָס אַרויסגעוויזן אין דער זומערדיקער שטראָף־אָפּעראַציע קעגן כאַטש־זשאַנ־שאַן און ווינטער אין די אָנגריפן אַף זשעכע. מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַרן דראַנג פון דער רויטער קאַוואַלעריע.

קלערנדיק וועגן די פּאַרשטייענדיקע שלאַכטן פון דער קאַוואַלעריע אין מאָנגאָליע, האָב איך, אַז אין דער שלאַכט וועט אָנטיילנעמען ניט בלויז קאַוואַלעריע, נאָר אויך אַוויאַציע, הויפּטזאַכלעך די פאַרניכטנדיקע. די קאַ־וואַלעריסטישע פאַרייניקונגען ווייזן אַרויס אַ גרויסע שוואַכקייט בײַ אַ באַ־געגעניש מיט אַ לופט־אַטאַקע. באַזונדערס שוידערלעך איז דאָס בילד, ווען בײַסן מאַרש פון דער קאַוואַלעריע נידערן אַרונטער אַעראָפּלאַנען און באַ־גיסן די קאַוואַלעריע מיט אַ פײַער פון קוילנוואַרפער. אונדזער אַוויאַציע האָט שוין אַויסגעפּרוּווט דעם דאָזיקן מעטאָד פון פירן אַ שלאַכט קעגן דער כינעזישער קאַוואַלעריע. עס זײַנען ניטאָ קיין סיבעס צו מוירע האָבן אויך אינעם קאַמף קעגן דער רויטער קאַוואַלעריע. איך גלייב שטאַרק אין דער מעכטיקייט פון אונדזערע פאַרניכטער פונעם טיפּ 91.

„אַ קאַוואַלעריסטישע פאַרייניקונג איז ענלעך צו אַ כמאַרע", — האָבן געזאָגט די פּאַכדאָנים (ניט קיין מיליטער־לײַט), צוקוקנדיק דעם אָנגריף פון מישטשענקאָס קאַוואַלעריע, וועלכע האָט אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב.

וואָס קען מען טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן מוירע פאַר שטויב? פאַרקערט, אַ וואָלקן פון שטויב איז זייער אַ גוטע זאַך. ער גיט אַן אויס־געצייכנטע ציילברעט פאַר אַ לופט־אַטאַקע.

די קאַוואַלעריסטישע פאַרייניקונגען פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע שנײַדן דורך די מאָנגאָלישע וויסטעניישן, גלייבן אין זייער פּילצאָליקייט און האַלטן, אַז „יאַפּאַניע איז שוואַך", וועלן אָנלייגן מיט זייערע קעפּ אין דער דאָזיקער וויסטעניש.

די קויכעס פון די מאָטאָ־מעכאַנישע פאַרייניקונגען

די רויטע אַרמיי איז שטאַרק אין צאָל ניט בלויז מיט איר קאַוואַ־לעריע, נאָר אויך מיט אַרטילעריע און מיט אינזשענירישן מיליטער. דער באַשטאַנד פון דער אַרטילעריע פון דער אַרבעטער־פּויערשער רויטער אַרמיי איז אַן ערך אַף דרײַ אַ האַלבע מאָל גרעסער, איידער אונדזערע אַרטי־לערישע קויכעס.

עס איז אויך גרויס דאָס אינזשענירישע מיליטער, וואָס אין זײַן באַ־

שטאנד גייענ אריַינ 21 סאפיאָר-באטאליאָנענ, 70 באזונדערע ראָטעס, 16 ראָטעס פאָרנדיקע סאפיאָרנ, 9 פאָנטאָנ־ראָטעס, 7 אײַזנבאנ־פאָלקנ, 2 פראָזשעקטער־באטאליאָנענ, 9 מאסקירונג-אָטריאדנ, 21 אָטריאדנ פונ וואסער-באזאָרגונג, 12 טעלעגראפ־פאָלקנ. די ציפערנ אליינ זײַנענ דערשיטערנדיקע. אָבער מע דארפ זיכ נאָכ אָפשטעלנ אפ דעם דאָזיקנ מינ מיליטער.

וואָראָשילאָוו האָט אינ יאנוואר 1933-טנ יאָר געזאָגט: „די רויטע ארמיי איז לויט איר באוואָפענונג ניט שוואכער פאר קיינ אנדער ארמיי. די קוילנווארפער זײַנענ ניט ערגער פאר די אמעריקאנישע, די אינזשעניערנ מאכאָוו אונ סיבירענקאָ האָבנ באשאפנ אנ ערשטקלאסיקע ארטילעריע. עס זײַנענ פארפולקומט די גראנאטנ. ביזנ 1929 יאָר האָבנ מיר געהאט טאנקנ, וואָס איז געווענ א ביזויענ צו ווײַזנ די אויסלענדישע אָפיצערנ. אָבער די איצטיקע טאנקנ פונ רוסישנ טיפ, וואָס דער אינזשעניער טאָסקינ אונ אנדערע האָבנ קאָנסטרויִרט, זײַנענ ניט ערגער פונ די ענגלישע, וואָס רעכענענ זיכ פאר די בעסטע אינ דער וועלט.

די צאָל טאנקנ האָבנ מיט 5—6 יאָר צוריק קוימ באטראָפנ 100 שטיק. איצט איז זי העכער פונ 1500 * די צאָל פונ די יאפאָנישע טאנקנ ווערט געהאלטנ בעסאָד, אָבער מיר דוכט זיכ, אז זי איז ניט גרעסער פונ א צענטל פונ דער דאָזיקער צאָל.

ביז דער לעצטער צײַט האָט די פראנצויזישע ארמיי שטאָלצירט, אז „לויט דער צאָל טאנקנ זײַנענ מיר די ערשטע אינ דער וועלט", אָבער ביסלעכווײַז האָט די אויבערהאנט באקומענ די רויטע ארמיי".

צוליב דער פארקאָנספירירטקײַט קאָנ מענ ניט וויסנ די גאנצע צאָל טאנקע־טיילנ אינ דער רויטער ארמיי. פונדעסטוועגנ איז אָבער זיכער באוווסט, אז אינ דער ארבעטער-פויערשער רויטער ארמיי איז פאראנ ניט ווייניקער פונ פיר טאנקנ-פאָלקנ אונ ניט ווייניקער פונ פינפ ספעציִעלע באטאליאָנענ. אויסער דעם איז נאָכ פאראנ ניט ווייניקער פונ 15 אווטאָפאנצער־אָטריאדנ אונ צענ אָטריאדנ פאנצער-צוגנ. בוכשטעבלעכ „אנ אײַזערנע ארמיי".

די לאגע פונ דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי אפנ מיזרעכ-מאָנגאָלישנ מילכאָמע־פלאצ ווערט נאָכ פארשטארקט מיט דער אָנוועזנקײַט פונ פיר מעכאניזירטע בריגאדעס. די דאָזיקע בריגאדעס שטעלנ מיט זיכ פאָר א פארייניקונג פונ א טאנקע-אָטריאד, פאנצער־אָטריאד, ארטילעריע־אָטריאד, אינפאנטעריע־טייל, סאפיאָר־אָטריאד, טעלעגראפישער אונ כימישער אָטריאדנ, דערבײַ באוועגט זיכ דער גאנצער באשטאנד אפ אווטאָמאָבילנ.

---

* מיר פארצייכענענ דעמ כאראקטעריסטישנ מעטאָד פונ כעזשבענענ: דער כאַמער וואָראָשילאָוו האָט גערעדט וועגנ 100 פראָצ. אונ 1500 פראָצ., ניט אָנווײַזנדיק די צאָל.

אין באַשטאַנד פון איין בריגאַדע זײַנען פאַראַן 330—320 מאַשינעס. מיר קענען זיך פאָרשטעלן, בײַס די דאָזיקע מאַסע וועט זיך לאָזן אין אָנגריף און וועט אופהייבן א שטויב איבערן סטעפּ.

אונדזער אינפאַנטעריע וועט אויסקומען ארויסצווײַזן גרויס העלדישקײַט, קעדיי אויסצוהאַלטן דעם דראַנג פון דעם דאָזיקן יאַבאָשע־פּלאָט.

פונדעסטוועגן איז אונדזער באַוועגלעכע פאַרייניקונג קאַוואַראַ, וועלכע איז דורכגעגאַנגען מיט א פאָרסירטן מאַרש אַפ זשעכע, דערנענטערט זיך ווײַטן טיף צו א מאָטאָ־מעכאַנישער פאַרייניקונג. אין דער רויטער אַרמיי האָט מען גערעדט: „יאַפּאָניע וועט צוליב מאַנגל אין קאַוואַלעריע אומבאַבאַדינגט באַשאַפן פאַנציר־פאַרייניקונגען“.

עס איז געווונטשן וואָס שנעלער צו באַשאַפן און ארויסשיקן אין ראַיאָן פון כולון כויר גרויסע מאָטאָריזירטע פאַרייניקונגען, וואָס זײַנען ניט שוואַכער פון די רויטע פאַרייניקונגען.

איז וואָס פאַר א רעזולטאַט וועט געבן די שלאַכט, ווען הונדערטער אויטאָמאָבילן און טאַנקען וועלן זיך צונויפקומען פון מײַרעוו און מיזרעך אַפ די פעלדער פון מאָנגאָליע, ווו זומער ברענט די זון און ווינטער נעמט דורך דער פראָסט? די שלאַכט פון די דאָזיקע פאַרייניקונגען וועט זײַן די סאַמע שרעקלעכע אין דער גאַנצער פעלד־מילכאָמע. א שלאַכט־פעלד פאַרהילט אין רויך; אַראָפּגעקלאַפּטע טורעמס, צעבראָכענע טאַנקען, אומבאַוועגלעכע, ווי טויטע קערפּערס, פלאַמענדיקע מאַשינעס... און אין הימל — א טשאַטע באָמבע־פירער, וואָס אַטאַקירן די ערדישע פאַרזעענישן. אן עכט בילד פון גענעם!

די כימישע מילכאָמע

אויסער דער קאַוואַלעריסטישער שלאַכט און דער שלאַכט פון די מאָטאָמעכאַנישע טיילן פאָרט נאָך ארויס די רויטע אַרמיי אויך אַפ דער כימישער שלאַכט.

בײַס די שלאַכטן אין זשעכע האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז די „כינעזער ווענדן אָן גאַזן“, און מיר האָבן באַשלאָסן: „אָט דאָס איז עס, עס הייבט זיך אָן!“

איינער פון די אַרטילעריע־אָפיצערן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד, דערציילט פאָלגנדעס:

„ווען איך האָב זיך געפונען אין א פּראָווינציעלן פּאָלק אין רוסלאַנד, איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו שלאָפן אין א בײַדל אין די לאַגערן. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א סיגנאַל־פײַפ פון א סירענע. דאָס איז פאָרגעקומען אַבסאָליוט אומדערוואַרט, און קעגן דעם לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן

אַן עכטע גאַז-אַטאַקע. די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט באַגיין מיט די קעגן־גאַזן, האָבן זיך געשטיקט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. און שפּעטער האָבן זיי נאָך באַקומען אַ גוטן כיילעק פונעם פּאָלק-קאָמאַנ-דיר. אַזוי־אַרום שאַפט די רויטע אַרמיי אַ לאַגע, וואָס איז זייער נאָענט צו אַן עכטער שלאַכט. ביים דער דאָזיקער לעקציע האָט איינער פון די אָפיצערן מיר איבערגעגעבן אַ מאַסקע און געזאָגט:

— נעמט עס, עמעס, אַן אויסגעצייכנטער קעגנגאַז.

— אין יאַפּאַניע זײַנען פאַראַן נאָך בעסערע, — האָב איך אים געענט־פערט, קעדיי ניט נאָכגעבן אים, אָבער אין האַרצן איז מיר געווען אַ ביסל אַ ביזויען".

אונדזערע קעגנגאַזן זײַנען זייער גוטע, אָבער מיר האָבן זיי ניט גע־נוג. אָבער דאָס שטודירן די כימישע קונסט רוקט זיך אויך בײַ אונדז בײַ־דײַטנד פאָרויס, באַזונדערס אין די וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע לאַבאָראַטאָריעס און אין נאַראָסינאַס שול.

אַז מע שטעלט זיך פאָר דאָס קעמפנדיקע מיליטער אין קעגנגאַזן און אין מאַסקירנדיקע קליידער אף די פעלדער פון מאַנגאָליע, וואָס זײַנען אַרומגעכאַפּט מיט רויך, זעט מען, אַז די אַנטשיידנדיקע שלאַכט מיט דער רויטער אַרמיי וועט זײַן ניט אַזאַ, ווי די שאַנכײַער.

עס וועלן געווען לײַדן סײַ די באַזיגטע סײַ די זיגער.

„עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער צו מיינען, אַז דו קענסט די מילכאָמע, אויב דו האָסט אַ דערפאַרונג בלויז פון די שלאַכט-אָפּעראַציעס קעגן ווייניק שלאַכטפעיִקע קעגנער" — האָט געזאָגט דער גענעראַל אָנאָ.

די רויטע אַרמיי איז שטאַרק. און אונדז וועט אויסקומען צו צעברעכן די דאָזיקע קראַפט.

דער גוראַנגל פון דער אוויאַציע פון יאַפּאַניע און רוסלאַנד

צום שלוס, לאָמיר אַ קוק טאָן אף דער אוויִאַציע פון דער רויטער אַרמיי.

מיט 12 יאָר צוריק האָט מען בײַ זיי ניט געהאַט אף וואָס צו קוקן און אַט האָבן זיך די דאָזיקע נישטיקע קויכעס פאַרוואַנדלט אין 20 ראָטעס, נאָכ-דעם אין 80 ראָטעס, און ענדלעך אין 200 ראָטעס.

די צאָל עראָפּלאַנען באַטרעפט 2500, פון זיי אין דער אַרמיי 2200, דאָס הייסט אין צוויי אַ האַלבע מאָל מערער, איידער אין אונדזער אַרמיי.

אין דער פריִערדיקער צײַט, זײַנען דער גרעסטער טייל עראָפּלאַנען גע-ווען פון אַלטן טיפּ. איצט אָבער באַווײַזן זיך דאָ און דאָרטן אוויִאַ-זאַוואָדן, וואָס פּראָדוצירן פאַרניכטער און באָמבע-פירער, מיט וועלכע זיי מעגן שטאָלצירן.

„אונדזערע עראָפּלאַנען, — האָט געזאָגט וואָראָשילאָוו, — דאַרפֿן מאַכן נאָך איין טריט פֿאָרויס. נאָך איין טריט, און מיר וועלן זײַן אַ פֿאָרגעשריטן לאַנד. איך גלייב אין דעם דערפֿאָלג פֿון די אינזשעניערן קאַלינין און טוכאַרעוו".

ווען מיר האָבן אויסגעבויט דעם פֿאַרניכטער 91, האָב איך זיך אָפּגערופֿן מיט פֿאַראַכטונג וועגן רוסלאַנדס אוויִאַציע: „די רוסישע אוויִאַציע איז אַ פּיל־צאָליקע, אָבער זי שטעלט פֿאָר מיט זיך בלויז אַ טשאַטע פֿון ראָבן. פֿון דער צאָל פֿאַרניכטער איז באַ זיי ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל האָבן די פֿלינקײַט פֿון 300 קילאָמעטער. זיי וועלן זיך אַפֿילע ניט קענען ראַטעווען באַ אַן אַטאַקע פֿון אונדזערע פֿאַרניכטער 91. אויסער דעם, זײַנען די רוסישע, לויט דער נאַטור, טעמפּע און אומבאַוועגלעכע און קאָנען בעשום אופֿן ניט פֿאַרעכנט ווערן פֿאַר ערשטקלאַסיקע קריגער אין אַ לופֿט־שלאַכט, וואָס זײַנע אָפּעראַציעס ווערן געמאַכט בליצשנעל".

איינער אַ רוסישער, וואָס האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער מײַנע, איז בייז געוואָרן, אָבער ער האָט גאָרניט ניט געקאָנט טאָן.

איך קען אָנרופֿן די לופֿט־שלאַכט — „מאָדערנע פֿעסטונג". די פֿאַרניכטער 91 און 92 — די שווערדן פֿון מאַסאַמונע און קאָקאַדזע.

דער קלאַפּ פֿון אונדזערע פֿאַרניכטער אין שלאַכט איינער קעגן איינעם וועט ברענגען אַ ניצאָכן אונדזער אַרמיי. אין שלאַכט וועלן זיי אַראָפּשיסן די אויסשפּירער „קאַלינין" און די באָמבע־פֿירער „אַ נ ט".

אָבער די רויטע אוויִאַציע, וועגן וועלכער איך האָב זיך שלעכט אָפּגערופֿן מיט דרײַ יאָר צוריק, און די רויטע אוויִאַציע פֿון הײַנטיקן טאָג זײַנען אַבסאָ־ליוט פֿאַרשיידנאַרטיק. פֿונדעסטוועגן רעכן איך, אַז זייער הויפּט־מײַלע איז אין דער צאָל, אָבער יעדער באַזונדער עראָפּלאַן שטעלט זיי אָפּן אָרט פֿון אַ צווייטראַנגיקן לופֿט־פֿלאָט.

בלויז אין הינזיכט פֿון באָמבע־פֿירער זײַנען זיי ניט שוואַכער פֿאַר אונדז. „אַנט 14" זײַנען עכטע לופֿט־שיפֿן.

פֿינף מאָטאָרן אַנטוויקלען 2400 פֿערד־קראַפֿט און גיבן אַ מעגלעכקײַט צו דעקן 4000 קילאָמעטער. ניט געקוקט אַף דער אויסערלעכער מעגושעמדי־קײַט, אַנטוויקלען זיי אַ שנעלקײַט פֿון 220 קילאָמעטער אַ שאָ.

אין אַ פֿינצטערער, אָנלעוואָנעדיקער נאַכט, וועלן זיי אַרויספֿליִען פֿון וולאַדיוואָסטאָקער באַזע און וועלן אונטערנעמען אַן אַטאַקע קעגן אונדזער אינדוסטריִעלן צענטער — דעם ראַיאָן אָסאַקאַ און קאָבע.

אָבער, ווי עס זאָגט דער דײַטשישער פֿאַלקאָווניק מערקאַץ, איז די שלאַכט־מעכטיקײַט פֿון אונדזער אוויִאַציע „ניט שוואַכער פֿאַר יעדן אויסלענדישן לופֿט־פֿלאָט". מיר דוכט, אַז מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן פֿאַר דעם „אַנט 14".

איך האָב פֿון לאַנג שוין געטרוימט וועגן גיך־גייענדיקע באָמבע־פֿירער

פון 200 און 300 קילאָמעטער שנעלקייט פונעם ענגלישן שווערן כאנדליי-פיידזש טיפ אָדער פונעם לייכטן פּאָקער-כארט, איצט איז אָנגעקומען די צייט, ווען מיינע טרוימען זיינען מעקויעם געוואָרן.

קעדיי ניט ארויסצוגעבן קיין סוידעס, וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן אפ דעטאלן. איך וועל בלויז זאָגן, אז עס איז נאָענט די צייט, ווען די אוויאציע פון יאפּאָניע וועט ווערן אן ערשטקלאסיקע.

דער קאָמאנדיר פון די לופט-קויכעס פון רוסלאנד באראנאָוו לויבט דעם אינזשעניער קאלינין, ווי עפּעס א מין מעלוכע־אויצער. אזעלכע אינזשעניערן זיינען אָבער אין יאפּאָניע פאראן וויפל איר ווילט.

איך האלט פאר מיין כויוו צו וואָרענען קעגן דער צאָליקייט פון דער רויטער אוויאציע, ווייל איך בין מעקאנע רוסלאנד, וועלכעס האָט א לופט-פּלאָט דעם צווייטן אין דער וועלט, אָבער אין דער זעלביקער צייט גלייב איך טיפ, אז אין לופטשלאכט וועלן מיר זיך ניט לאָזן צעקלאפּן.

(עס וואָלט זיך געהאָלט געניער באהאנדלען די פראגע פון לופט־שלאכט, אָבער דאָס איז אומעגלעך צוליב דער קאָנספּיראטיווקייט פון די יעדיעס, וועלכע כאראקטעריזירן די אעראָפּלאנען. די טאקטיק פון לופט-שלאכט איז אויך א קאָנספּיראטיווע. איך מוז זיך אנטשולדיקן פארן לייענער און זיך דערפון אָפּזאָגן).

אָפּהאנדלונג וועגן די שלאכט-אָפּעראציעס אפן ווייטן מיזרעך

די רעזולטאטן פון אנטשיידענער שלאכט

מיר האָבן זיך באקאנט מיט דער שלאכט-מעכטיקייט פון דער רויטער ארמיי. לאָמיר זיך פּרווון אונטערפירן סאכאקלען פון די שלאכטן אין מאָנגאָליע.

ווענעס צאד וועט צונויפזאמלען מערער קויכעס. די אָנגאבן וועגן מאָביליזאציע-פּלאן זיינען געהיימע. פונדעסטוועגן קאָן מען רעכענען, אז עס וועט פּאָרקומען א גרויסע שלאכט אנערעך פונעם מוקדענער טיפּ.

אויב מיר וועלן אפילע דערלאָזן, אז אונדזערע כולוב־בויִרער טיילן וועלן אין דער ערשטער שלאכט דערלאנגען א קלאפּ דעם 18־טן קאָרפּוס און וועלן זיך ווייט א רוק טאָן אינעם דאוריער ראיאָן (דאָס איז זייער א שווערע זאך), וועט דער סוינע אומבאדינגט ברענגען אין אָרדענונג זיינע קויכעס אין טשיטא אָדער אירקוטסק, קעדיי ווידער צו גיין אפ דאוריע. דעריבער וועלן שפּעטער זיך דארפן אנטוויקלען גרויסע שלאכטן.

אפ ביידע פלאנגען וועט די רויטע ארמיי אנטוויקלען ארומגאנג-אָפּע־ראציעס פון די קאוואלעריסטישע און מאָטאָ־מעכאנישע טיילן.

עס וועלן, אָן צווייפל, פאַרגעזעצט ווערן די לופט־שלאכטן און די אָפּעראציעס פון די יאבאָשע-טיילן.

אינעם „וועסטניק" פון לופט-פלאָט פון דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי פראָפּאגאנדירן שטארק די טאקטיקער קוואדיע, סונגוראָוו און אנדערע „דעם קאָנצענטרירטן קלאפּ". דער דאָזיקער מעטאָד איז עטוואָס ענלעך אפ דער טאקטיק פונעם אדמיראל פראט אין דער יאם-שלאכט.

די אטאקע וועלן אָנהייבן די באָמבע־פירערס, די אויסשפירער, די פארניכטער און שטורמער. גלײַך נאָכדעם וועט די ארטילעריע עפענען אן אוראגאן־פײַער, וואָס אונטער זײַן שוץ וועלן זיך לאָזן אין שלאכט די מאָטאָ־מעכאנישע טיילן.

דער דאָזיקער מעטאָד פון פירן שלאכט־אָפּעראציעס וועט ניט זײַן קיין מאָנאָפּאָליע בלויז פון דער ארבעטער־פויערשער רויטער ארמיי. אונדזער אוויאציע וועט אויך אונטערנעמען א פארניכטונג־אטאקע קעגן דער רויטער ארמיי. איך שילדער זיך אונדזערע לײַכטע באָמבע־פירער, וואָס פירן א שלאכט קעגן די שוצגראָבנס פון די שיסער, פון די ארטילערישע פּאָזיציעס און טאנקע־טיילן, און אונדזערע שווערע באָמבע־פירער, וואָס אטאקירן זייערע רעזערוון, וועלכע אײַלן זיך צו די באצירקן פון דער אנטשיידענער שלאכט. די פארניכטער וועלן נידעריק פלאטערנדיק אטאקירן די יאבאָשע-טיילן.

אין דער מילכאָמע אפ דער יאבאָשע, אזוי ווי אין דער יאם־מילכאָמע, איז פריער פאר אלץ נויטווענדיק צו פארכאפּן די לופט.

אפ דער אוויאציע לייג איך די גרעסטע האָפענונג.

ענדלעך, ווען עס וועט דערגיין ביז א האנט־שלאכט, וועט זײַן גורל לייזן דער מאָראלישער צושטאנד פונעם מיליטער. זיגן וועט יענער, וועמעס גייסט עס איז שטארקער. פארהארטעוועט דעם גײַסט איז אונדזער וויכטיקסטע אופגאבע!

די מײַלעם פון דער יאפּאנישער אײַזנבאן-נעץ

די טיילן, וועלכע פירן אנטשיידענע שלאכטן, וועלן זיך געפינען ווײַט פון די מיליטעריש-אינדוסטריעלע ראיאָנען. עס וועלן אויך ניט זײַן נאָענט פון די שלאכט-פלעצער די דערנערונג־רעסורסן. די אײַזנבאן-וועגן און די אוטאָמאָביל-וועגן — דאָס זײַנען די ארטעריעס פון דער ארמיי. די ארטעריעס פון אונדזער ארמיי זײַנען שטארקער, איידער בא דער רויטער ארמיי.

גיט א קוק, צי גייענ דענ ניט דורכ דרײַ דיקע ליניעס איבער דער קארטע פונעמ יאמ-אויבערפלאכ: די ערשטע — דורכנ קאָרייִשנ דורכגוס, די צווייטע — די ליניע, וואָס שנײַדט דורכ דעמ יאפּאָנישנ יאמ אפ צאָפנ-קאָרייע, די דריטע — די ליניע דורכנ געלנ יאמ אפ דײַרענ?

לאָמיר א קוק טאָנ ווײַטער אפ מאנדזשוריע. לאָמיר דערלאָזנ, אז די סטראטעגישע אײַזנבאנענ, וועלכע זײַנענ געווענדט צו פּרימאָריע אונ צו דער אמורער געגנט, געפינענ זיכ אונטער א מעגלעכנ קלאפּ. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ די קארטע פונ מאנדזשוריע אונ מאָנגאָליע מיט דער הויפּט-ארטעריע, וואָס גייט דורכ איר, אונ וואָס פאראייניקט מוקדענ אונ כארבינ. איינ ליניע גייט פונ מײַרעוו-קאָרייע קיינ מוקדענ, די צווייטע פונ צאָפנ-קאָרייע אפ טשאנטשונ, די דריטע פונ דער קאנטונער געגנט אפ מוקדענ. די דאָזיקע דרײַ ליניעס פארבינדנ יאפּאָניע מיט מאנדזשוריע.

די צאָפנ-מאנדזשורישע אײַזנבאנ, וועלכע גייט פונ כארבינ צו דער סטאנציע מאנדזשוריע, איז דער וויכטיקסטער פארבינדונג-וועג פונ מיליטערישער באדײַטונג. די צווייטע ליניעס גייענ פונ סיפּינגײַ אפ טאאָנאנ אונ פונ טאאָנאנ אפ סאָלונ. פונ טונליאאָ זײַנענ די דאָזיקע ליניעס געווענדט צו די דאָרעמדיקע באצירקנ פונ כינגאנ. דאָס איז די דריטע ליניע.

אויב מע זאָל צוגעבנ די ליניע, וועלכע גייט פונ מוקדענ אפ שאנכיינואנ אונ זשעכע, האָט אונדזער ארמיי פיר קאָמוניקאציע-ליניעס אינ הינטערלאנד, וועלכע גייענ אפ מײַרעוו.

„מיטנ פארנעמענ די אוסורייִער אײַזנבאנ וועלנ זײַנ פינפ", — זאָגט דער גענשטאביסט סורינ.

פארקערט, די רויטע ארמיי האָט אינגאנצנ איינ ליניע, וועלכע גייט צו מיזרעכ פונ אוראל אונ נאָוואָסיבירסק. די אומבאקוועמלעכקײַט פונ זייער קאָמוניקאציע איז אינגאנצנ קלאָר.

עס איז גענוג פאנאנדערצווויקלענ די קארטע פונ ווײַטנ מיזרעכ אונ סיביר, איז מיטנ ערשטנ קוק זעסטו די אומבאקוועמלעכע לאגע פונ דער רויטער ארמיי. עס איז מעגלעכ, אז פאר זיי וועלנ די שוועריקײַטנ זײַנ אפילע גרעסער, ווי מיר שטעלנ זיכ פאָר.

צי וועט זיכ ווײַט פארנעמענ די פארפאָלגונג?

אויב די רויטע ארמיי, א צעקלאפּטע אינעמ ראיאָנ כינגאנ, וואָלט זיכ גלײַכ אונטערגעבנ, וואָלט איכ געקאָנט זאָגנ: „אויכ 17 דיוויזיעס זײַנענ צו גרויסע קרעפטנ", — ווי מיינ באקאנטער האָט גערעדט וועגנ דרײַ דיוויזיעס. אָבער איכ רעכנ, אז די רויטע ארמיי וועט זיכ נאָכ האלטנ אונ וועט פירנ א קאמפ אפ דער צווייטער אונ דריטער פארטיידיקונג-ליניעס. מיט 30 יאָר צוריק האָט די רוסישע ארמיי, א צעקלאפּטע הינטער ליאאָיאנ, אונטערגענומענ א צווייטע אנטשיידנדיקע שלאכט הינטער מוקדענ,

דעריבער איז אין פאַל פון א מאַפּאַלע הינטער טשיטאַ, ווען די אַר־בעטער־פּויערשע רויטע אַרמיי פּאַרזעצן דעם ווידערשטאַנד הינטער איר־קוטסק.

איז ווי ווייט וועלן מיר זיי פאַרפאָלגן?

וואָס ווייטער מיר וועלן גיין פאָרויס, אַלץ אין אַן ערגערער לאַגע וועט זיך געפינען אונדזער אַרמיי.

וואָס ווייטער זיי וועלן לויפן צו מיזרעך, אַלץ שטאַרקער וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל פון זייער אַרמיי, אַלץ קירצער וועלן ווערן די וועגן פון צופירן אַמוניציע, אַלץ מער וועט ווערן די אַמוניציע גופא.

פאַרקערט, די עטאַפּ־וועגן פון אונדזער אַרמיי וועלן לענגער ווערן און עס וועט אַפילע פאַרשווערט ווערן זייער באַשיצונג.

אויב די אָפּעראַציעס וועלן זיך אַריבערטראָגן צו דאָרעם פון בייקאַל, אין ראַיאָן פון קראַסנאָיאַרסק, וועט אונדז, קען זיין, אויסקומען צו פילן אַף זיך די שלעכטע זייטן פון דער מילכאָמע אין ווייטע מעקומעס.

דער פאַרשטאָרבענער לעניג איז געווען ניט בלויז א גרויסער פאָלי־טיקער, נאָר אויך א קענער אין סטראַטעגישע פראַגן. ער האָט געזאָגט:

„ס'איז מעגלעך, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען רוסלאַנד וועט אויס־קומען מילכאָמע צו האַלטן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט. פונדעסט־וועגן איז זיך ניטאָ וואָס צו באַאומרויקן. אין דעם פאַל, וועלן מיר דאַרפן בלויז צוריקטרעטן. דער סוינע וועט פאַר דער דאָזיקער צייט איינגעמאַטערט ווערן, און מיט א קלאַפּ איבער די איינגעמאַטערטע קויכעס פונעם סוינע וועלן מיר דערגרייכן דעם זיג".

אַזאַ מעטאָד פון פירן אָפּעראַציעס האָט ניט לעניג דערפונדן. וועגן דעם האָט געשריבן קלאַוזעוויץ אין זיין בוך „אָפּהאַנדלונג וועגן מיל־כאָמע".

עס איז ניטאָ קיין אַנדער לאַנד מיט אַזעלכע לאַנגע וועגן פון צוריק־טריט, ווי רוסלאַנד. דער דאָזיקער באַדינג גיט א פּאָרצוג אַף אויסצומאַ־טערן דעם סוינע.

אין כינע, וווּ די וועגן אַף צוריקצוטרעטן זיינען אויך לאַנג, געפינען זיך די וויכטיקסטע שטעט אַפן יאַם־ברעג, אָדער אַף די ברעגעס פון די טייכן, און באַם צוריקטרעטן אין דער טיף פונעם קאָנטינענט פאַלט די אַרמיי אַריין אין באַרג־ראַיאָנען. אין רוסלאַנד, פאַרקערט, געפינען זיך די וויכטיקסטע מיליטערישע און עקאָנאָמישע פונקטן טיף אינעם לאַנד. דעם דאָזיקן לאַנד האָט די נאַטור אַליין באַפוילן צו פירן „א צוריקטריט־מילכאָמע".

דעריבער דאַרפן מיר ניט צו ווייט פאַרפאָלגן די רויטע אַרמיי. אַם־

העכסטן, זיך רוקנדיק צו מײַרעוו פון אירקוטסק, דארפן מיר גײן מיט א פאר-לאנגזאמטן טעמפּ, אויסמײַדנדיק באַדײַטנדיקע אָפּעראַציעס.

אין פאל, אויב דער סוינע וועט ארומרינגלען באַזונדערע ניט קיין גרויסע קויכעס, קאָן מען נאָך אונטערשמייכלען, אָבער אין אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט אָדער באַם פאַרפאָלגן איז ניטאָ וואָס צו שמייכלען.

נאַפּאָלעאָן פלעגט געוויינלעך ארויסגיין אפן שלאַכט-פעלד מיט א זויערער מינע, אָבער בא דער מאַפּאָלע אין וואַטערלאָאָ, ווי מע גיט איבער, האָט ער פון אינדערפרי אָן געלאַכט.

„דער וואָס קוקט אפן סוינע זיסלעך — דער פאַרשפּילט" — לערנט סונדזי.

מיר איז באוווּסט, אז די מיליטער-לײַט פון דער גאַנצער וועלט שאַצן אָפּ דעם קאָמאַנדירן-באַשטאַנד פון דער רויטער ארמיי, אלס א ניט-געשיקטן אין פירן אָפּעראַציעס. ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן און לייענען פאָלגנדיקע מיינונג: „ס'איז נאָך א פראַגע, צי וועלן קאָנען די קאָמאַנדירן פון דער רויטער ארמיי אָפּערירן מיט גרויסע פאַרייניקונגען".

אָבער אויך שילער פון קינדער-גאָרטן ווערן, פאר צען יאָר שילער פון א מיטלשול. איך האַלט, אז די קאָמאַנדירן פון דער ארבעטער-פּויערשער רויטער ארמיי דארף מען אָפּשאַצן אַנדערש אזוי, ווי די קאָמאַנדירן פון דעם אלטן רוסלאַנד. איך רעכן, אז צווישן זיי וועלן זיך געפינען אויך באַזונדערע העלדן, וועלכע זײַנען פייִק אפּ ריזיקאַלישע אָפּעראַציעס.

מיר וועלן געבן א קורצן שלוסוואָרט, אויב אונדזער ארמיי האָט אין דער רוסיש-יאַפּאַנישער מילכאָמע געהאַט אלס גרענעצן פאר די אָפּעראַציעס ליאַאָיאַן, מוקדען, טשאַנטשון און כאַרבין, וועט אין דער מילכאָמע מיט דער רויטער ארמיי די גרענעץ זײַן דאַוריע, טשיטאַ, אירקוטסק און דער לעצטער פונקט וועט, ווײַזט אויס, זײַן קראַסנאָיאַרסק.

דאָס איז, עמעס, מײַן פּערזענלעכע מיינונג. אָבער פונדעסטוועגן איז אויב די רויטע ארמיי וועט זיך אופירן פּראָוואָקאַטאָריש, וועט אַבסאָליוט ווערן נויטווענדיק, אלס מאָסמיטל פון זעלבסטשוץ, אריבערגיין די גרענעץ און א קלאַפּ טאָן איבער די סטראַטעגישע פונקטן.

איך וואָלט ניט געוואָלט, אז די, וואָס וועלן לייענען דאָס דאָזיקע ווערק, זאָלן מיינען, אז יאַפּאַניע וויל פאַרנעמען סיביר. אזוי ווי אין דער שטיל-אָקעאַנישער מילכאָמע וועלן מיר אַרויסטרעטן ערשט דעמלט, ווען די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע וועלן אונדז דערצו צווינגען, פונקט אזוי וועט אויך די ווײַטמיזרעכדיקע מילכאָמע אַרויסגערופן ווערן בלויז דורך רוסלאַנד.

אויב רוסלאַנד וועט ניט פאַרפירן קיין געשלעג, וועט יאַפּאַניע ניט מילכאָמע האַלטן. און אויב רוסלאַנד האָט ליב און וויל פאַרהיטן פאר זיך סיביר, איז זאָל עס א ביסל צוריקציִען די באַנגעטן פון דער ווײַטמיזרעכדיקער ארמיי.

דער פלאָט איז ניט בעקוויעם צו גיין אין מאַרש

עס איז נאָך געבליבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם פלאָט. אָבער דער פלאָט פון פּססר איז אזא, וואָס אים קען מען ניט נעמען אין כעזשבן. דער פלאָקס-קאָמיסאר פונעם פלאָט איז וואָראָשילאָוו, וועלכער זאָגט, אז פּססר דארף באשאפן א גרויסן 500000-טאָניקן פלאָט. אָבער יאפּאָניע דארף דאָס ניט באומרויִקן.

זייערע שלאכט-קריגעס זיינען: 4 ליניישע שיפן, בעראָש מיט „מאראט" (23 טויזנט טאָן), 4 קרייצערן, 30 עסמינצעס, 17 אונטערוואסער-שיפלעך. דער פלאָט פארנעמט אן אָרט צווישן א צווייטקלאסיקן און דריטקלאסיקן פלאָט.

דאָ שטעלן זיי אָן די טרויבן פון „מאראט", ענלעך צו אונדזער „מוצו", דאָ קאָנצענטרירן זיי זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט אף אונטערוואסער-שיפלעך. פונדעסטוועגן איז זייער פלאָט ניט בעקוויעם אונטערצונעמען א מאַרש אפן וויַיטן מיזרעך.

איך ווייס ניט, ווי עס וועט זיין אין צען יאָר ארום, אָבער דער רוסישער פלאָט וועט נאָך לאנג זיך ניט קאָנען באוויַיזן אין שטילן אָקעאן.

עס גייען קלאנגען, אז אין איטאליע זיינען אויסגעבויט געוואָרן 3000 טאָן אונטערוואסער-שיפלעך, וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין ווּלאדיוואָסטאָק. אונדזער פלאָט האָט אויסגעהערט די דאָזיקע קלאנגען מיט א קאלטן שמייכל.

דער פינפיאָריקער ווירטשאפט-פּלאן און דער צווייטער פינפיאָר

צו וואָס מע קאָן זיך ניט באציִען לײַכטזיניק, — דאָס איז צום צוקינפטיקן רוסלאנד. די קריגעס פון רוסלאנד מיט פינף יאָר צוריק און היַינט זיַינען אבסאָליוט פארשיידנארטיקע. מיט נאָך פינף יאָר שפּעטער וועלן זיי נאָך מער אויסוואקסן.

אייניקע האלטן פאר אומדערלאָזבאר, אז אין יאפּאָניע „האָט די ארמיי און דער פלאָט אויך אופגעפרעסן 80 מיליארד יען". אינעם גרעסטן טייל זיַינען עס מענטשן „אויסגעלונקענע אף אן אויסלענדישן שטייגער".

אין יאפּאָניע זיַינען פאראן ניט ווייניק אָרעמעלייַט, וועמעס לעבן עס איז זייער שווער. דעריין אָבער זיַינען ניט שולדיק די מיליטערישע הויצאָעס. די סיבע פון דער אָרעמקייַט ליגט גאָר אין אן אנדער זאך. יענער, וועלכער קלײַבט זיך כאָטש א ביסל פאנאנדער אין דער אלוועלטלעכער לאגע, פארשטייט אין וואָס עס גייט.

די רוסלענדער קאָנען איצט פּראָדוצירן אין זייער אייגן לאנד סײַ אווטאָמאָבילן סײַ עראָפּלאנען סײַ הארמאטן סײַ ביקסן סײַ גיפטשטאָפן, און אנדערע פארשיידענע באוואָפענונג-מאטעריאלן.

דער צווייטער פינפיאָר איז אויסגערעכנט אף אן אסיגנירונג פון 120 מיליארד. דער שווערפונקט ווערט דערבײַ געמאכט אף סיביר און דעם ווײַטן מיזרעך.

עס וועלן דורכגעלייגט ווערן נײַע אייזנבאן-ליניעס, עס וועלן אויסגעבויט ווערן גאָר גרויסע מעטאלורגישע זאוואָדן, אין קאָלאָסאלע מאסשטאבן ווערט פארברייטערט דער נאפט-ארויסבאקום. דאָס וועט מאכן פון סיביר א גאָר גרויסן אינדוסטריעלן צענטער. עס ווערט פּראָיעקטירט אויך צו באשאפן א גרויסן אינדוסטריעלן ראיאָן אין מײַרעוו-סיביר, באם בארגפוס פון די אוראלער בערג — אורא-קוזנעצק.

דער שווערפונקט ווערט דאָ געמאכט אף דער אינדוסטריע, וואָס וועט אויסניצן די קוזנעצקער קוילן און דעם אוראלער אײַזן.

עס ווערט אויך פּראָיעקטירט אויסצובויען גרויסע עלעקטראָ-סטאנציעס אינעם דאָזיקן ראיאָן, אָנהייבנדיק פון צענטראל-אזיע און איבער גאנץ סיביר. דער איבערגאנג פונעם צענטער פון דער אינדוסטריע פון מאָסקווע אין אוראל האָט א קאָלאָסאלע ווירקונג אף דער צוקינפטיקער ווײַטמיזרעכדיקער מילכאָמע. דאָס וועט דערלויבן דער רויטער ארמיי זיך צו באפרײַען פון די שלעכטע זײַטן פון „ווײַטע עקספּעדיציעס".

אינהאלט

זײַט

קוּסינענ — דער יאפאָנישער אימפעריאליזמ אונ דער כאראקטער פונ דער יאפאָנישער רעוואָליוציע 3

א. יוזשני — פסער אונ יאפאָניע 20

יע. זשוקאָוו — וועגנ יאפאָנישנ פאשיזמ 38

קארל ראדעק — דינאמיט אפנ ווײַטנ מיזרעכ 62

בײַלאגע:

ס. כיראטא — וויאזוי מיר וועלנ מילכאָמע האלטנ 73

Редактор перевода Г. Майзель. Тех. ред. М. Погостер.
Корректор М. Иткович.

Сдано в производство 9/VIII 34 г. Подписано к печати 26/VIII 34 г.
Формат бумаги 57×94¹/₁₆. 7 п. л. 40.000 зн. в п. л.
Уп. Главлита В—89116. «Эмес» № 63 Тираж 4000

Типография изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 707